STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07991

DOS LIED FUN HAYAVATHA

Henry Wadsworth Longfellow

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דאס ליעד פון

הייאװאטהא

פון

העגרי װאדזװאָרטה לאָנגפעללאָ

איבערזעצט פון ענגליש

פון

יהואש

1910

ארויסגעגעבען פון

פערלאַג „יהואש“

ניו יאָרק

THE SONG OF HIAWATHA

BY

HENRY WADSWORTH LONGFELLOW.

Translated into Yiddish

BY

YEHOASH

YFHOASH PUBLICATION SOCIETY

85 CANAL STREET.

NEW YORK

1910

Copyright, 1910, by S. Bloomgarden

אינהאַלט-פערצייכניס.

וועגען דעם ווערטה פון איבערזעצונגען פון דר. זשיטלאָווסקי iii.

אינדיאנישע נעמען און ווערטער xxv

דאס ליעד פון הייאַוואַטהאַ.

פּראָלאָג 3

I די שלום ליולקע 9

II די פיער ווינטען 17

III הייאוואַטהאַ׳ס קינדהייט 32

IV הייאַוואַטהאַ און מאַדזשיקיווים 44

V הייאַוואַטהאַ׳ס פאַסטען 59

VI הייאַוואַטהאַ׳ס חברים 73

VII הייאַוואַטהאַ׳ס וואַסער-רייזע 82

VIII הייאַוואַטהאַ׳ס פיש-פאַנגען 89

IX הייאַוואַטהאַ און פערל-פעדער 101

X הייאַוואַטהאַ׳ס חתן׳שאַפט 116

XI הייאוואַטהאַ׳ס חתונה 130

XII דער זוהן פון אבענד-שטערען 142

XIII	דאָס בענשען פון די קוקורוזע־פעלדער	160
XIV	בילדער ־ שריפט	172
XV	הייאוואטהא'ס קלאָג	182
XVI	פּאָ ־ פּאָק ־ קיווים	193
XVII	דאָס געיעג אויף פּאָ־פּאָק־קיווים	206
XVIII	קוואסינד'ס טויט	224
XIX	די רוחות	230
XX	דער הונגער	241
XXI.	דעם ווייסען מענשענ'ס פוס	250
XXII	הייאוואטהא'ס אפשייד	261

וועגען דעם ווערטה פון איבערזעצונגען

פון

דר. ח. זשיטלאָווסקי

1.

די אידישע קריטיק, וואָס האָט שוין אַזעלכע ערנסטע פערטרעטער, ווי בעל־מחשבות, ש. ניגער, בעל־דמיון און אַנדערע, בעהאַנדעלט נאָך דערווייל די איבערזעצונגען, ווי שטיעף־קינדער פון דער אידישער ליטעראַטור. דער אידישער ביכער־מאַרק איז אין דער לעצטער צייט בערייכערט געוואָרען מיט אייניגע ווערטפולע ווערק פון דעם אייראָפּעאישען שאַפען, וואָס שטעהען, לויט זייער טאַלאַנט, געוויס ניט ניעדריגער, עהדער אונזערע היימישע פּראָדוקטען, און פון דעסטוועגען האָט דאָס ניט גערייצט די לוסט פון אונזערע קריטיקער אָבצושטעלען זיך אויף זיי.

פיהלען אונזערע קריטיקער, אַז זייערע קרעפטען זענען אָבגעמאָסטען און קלעקען נאָר פאַר דעם אַנאַליז פון אונזער אייגענער אָרעמקייט? געוויס ניט. ווער עס דענקט זיך

אריין אין די בעסערע קריטישע ארבייטען פון א בעל־מחשבות, אדר א ש. ניגער, מוז מודה זיין, אז זיי וואלטען געהאט צו זאגען אן אייגען ווארט אפילו וועגען א שעקספיר און א געטהע. איך גלויב, אז די אמת'ע קאריפעען פון דער אל־וועלטליכער ליטעראטור וואלטען זיי אדרבה געגעבען א סך א בעסערע געלעגענהייט פאנאנדערצואוויקלען דעם קריטישען טאלאנט, עהדער די דערווייל נאך זעהר ענגע וועלט פון דעם ריין אידישען שאפען. זיי שליעסען זיך אדער איין אין אונ־זערע ענגע פיער ווינקעלעך, ניט דערפאר ווייל די פליגלען זענען צו קורץ און קאנען זיי ניט אויפהויבען צו א גרע־סערער הויך, נאר ווייל די פיער ווינקעלעך זענען אונזע־רע, ווייל אין זיי דריקט זיך אוים די אייגענע אידישע אינ־דיווידואליטעט, ווייל די ליעבע צו דעם אייגענעם פאלק נעהמט די אויבערהאנד איבער דער ליעבע צו דער קונסט בכלל.

עס פערשטעהט זיך, אז מיר האבען קיין רעכט ניט צו מאכען זיי א פארוואורף אין דעם פרט. דאס איז אן אונ־פערמיידליכע פסיכאלאגיע פון א דור, וואס דארף אוים־שטעהן א הארטען קאמפף פאר דאס רעכט צו פיהרען אן אייגענעם לעבען, צו „פערפיהרען זיך" אויף אן אייגענער קולטורעל בעל־הבתישקייט. דעם פארמער, וואס דרינגט צום ערסטען מאל־אריין אין א ווילדערניש, איז דאס אומגעהו־בעלטע קלעצער־הויז, געבויט פון אייגענע הענד, א סך טהייערער, עהדער פרעמדע מארמארנע פאלאצען. פאר דער מוטער איז יעדעם שכל'דיגע ווארט פונ'ם קינד א סך טיע־פער, עהדער די גאנצע ווייזהייט פון א שלמה־המלך, — און זי איז נוטה צו דערבליקען אין איהם גאונות דארטען, וואו דער זייטיגער מענש בעמערקט בלויז סימפטאמען

פון אַ גאַנץ געוועהנליכער ענטוויקלונג. די אידישע שרייבער פונ'ם איצטיגען דור איז אָבער שווער, כמעט אונ־מעגליך צו שטעלען זיך אויף דעם שטאַנדפּונקט פון זייטיגע מענשען. ניט נאָר פערבלענדט אונז די נאַטירליכע „מוטער־ליעבע". פון איהר כשוף וואָלטען מיר זיך געקאָנט בעפרייען, ווי עס בעפרייט זיך יעדער אינטעליגענטער מענש, ווען ער וויל, אָדער מוז אַ בליק טהאָן מיט ניכטערע אויגען אויף די מעלות און חסרונות פון זיין אייגען בלוט־און־פלייש. אונז פערבלענדט דער קאַמפּף מיט דעם אונגערעכטען שונא. די אויסגערעכנטע שנאה צו דער אידישער ליטעראַטור און איהרע טרעגער, די ראַפינירטע לוסט צו מאַכען „תחת חרב" אַלץ, וואָס איז בעשאַפען געוואָרען אין איהר, רופט פּסיכאָ־לאָגיש אין אונז ארויס אַן איבערשעצונג פון איהר ווערטה. אונזער ליעבע איז שוין ניט קיין נאַטירליכע, נאָר אַ גערייצ־טע, אַ נערוועזע, אַ פערבלענדטע. מיר קאָנען ניט האָבען קיין אויג אויף די חסרונות און דעם ריכטיגען וואוקס פון דער אידישער ליטעראַטור, ווייל דער געגנער ציעהט זי אראָב ביז צו דער „שאול תחתיה". איהר וואוקס ווערט דעריבער פּסי־כאָלאָגיש אין אונז אויסגעמאָסטען ניט לויט איהר אייגענער, ווירקליכער גרויס, נאָר נאָך דער לענג פון דער שטריק, מיט וועלכע מיר דאַרפען זי ווידער ארויפציעהען צו דער ליכטיגע זוהן. איך רעד דאָ ניט וועגען יענער פערביסענער, גרין־און־גאַל שפּייענדער פּאָלעמיק, וואָס האָט זיך אין דער לעצטער צייט ארויסגעריסען פון דער פען פון אַ בעדייטענדען העברעאישען שריפט־שטעלער, וואָס טהוט אונז דעם כבוד, פון צייט צו צייט „אראָבצוניעדערען" אין אונזער אָרעם שטיעבעל פון זיין אָלימפּישער הויך. די דאָזיגע פּאָלעמיק האָט ארויסגעפּלאַצט ערשט ניט לאַנג, און ניט זי האָט גע־

קאָנט האָבען א וועלכע עס איז ווירקונג אויף אונזער ביז־
איצטיגער אידישער קריטיק. אָבער די דאָזיגע פּאָלעמיק איז
ניט מעהר ווי א ס י מ פּ ט אָ ם, פון א טיעפער שטימונג,
וואָס הערשט שוין פון לאַנג אָן אין דער „אידיש"־פיינדליכער
אינטעליגענץ — דאָס איז דער אייטער פון א וואונד, וואָס
איז אָנגעשוואָלען ביסלעכווייז פון לאַנג אָן, פון זינט די אי־
דישע שפּראַך האָט שטאָלץ אויפגעהויבען די פאָדערונג צו
ווערן גלייכבערעכטיגט מיט דער „הארינטע" (העברעאיש),
אָדער גאָר אין גאַנצען פערנעהמען איהר פּלאַץ. די אט־
מאָספערע פון שנאה און קנאה האָט תמיד ארומגערינגעלט
דאָס וואקסען פון דער אידישער ליטעראטור: די שנאה פון
דעם אסימיליאטאָר און די שנאה פון דעם ציוניסט, — זיי
ביידע האָבען אונז געשטערט צו זיין אויסגערעכענטער אין
אונזער קריטישע אָבשעצונגען; זיי ביידע האָבען דורך דעם
קאָנטראסט ארויסגערופען התפּעלות'ען דאָרטען, וואו א בע־
שיידענערער לשון וואָלט געווען א גרעסערע ציער פאר דעם
אמת.

די זעלביגע פּסיכאָלאָגיע פון גערייצטער, נערוועזער און
א ביסעל פער־בלענדטער איבערגעבענקייט צו דעם אייגענעם
שאַפען אין אידיש האָט געמוזט זיך אָברופען אויף דעם
מעמד פון אונזער איבערזעצונגס־ליטעראטור, אויף די אָב־
שאַצונג פון איהר ווערט און בעדייטונג. איך קען א סך
מענשען, ביי וועמען די בעסטע איבערזעצונג פון אזא ווערק,
לאָמיר זאָגען, ווי געטהע'ס „פויסט", וואָלט ארויסגערופען א
סך וועניגער התלהבות, עהדער א נייע גוטע סקיצע פון פּרץ
אָדער שלום אש'ן. איך מוז מודה זיין, אז איך האָב אליין
דורכגעמאכט אזא פּסיכישע פּעריאָדע (איצטער ליעגט זי
שוין ווייט הינטער מיר) און מיר דוכט, עס איז שוין צייט

זיך אָבצוגעבען א ניכטערען דין וחשבון וועגען איהר פרינ־
ציפיעלער בערעכטיגונג. איך וויל די פראגע אוועקשטעלען
אזוי שארף, ווי נאָר מעגליך: וואָס זאָל מיך מעהר פרעהען,
— א גוטע, אמת קינסטלערישע אידישע איבערזעצונג פון
געטהע׳ס „פויסט“ אָדער די געזאמעלטע שריפטען פון.... לאָ־
מיר ארויסלאָזען די נעמען?

איך וויים, אז די פראגע איז אוועגגעשטעלט געוואָרען
א י י נ ז י י ט י ג, תלמודיש, און קלינגט א ביסעל מיט „נפל
מן הגג“. אָבער דער איינזייטיג־פלפול׳יסטישער „נפל מן
הגג“ איז אלע מאָל די ריכטיגע מעטהאָדע דאָרטען, וואו דער
פאָל מוז כירורגיש ארויסגעשניטען ווערן פון אלע איינצעלנע
מיט־ערשיינונגען, וואָס פערטונקלען זיין ריכטיגען „תוך“.

ובכן, נאָך א מאָל: זאָל זיין, אז דער מלאך גבריאל
קומט צו מיר און זאָגט בזה הלשון: „איך האָב אין דער
איצטיגער צייט נאָר איין־איינציגען שפראך־טאלאנט. ווילסטו,
וועט ער איהם אין גאנצען אוועגלעגען אויף די איבערזעצונג
פון „פויסט“ און דאָס וועט שוין איין מאָל זיין אַן איבערזע־
צונג! אָבער אויב דו ווילסט, וועט ער שרייבען אייגענע
סקיצען, און דראמען און מיר וועלען דערלעבען צו די „גע־
זאמעלטע שריפטען“ פון... לאָמיר ארויסלאָזען דעם נאָמען.
ווי דו וועסט זאָגען, אזוי וועט עס זיין.“

וואָס זאָל זיין מיין ענטפער?

אָט דאָס דארפען מיר איצט בעטראכטען, און איך רע־
כען, אז א פאָרוואָרט צו א גוטען איבּראָפּעאישען ווערק איז
דער פאסענדער פלאַץ דערצו.

.2

אַלע מאָל, ווען אַן אונטערדריקט פאָלק וואַכט אויף פון זיין היסטאָרישען שלאָף און נעהמט זיך בויען אַן אייגענע קולטור אין א שפּראַך, וואָס פלעגט נאָר גערעדט ווערן פון דעם ניעדריגען המון, זעהט די יונגע נאַציאָנאַלע פּראָגרעסיווע אינטעלליגענץ צו פערענטפערן זיך פאַר דעם פּראָגרעסיווען געדאַנק און בעווייזען מיט אותות ומופתים, אַז זי האָט אַ רעכט „צו מאַכען שבת פאַר זיך.“

עס קאָן זיין, אַז דאָס זוכען „היתירים“ פאַר אַ זעלבסטשטענדיגע נאַציאָנאַלע ענטוויקלונג איז אין גאַנצען אַן איבעריגע זאַך. אַ פאָלק איז א זעלבסט־צוועק. פּונקט ווי אַן איינצעל־מענש. אָבער אויך דער איינצעל־מענש פערטראַכט זיך אַ מאָל וועגען דעם זין פון דעם לעבען און קומט אָפּטמאָל צו דעם רעזולטאַט, אַז „טוב לו לאדם שלא נברא משנברא“: בעסער גאָר ניט געבאָרען ווערען אויף דער וועלט. פאַר וואָס זאָל דיזעלביגע פראגע פון אָפּטימיזם און פעסימיזם נישט טאָהרען אריבערגעטראָגען ווערען אויך אויף דאָס לעבען פון פעלקער? מילא, א פאָלק, וואָס לעבט שוין זיין אייגענעם קולטורעלען לעבען, איז אויף איהם קיין שאלות ניטאָ. אָבער א פאָלק, וואָס דאַרף מיט אזוי פיעל אָנשטרענגונגען ווידער־בעלעבען זיינע כחות, נישיים טאָהר מען גאָר ניט אַ טראַכט טהאָן וועגען דעם ז י ן פון די נייע איבעריגע אָנשטרענגונגען, פון דעם נייען קאַמפּף און די נייע אָפּפער, וואָס ווערען געפאָדערט פון יעדעם איינצעלנעם? דערמאָהנט מען זיך אָן דעם גאַנצען פעקעל צרות, וואָס די מענשהייט איז אויסגעשטאַנען אַ דאַנק דעם פאַקט, וואָס זי איז צוריסען אין איינצעלנע פעלקער, וועט אונז גאָר ניט זיי קיין

וואונדער, וואָס די פּראָגרעסיווע נאַציאָנאַלע אינטעלליגענץ פיהלט זיך פערפּליכטעט — ארויסצונעהמען א „הכשר“ ביי דעם פּראָגרעסיווען געדאַנק אויף אַן אייגענע נאַציאָנאַל־קול־טורעלע עקזיסטענץ.

איך וויים, אז דאָס זוכען גופא פון דעם היכשר איז שוין אַ סימן פון אַן אַנגעוואקסענע לעבענס־ענערגיע, פון אַ דערוואַכטען ווילען צו אַן אייגענעם זיין; אז „דער ערשטער בעוועגער“ איז דאָ ווי אומעדום דער געפיהל און אַז די לאָגיק פון דעם הכשר איז מעהר ניט ווי די פאָרם, אין וועלכע דער געדאַנק ווערט צוגעפּאַסט צו דעם געפיהל און האַרמאָניש צונויפגעשטימט מיט איהם. אָבער אזיי איז שוין די טבע פון דעם מענשליכען שכל. דער שכל וויל זיך אויסגעבען פאַר דעם בעל־הבית און איינשמועסען, אז די געפיהלען זיינען אַ רעזולטאַט פון זיין שכל׳דיגער אַרבייט און ניט אומגעקעהרט: אַז ער איז נישט מעהר ווי דער איינגעשוואָרענער משולח פון די געפיהלען. און דערזעלביגער טבע זיינער בלייבט דער שכל טריי אויך אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע, און דאָ אפשר נאָך מעהר, עהדער אומעדום, ווייל די „קליפּה“ פון דעם נאַציאָנאַל־געפיהל איז אפשר די שטאַרקסטע ליידענשאַפט, וואָס האָט ווען עס איז געברויזט אין דער מענשליכער געשיכטע.

עס וואָלט דעריבער געווען זעהר אינטערעסאנט, פאַנאַנ־דערצופּאַלמעסען אַלע נאַציאָנאַל־פּראָגרעסיווע „היכשרים“, וואָס זיינען ארויסגעשטעלט געוואָרען ביז אהער, כדי פּסיכאָ־לאָגיש ארויסצודרינגען פון זיי יענע בלינדע נאַציאָנאַלע געפיהלען, וואָס האָבען זיי ארויסגערופען. ליידער געהערט דאָס ניט אין די גרענצען פון פאָרוואָרט. אויך מוז איך מיך אָבזאָגען צו ברענגען דאָ באריכות אַלע יענע לאָגישע אַרגומענטען, וואָס זענען ביז אַהער ארויסגעשטעלט געוואָ־

רען פון דעם נאַציאָנאַל־פּראָגרעסיווען געדאַנק, ווען אפילו כמעט אַלע פון זיי האָבען אַ שטאַרקע שיכות צו אונזער ענין, צוליעב מיין ציעל וועט זיין גענוג, ווען איך וועל ברענגען נאָר די צוויי גרונד־אַרגומענטען, וואָס האָבען געשפּיעלט די הויפּט־ראָליע ביי דער פּראָגרעסיוו־נאַציאָנאַלער־אינטעל־ליגענץ, אַלע מאָל, ווען זי האָט געהאַט אין זין צו האַרמאָני־זירען דעם פערלאַנג נאָך אַן אייגענער קולטור מיט די פאָר־דערונגען פון דעם אַלגעמיין־מענשליכען פּראָגרעס.

איין אַרגומענט איז געווען — די אָריגינעלע ענטוויקלונג פון דער אייגענער פאָלקס־קולטור. דער אַנדערער אַרגומענט איז געווען — די נויטיגקייט צוצופּאַסען די גרויסע מאַסען צו דעם אַלגעמיין מענשליכען פּראָגרעס. דער ערשטער קלינגט מעהר נאַציאָנאַליסטיש, דער צווייטער — מעהר קאָסמאָפּאָ־ליטיש.

דער ערשטער אַרגומענט האָט גע׳טענה׳ט, אַז די אַלגע־מיין מענשליכע קולטור איז אַ גאָרטען פון פערשיעדענע פעלקער־קולטורען, וואָס דריקען אַלע אויס, אין זייער אייגענע שפּראַך און פאָרם, דעם זעלביגען אַלגעמיין־מענשליכען גע־דאַנק. וואָס רייכער אין איינצעלנע פעלקער־קולטורען, אַלץ רייכער דער אַלגעמיין־מענשליכער גאָרטען. און דעריבער, ווען מיר זעהען, אַז עס וואַקסט אויס נאָך אַ נייע קולטור, דאַרף דאָס אין אונז אַרויסרופען אַ פריידיגעפיהל, וויל עס וועט בעשאַפען אַ נייע אַטמאָספערע, אין וועלכע די שטראַה־לען פון דער מענשליכער ציוויליזאַציע וועלען זיך פאַנאַנדער־ברעכען אויף אַ בעזונדער אופן און פאַנאַנדערשפּיעלען זיך אין פאַרבען, וואָס מען האָט זיי נאָך ערגעץ ניט געזעהען.

דער צווייטער אַרגומענט איז מעהר דעמאָקראַטיש און אוטיליטאַריש. די געשיכטע פון די אונטערדריקטע פעלקער

אינ'ם נײנצעהנטען יאהרהונדערט האָט בעװיזען אַז די גרויסע מאַסען קאָנען נאָר יעמאָלט צוגעצויגען װערען צו אַ העכערער פּראָגרעסיװער קולטור, װען דערפאַר נעהמט זיך איהר גאַנצע אינטעלליגענץ. זי גיסט איבער דעם גייס־טיגען אוצר פון דער מענשהייט אין אַ שפּראַך, װאָס איז צו־געננגליך צו דעם גאַנצען פאָלק, און אין פאָרמען, װאָס זענען צוגעפּאַסט צו די פערשיעדענע בילדונגס־מדרגות פון זיינע איינצעלנע שיכטען. אמת, אָט די פּעדאַגאָגישע ארבייט קאָן ניט בלייבען ריין פּאַסיװ און מעכאַניש. אפילו איהרע ניע־דעריגסטע און פּאָפּולערסטע פאָרמען מוזען ארויסרופען נייע מעהר אָדער װעניגער אָריגינעלע בעשאַפונגס־כחות, װאָס ברענגען אריין אַ געװיסע אייגענע שאַטירונג אין דעם בעאַר־בייטעטען מאַטעריאַל. װער שמועסט שוין פון דער ארבייט אויף אַ העכערער בילדונגס־מדרגה אין קונסט און װיסענ־שאַפט. דאָרטען מוז דאָס פאָלק, אויב עס האָט נאָר אין זיך אַ פונק פון אייגענעם זשעני, ארויסברענגען אייגענע גרויסע טאַלאַנטען, װאָס װעלען מוזען איבערשמעלצען די גאַנצע מענשליכע קולטור אויף אַן אייגענעם אופן און אריין גיסען זי אין אייגענע נאַציאָנאַלע פאָרמען. אָבער דער עיקר איז ניט די אָריגינעלע ענטװיקלונג פון דער קולטור. דאָס איז אַ „מהיכא־תיתא"־זאַך, נאָך װעלכער מיר דארפען זיך ניט יאָ־גען. דער עיקר איז די בעשאַפונג פון אַ מענשליכער קולטור פאַר אַלע שיכטען פון דעם פאָלק.

װענדען מיר אָן די צװיי שטאַנדפּונקטען אויף די פראַ־גע: איבערזעצונגען אָדער אייגענעם שאַפען, — קאָן איי־נעם ארויסדרוכטען, אַז די פראגע קאָן פערענטפערט װערן זעהר לייכט, עס מאַכט נאָר אויס, אויף װעלכען שטאַנדפּונקט מען שטעלט זיך.

איז אונזער ציעל די אָ ר י ג י נ ע ל ע ענטוויקלונג פון דער קולטור, איז יעמאָלט וויכטיגער פאר אַלץ דאָס איי־גענע שאפען. מען קאָן ניט דערוואַרטען, אַז דאָס פאָלק זאָל שוין פון די ערשטע שריט אָן ארויסברענגען פון זיך די געטהעס און די טאָלסטאָיס, די דארווין'ס און די ניוטאָן'ס: מוז מען זיך בענוגענען מיט פראָדוקטען פון אַ קלענערען קאַ־ליבער. אונטער גינסטיגע אומשטענדען וועט די קולטור פון דעם פאָלק זיך שוין אַליין דערשלאָגען צו יענער הויך, אויף וועלכער דאָס פאָלק איז מסוגל לויט זיין טבע. פון דעם שטאַנדפונקט קאָנען די איבערזעצונגען ווייניג וואָס אויפ־טהאָן. אדרבה זיי קאָנען נאָך שאדען. וואָס געווינט די מענשהייט דערפון, ווען געטהע'ס „פויסט" וועט עקזיסטיע־רען נאָך אַמאָל אין אַ אידישער וואַריאַציע? איהר קולטור־אוצר ווערט דערמיט אויף אַ האָר ניט פערמעהרט, בעת איין פרץ'ס „צווישען צוויי בערג" איז שוין אַ גרעסערער אָדער קלענערער צוגאָב צו דעם אַלגעמיין־מענשליכען קולטורעלען־אוצר. און שאדען קאָן „פויסט", ווי איבערהויפט דאָס פרעמדע, דורך דעם, וואָס ער לעגט ארויף אַ שארף אויסגע־שפּראָכענעם שטעמפעל פון פרעמדען זשעני אויף די יונגע נאָך ניט פאַרטיג־אויסגעוואַקסענע שאפונגס־קראַפט, צווינגט זי אַריין אין פרעמדע פאָרמען און שטערט אויף אַזאַ'ן אופן איהר אייגענער אָריגינעלער ענטוויקלונג. איינער, אַ יונגער אידישער שריפטשטעלער, איז קאָנסעקווענט דערגאַנגען צו דער פאָרדערונג, מען זאָל זיך אין גאַנצען (אויף אַ געשיכטליכע ווייל) אָב־רייסען זי און זיך אָבשליסען סאי פון דעם העבּרעאישען עבר, סאי פון דעם אייראָפּעאישען היינט און פּרובען אָנהוי־בען וואַקסען אַליין פון זיך ארויס, ביז אונזערע שאפונגס־

כחות וועלען ווערען אזוי שטאַרק, אז קיין זאַך פון דער פרעמד וועט ניט קאָנען ברעכען אונזער אָריגינאַליטעט.

אַ גאַנץ אַנדער ענטפער בעקומט מען, ווען מען שטעלט זיך אויף דעם שטאַנדפּונקט פון צופיהרען דאָס פאָלק צו דעם אַלגעמיין־מענשליכען קולטורעלען לעבען. יעמאָלט מוזען מיר אָבשעצען די ווערק ניט לויט די אָריגינאַליטעט, וואָס אין זיי שטעקט, ניט לויט זייער ווערטה פאַר דער איבעריגער מענשהייט, נאָר לויט דעם בילדונגס־אינהאַלט, וואָס זיי טראָגען אריין אין דעם פאָלקס נשמה, לויט זייער ווערטה פאַר אונז אין דערהיים. דאָ האָבען מיר ניט וואָס צו פרעגען, צו איז דאָס ווערק געשאַפען געוואָרען פון אונז אָדער ניט. אַלץ וואָס די מענשהייט האָט בעשאַפען, האָט זי בעשאַפען פאַר דער מענשהייט, און מיר זענען אַ טהייל פון איהר. געטהע׳ס „פויסט“ איז אונזער „פויסט“ און אויב ער פעהלט נאָך אונז, איז געווים בעסער אָנצואווענדען אלע מיה, כדי צו קריגען איהם, עהדער ארויסצוברענגען פּראָדוקטען, וואָס קאָנען ניט שטעהן אויף דער זעלביגער הויך.

אין דער ארגומענטאַציע פון די צוויי שטאַנדפּונקטען ווייזט זיך ארויס אַן אינטערעסאַנטער פּאַראַדאָקס: דער מעהר נאַציאָנאַליסטישער שטאַנדפּונקט פון אייגענע אָריגינעלע ענטוויקלונג פאַלט אריין אין אַ מעהר קאָסמאָפּאָליטישע שטימונג, בעת דער „אַלגעמיינער מענש“ בויט אויף אַ הארט־נאַציאָנאַליסטישען עגאָאיזם. אין דער אמת׳ען! אַן אָריגינעלע ענטוויקלונג איז נאָר יעמאָלט אָריגינעל, ווען מען פערגלייכט זי מיט די פּראָדוקטען פון די אַנדערע פעלקער. און איהר ווערטה בעשטעהט ניט אין דעם, וואָס אין איהר דריקט זיך אויס פריי אונזער אייגענער „איך“, ווייל אָט דער דאָזיגער אייגענער „איך“ קאָן אפשר זיין אַ צווילינג פון

אן אנדער פאָלקס־נשמה און יעמאָלט וועט ער אין זיין אב־סאָלוטער „פרייהייט“ ניט ארויסברענגען קיין איין ווערט־פולען אָריגינעלען שטריך. און פאר וועמען האָט די אָריגי־נאַליטעט א ווערטה? פאר זיך גופא דאָך ניט, ווייל כל זמן איך לעב אין זיך און פאר זיך קאָן גאָר מיין אָריגינאַליטעט מיר קיינמאָל נישט קומען צום בעוואוסטזיין. א ווערטה האָט די אָריגינאַליטעט נאָר פאר דער גאַנצער איבעריגער מענשהייט דרויסען פון אונזער פאָלק׳ס שאפען, ווייל א דאַנק איהר ווערט בעררייכערט דער מענשהייט׳ס אוצר מיט נייע קולטור־פראָדוקטען, וועלכע זי אליין וואָלט שוין בשום אופן ניט ארויסגעבראכט. צוריק, וויל דער „צוציעהער“, וואָס זעהט, אז דער אלגעמיינער פראָגרעס זאָל הערשען אין דעם לעבען פון דעם אייגענעם פאָלק, כמעט גאָרניט טראַכטען וועגען דעם בעררייכערן די מענשהייט מיט מעהר נאַציאָנאַל־אָרי־גינעלע פראָדוקטען. וויכטיג פאר איהם איז נאָר די הויכע קולטורעלע מדרגה אין דער היים, אלץ איינס, ווי זי זאָל ניט אָבגעשאצט ווערען אין דער פרעמד, וואָס עס זאָל ניט זיין איהר ראָליע אין דעם אלגעמיין־מענשליכען אוצר.

.3

דער וואָס האָט טיעפער שטודירט דאָס נאַציאָנאַלע פראָבלעם, וויים פון וועלכען מקור עס נעהמט זיך אָט דער פאראדאָקס און וואָס איז זיין ריכטיגער זין: די צוויי שטאַנדפונקטען, וועגען וועלכע מיר רעדען, זענען אין תוך אריין דער אויסדרוק פון צוויי ארטען נאַציאָנאַלע אינ־טערעסען. דאָס זיינען די אינטערעסען פון נאַציאָנאַלער זעלבסטשטענדיגקייט, וואָס וויל פיהרען אַן

אייגענע קולטורעלע בעל־הביתישקייט, אַלץ איינס, אין וואָס די בעל־הביתישקייט, זאָל ניט בעשטעהן, און די אינטערעסען פון דער נאַציאָנאַלער פ ע ר ש י י ד ע נ ק י י ט, וואָס וויל, אַז יעדעם פאָלק זאָל בעטראַכט ווערן ווי אַ מיטגליעד פון דער מענשהייט, אָבער וואָס האָט אַן א י י ג ע נ ע ם פנים און אַן אייגענע בעדייטונג. די צוויי אַרטען אינטערעסען קאָנען נאָר אין דער אבסטראַקטער לאָגיק פאַנאַנדערגענומען ווערן בעזונדער. אין דער ווירקליכקייט זענען זיי תמיד צונויפגעפלאָכטען אין איינעם און רוהען אויף דעם שטילען גרונד־געדאַנק, אַז די פאָלקס־ענטוויקלונג איז אַ טייל פון דער אַלגעמיין־מענשליכער ענטוויקלונג. עס איז דעריבער קיין חדוש ניט, וואָס זיי געהען איבער איינע אין די אַנדערע; וואָס דער „נאַציאָנאַליזם“ אָדער דער „קאָסמאָפּאָליטיזם“ נעהמט באַלד ביי דעם צד, באַלד ביי דעם אַנדערן די אויבערהאַנד. ווי צונויפגעוויקעלט זיי זאָלען אָבער ניט זיין, ווי שווער עס איז פאַנאַנדערצונעהמען זיי אין לעבען, מוז מען דאָך מיט בעשטימטקייט זיך אליין פערענטפערן די פראגע: וואָס איז פאר א ו נ ז וויכטיגער: די זעלבסטשטענדיגקייט אָדער די אָריגינאַליטעט? די הויכע קולטורעלע מדרגה, אָדער „דאָס אייגענע וואָרט“, ווען אפילו עס איז נאָך שוואַך און פון קלייננער בעדייטונג?

איך מוז מודה זיין, אַז עס איז מיר זעהר שווער צו געפינען אַן אבסאָלוט זיכערען פּרובשטיין, מיט וועלכען מיר זאָלען קאָנען ריין אָביעקטיוו פערענטפערן די פראגע. איך קאָן נאָר רעדען פאר מיר און פאר די, וואָס שטעהען אויף דעם זעלביגען שטאַנדפּונקט אין דער נאַציאָנאַל־קולטורעלער פראַגע, ווי איך. אונז איז געווים טהייער די אָריגינעלע ענטוויקלונג פון דעם אידישען פאָלק און פאר מיר וועניגסטענס

ליעגט דער גאַנצער „היתר“ דער גאַנצער זין פון אַן אייגע־נער פאָלקס־עקזיסטענץ אין יענע נייע פּראָדוקטען, וועלכע אַ בעגאַבט פאָלק מוז ארויסברענגען פון זיך, וויבאַלד עס שאַפט זיך אַן אייגענע קולטורעלע אַטמאָספערע. אָבער ווי טהייער מיר זאָל דאָס ניט זיין, שטעהט ביי מיר אויף דעם ערשטען פּלאַן די הויכע קולטורעלע מדרגה פון דעם גאַנצען פאָלק, לויט די בילדונגס־גראַדען פון זיינע פערשיעדענע שיכטען, וואָס קאָנען זיך נאָר אין אַ לאַנגזאמען ענטוויקלונגס־פּראָצעס מעהר אָדער וועניגער אויסגלייכען. קודם כל — די זעלבסטשטענ־דיגקייט און דער רייכער אינהאַלט פון דער קולטור! דער־נאָך ערשט די דאגה וועגען איהר אייגענאַרטיגקייט. אָדער ריכטיגער: און אויך דערנאָך ניט גע׳דאגה׳ט וועגען דעם! די אייגענאַרטיגקייט מוז ארויסוואַקסען ביי אַ פאָלק, וואָס האָט איינינע טויזענד יאהר געלעבט אַ בעזונדער היסטאָרי־שעס לעבען און האָט דעריבער אויסגעאַרבייט און גיט איבער בירושה פו דור צו דור אַ געוויסען קערפערליך־גייסטיגען אַפּאַראַט, אַ געוויסע נערוועז־ און מארך־קאָמפּאָזיציע, וואָס מוז אַרויפלעגען איהר שטעמפעל אויף איטליכען אינהאַלט, וועלכען זי וועט בעאַרבייטען.

וועגען פעלקער, וואָס דאַרפען ערשט אָנהויבען זייער היסטאָרישען וועג, וואָס האָבען נאָך קיין מאָל ניט בעוויעזען, וואָס זיי קאָנען, מעג מען נאָך אפשר זיין אין ספק, ווי לאַנג עס וועט דויערען, ביז אויך זיי וועלען ארויסברענגען אין זייער מארך־און־נערווען אַפּאַראַט אינטערעסאנטע אָריגינעלע שטריכען, וואָס וועלען פיהרען צו אינטערסאנטע אָריגינעלע פּראָדוקטען. אָבער אזעלכע ספיקות קאָנען ניט האָבען קיין פּלאַץ פאר דער אידישער אינטעללינענץ, וואָס נעהמט זיך איצטער בעשאַפען א נייע קולטור־אטמאָספערע אין דער אי־

דישער שפּראַך. דער בעשטימטער, אָריגינעלער אידישער מאַרך־און־נערוועז אַפּאַראַט איז שוין דאַ אַ פאַרטיגער, און ביישפּיעלען פון זיין קראַפט און שעהנקייט האָט ער שוין צוגעשטעלט איבער־גענוג, סאַי אין דעם העברעאישען שאַ־פען פאַר זיך אין דער היים, סאַי אין דעם אייראָפּעאישען שאַפען פאַר דער פרעמד. די פראַגע פון אַן אָריגינעלער איי־גענער קולטור אין אידיש העננגט דריבער ניט אָב פון דעם סכום און דער בעדייטונג פון יענע ווערטהען, וואָס זענען שוין בעשאַפען געוואָרען אין איהר. וואָלטען מיר היינט נאָך גע־שטאַנען ביי דעם „צאינה וראינה“ און די פאָלקס־מעשה׳לעך, וואָלטען מיר אויך יעמאָלט געהאַט דאָס זעלביגע רעכט צו פערפיהרען זיך אויף אַן אייגענער רייכער בעל־הבתישקייט אין אונזער פאָלקס־שפּראַך ווי איצטער, ווייל אין ש א פ ע נ ד ע כחות איז ביי אונז קיין מאָל קיין מניעה ניט געווען. די פראַגע וואָלט געווען (און זי איז נאָך ניט אין גאַנצען פער־שוואונדען עד היום), צי איז אידיש, ווי אַ שפּראַך, מסוגל איבערצוגעבען די גאַנצע רייכקייט פון דער מאָדערנער קול־טור, אויפהויבען די מדרגה פון אונזער בילדונג אויף דיזעלבי־גע הויך, אויף וועלכער עס געפינט זיך די קולטור פון אַלע אַנ־דערע געבילדעטע און ציוויליזירטע פעלקער. די פראַגע אָבער קאָן אַ סך לייכטער פערענטפערט ווערען דורך איבער־זעצונגען, עהדער דורך דאָס אייגענע שאַפען.

ווער קאָן וויסען, וויפיעל געדאַנקען און בילדער, שטי־מונגען און ניואַנסען עס ווערן פון דעם איצטיגען אידישען שרייבער אונטערדריקט, ווייל די שפּראַך גיט איהם נאָך ניט די מעגליכקייט פּינקטליך איבערצוגעבען אַלץ, וואָס עס טראָגט זיך פאַר זיין גייסטיגען אויג? איך וויים, אַז ניט די שפּראַך איז אין דעם שולדיג, נאָר ערשטענס איהר נאָך ניט

גאנץ ענטוויקעלטער צושטאנד און צווייטענס — אין נאך א שטארקערען גראד — דאס, וואס מיר זענען אזוי ווייניג בע־קאנט מיט איהר. איך האב מיך תמיד געהאלטען פאר א שטיקעל בקי אין אידישע שפראך־מיטלען, אבער אז איך לייען אן ארטיקעל פון אונזער יונגען שפראך־ווירטואז, ש. ניגער, ווער איך פשוט נשתומם פון דעם שפרודעלנדעם קוואל נייע אויסדרוקען און ווארט־געשטאלטונגען, וואס שלאגט שפיעלענדיג און אהן אן אויפהער אין אלע זיינע בעסערע ארטיקלען. אבער ווער גאראנטירט מיר, אז זיין אינוועניגע אידעען־וועלט איז ניט נאך רייכער אין האלב־און פערטעל־טענער, פאר וועלכע אויך ער קאן לעת־עתה נאך ניט געפינען דאס ריין אידישע ווארט?

א י ב ע ר ז ע צ ו נ ג ע ן, אמת'ע, גוטע, ריין אידישע פון די רייכסטע ווערק פון דער מענשהייט וואלטען מיט א מאל אבגעראמט פון דער וועלט די פראגע וועגען דער אידי־שער שפראך־ארעמקייט, און וואלטען אין גאנצען פערשפארט דעם קינסטלער יענע מיה, וועלכע ער מוז יעצט אנווענדען אויף צו בעשאפען אדער ענטדעקען דעם נויטיגען אידישען אויסדרוק. די חבלי־לידה פון דער שפראך וואלט מען אין גאנ־צען געקאנט איבערגעבען דעם איבערזעצער, און אויב דער מלאך גבריאל וואלט באמת אוועקגעשטעלט פאר מיר די אלטערנאטיווע: א ד ע ר איבערזעצונגען, אדער אייגענעם שאפען אויף דער איצטיגער מדרגה, וואלט איך א רגע ניט געקוויינקעלט זיך און וואלט פעסט ארויסגעטראגען מיין גזר־דין: „א י ב ע ר ז ע צ ו נ ג ע ן!“

און מחמת נאך א וויכטיגערען טעם וואלט איך געקומען צו דעם זעלבינגען רעזולטאט. אלגעמיין־מענשליכע קולטור הייסט פאר מיר — ד ע ר א י י ר א פ ע א י ש ע ר קולטור־

קרייז. אָט ד אָ ס איז די מענשהייט, דער העכסטער שטאַ־
פּעל פון איהר ענטוויקלונג, און ניט די הונדערטע מיליאָנען,
וואָס זיינען געבליבען דרויסען פון איהם, און הינטער איהם.
אַ פאָלק, וואָס וויל לעבען מיט דער מענשהייט, אין דער
מענשהייט, מוז זעהן קודם־כל אַריינצונעהמען אין זיך אַ ל ע
זיינע אוצרות, די גאַנצע אונגעהויערע עשירות, וואָס איז בע־
שאַפען געוואָרען אין איהם פון האָמער אָן ביז אויף דעם
היינטיגען טאָג: פערשטעהט זיך, ניט זיינע טויזענדער
קליין־גייסטער, נאָר זיינע גאונים און קאָריפעען. דאָס הייסט
ניט, אַז דאָס פאָלק זאָל זיך אָבזאָגען פון אַלץ, וואָס עס
האָט אויסגעאַרבייט אין דער היים, — בפרט ניט דאָס אי־
דישע פאָלק, וואָס האָט אַזוי פיעל אַריינגעטראָגען אין דעם
זעלבּיגען אוצר פון דער אייראָפּעאישער קולטור. עס הייסט
אָבער, אַז דאָס היימישע מוז ה אַ ר מ אָ נ י ז י ר ט ווערען מיט
דעם נייען אוצר, אַז ער, דער א י י ר אָ פּ ע א י ז ם, — ווי
איך וויל איהם אָנרופען מיט איין וואָרט, — מוז ווערען דער
באַזיס פון אַ נייעם אָריגינעלען שאַפען און אַז פון דעם גאַנ־
צען היימישען אוצר זאָלען נאָר יענע עלעמענטען זיך ווייי־
טער ענטוויקלען, וואָס געהען ניט להיפך צו איהם. כל זמן
אָט דער געדאַנק וועט ניט אַריין אין אונזער פליישׁ־און־
בלוט, איז אָן עבירה אונזער גאַנצע מיה: אַ נייע קאָמבינאַ־
ציע פון אַזיאַטישע קולטור איז ניט ווערטה צו דערבליקען
דעם שיין פון דער זון. אונזער „יחוס־בריעף, וואָס גרייכט
ביז צו די פּיראַמידען“ האָט נאָר דערפאַר אַזאַ אונגעהויערען
ווערטה, ווייל מיר זענען געווען, ווי דאָס האָט היינע טיעף
בעמערקט, „אַ שטיק אייראָפּאַ, פערוואָרפען אין אַזיען“. אַ
דאַנק דעם, וואָס מיר זענען געווען אַ „שטיק אייראָפּאַ“ האָ־
בען מיר געקאָנט ווירקען אויף דעם ענטוויקלונגס־גאַנג פון

דעם מענשליכען גייסט; האָט געקאָנט דער אייראָפּעאישער גייסט אזוי שטאַרק ווירקען אויף אונז. מיר זיינען אייראָפּעער, און דאָס אין אונז, וואָס געהט להיפך צו אייראָפּעאיש, מעג פון מיינט־וועגען שוין היינטיגען טאָג געהן לעזזאל!

אין שטענדיגען קאָנטאַקט מיט דעם „אייראָפּעאישען" שאַפען, אין שטענדיגען נעהמען פון איהם און געבען איהם זאָל זיך ענטוויקלען די אידישע קולטור. אָבער דערצו מוז זי קודם כל שטעהן אויף אַן אייראָפּעאישער הויך, בעזיצען דאָס, וואָס די ענטוויקעלטע מענשהייט פערמאָגט שוין איצטער. אָבער דאָס קאָן פון אונז ערוואָרבען ווערען נאָר — דורך איבערזעצונגען. און אויב מיר וואָלטען די פינף־און־צוואַנציג יאָהר אָנגעווענדט אונזער ענערגיע אויף גוטע איבערזעצונגען, אָנשטאָט אַרויסצוקוועטשען פון אונזער אָרעמקייט דאָס ביסעל „אָריגינאַליטעט", וואָס מיר פערמאָגען, וואָלטען מיר, כלעבען, שוין געהאַלטען אַ סך ווייטער אין דעם אָריגינעלען שאַפען גופא, עהדער מיר זענען איצט...

איך האָב אַניעדערגעלעגט די פעדער און האָב געלאָזען פארבייציהען פאַר'ן זכרון די בעסטע זאכען פון דער אידישער ליטעראַטור, און דאָס האַרץ האָט אָנגעהויבען אַ ביסעל קלעמען. ווי? איז מיר לייכט זיך אויסצואיינען מיט דעם געדאַנק, אַז אָט די זאכען וואָלטען געבליעבען ניט געשריעבען? ניין, געווים ניט. און עס וואָלט אויך געווען ניט גאַנץ גערעכט צו מאָהנען פון דעם עבר, נאַכסאָל האָט ער בעסער ניט געמאַכט קיין גוטע איבערזעצונגען אויף דעם חשבון פון די אַנדערע זאכען (אָך! זיי זענען אַזוי פיעל!...). איך טרייסט מיך אָבער מיט דעם געדאַנק, אַז דאָס, וואָס איז שוין אָנגעשריעבען, קאָן קיין טהעאָריע ניט אויסמעקען; אַז קיין טהעאָריע אין דער וועלט קאָן סאַי ווי סאַי ניט אָבשטעלען

דעם שטראָם פון דעם אייגענעם שאַפען. און אַלץ, וואָס איך קאָן, על פּי שכל און על פּי יושר, דערוואַרטען פון אַ טהעאָריע איז ניט די אָבשטעלונג פון דעם שטראָם פון דער אידישער ליטעראַטור, נאָר זיין בערייכערונג דורך אַ נייעם צופלוס פון גוטע, טאַלענטפולע איבערזעצונגען. דיעזע אַרבייט האָט זיך שוין אָנגעהויבען, פיעלע האָבען שוין פערדיענט אַ גוטען נאָמען אויף איהר פעלד, און אונז קאָן עס נאָר פרעהען, ווען מיר זעהען, אַז אויך אַ שריפטשטעלער פון יהואָש'ס ראַנג האָט, ניט אויפגעבענדיג זיין אייגענעם שאַפען, אין דער לעצטער צייט אַזוי פיעל אויפגעטהאָן פאַר דער אידישער איבערזעצונגס־ליטעראַטור.

.4

פון דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור האָט יהואָש אויסגעקליעבען לאָנגפעללאָו'ס פּאָעמאַ „הייאַוואַטאַ“ (דער לעזער פערשטעהט, אַז מיר רעכענען אַמעריקאַ גייסטיג צו אייראָפּאַ). פאַר וואָס איז דער גורל אויסגעפאַלען גראָד אויף דאָס ווערק? דערויף איז דער דיכטער ניט מחויב צו געבען אַן ענטפער. ס'איז לאָנגפעללאָו'ס מזל! יעדעס אַנדערע גרויסע ווערק האָט ניט ווייניגער פערדיענט דעם כבוד. אָדער ריכטיגער: דאָס אידישע פאָלק פערדיענט די זכיה צו האָבען אויך יעדעס אַנדער גרויסע ווערק אין זיין ליטעראַטור.

אָבער אויב מען וואָלט אַוועקגעשטעלט די פראַגע, אין וואָס פאַר אַ מין פּאָעזיע עס נויטיגט זיך איצטער די אידישע ליטעראַטור מעהר פאַר אַלץ, וואָלט אפשר פון דעם שטאַנד־פּונקט שווער געווען אויסצוקלייבען אַ בעסערע זאַך, עהדער „הייאַוואַטאַ“.

וואָס אונז, שטאָדט און שטעדטעל־מענשען, פעהלט איז די נ א ט ו ר און די ליעבע צו איהר. אין אונזער גייסטיגען אוצר פעהלען, אָדער רעדען נאָך ניט גענוג שטארק יענע שטימונגען, וועלכע וואלד און פעלד, בארג און וואסער רופען ארויס. עס פעהלט דער „ריח השדה“, און גראָד מיט דער פעלד און וואלד־לופט, מיט דעם בארג־און וואסער־גייסט איז אזוי רייך אָנגעזאפט לאָנגפעללאָו'ס דיכטונג.

אָבער אויך דאָס פעהלט אונז (צו קיין גנאי זאָל דאָס אונז ניט זיין!): דאָס קאָנען אריינדרינגען אין דאָס לעבען פון א פרעמד פאָלק, ניט נאָר מיט'ן מוח, „על פי טהעאָריע“, נאָר מיט'ן געפיהל און מיט דער פאנטאזיע. אין אונזערע געדאנקען זענען מיר דאָס קאָסמאָפאָליטיש'סטע פאָלק פון דער וועלט. אין דעם געפיהלס־לעבען אָבער האָבען די צרות אין גלות אזוי ענג געמאכט אונזער נשמה, אז מיר האָבען שוין לאנג פערגעסען דעם „ואהבתם את הגר, כי אתם י ד ע ת ם א ת נ פ ש הגר“ (און ליעבט דעם פרעמדען, ווייל איהר פערשטעהט דעם פרעמדענ'ס נשמה). מיר האָבען אויפגעהערט צו פערשטעהן די נשמה פון א ניט־אידען, און אונזער גאנצע אטמאָספערע איז אָנגעפילט מיט אזוי פיעל שאָוויניזם, קליינליכען האס צו דעם אנדערען, אז עס הויבט באלד אָן אויסצופעהלען לופט, מיט וואָס צו עטהעמען... און גראָד צווישען די פראָגרעסיור־נאציאָנאלען, גראָד צווישען די, וואָס לאָזען פון מויל ניט ארויס דעם פזמון: „פראָלע־טאריער פון אלע פעלקער פעראייניגט אייך“, גראָד פון זיי, קאָנט איהר אָפטמאָל הערען אזעלכע דבורים, אז, כלעבען, אין דער לופטען הויבט אָן ארומשוועבען דער שאָטען פון קרושעוואן... דאָס שטאמט ניט פון א מאנגעל אין טהעאָרע־טישער בילדונג, דאָס איז א רויהקייט פון ג ע פ י ה ל, וואָס

קאָן אויסגעפיינערט ווערען ניט דורך טהעאָריען און מוסר, נאָר דורך דער אלגעמיין־מענשליכער פּאָעזיע. די פּאָעזיע פון א פרעמדען פאָלק לערנט אונז מיטפיהלען מיט דעם פרעמדען, מיט־פרעהען זיך און מיט־ליידען מיט איהם. אין דעם פּרט איז לאָנגפעללאָו'ס „הייאַוואַטאַ" איינע פון די ווערטהפולסטע זאַכען אין דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור. „הייאַוואַטאַ" איז אייגענטליך א זאַמלונג פון לעגענדען, וועלכע די ווילדע אינדיאַנער־שבטים פון נאָרד־אַמעריקאַ האָבען בעשאַפען. די לעגענדען זענען צום טהייל נאַטור־מיטהען, — איבערנאַטירליכע דערצעהלונגען, וואָס זאָלען דערקלעהרען די אָדער יענע נאַטור־ערשיינונג; צום טהייל זענען זיי אָבער אויך קולטור־מיטהען, דערקלעהרונגען פון יענע וואונדער, וואָס דער פּרי־מיטיווער מענש בעגעגענט אין זיין אייגענעם געזעלשאַפט־ליכען לעבען, אין זיינע קענטעניסען און השלמות, וואָס ער קאָן ניט דערקלעהרען זייער אורשפּרונג. די לעגענדע פון „מאָנדאַמין", דעם געל און גרין בעקליידעטען יונגען מאַן, מיט „די לאָקען ווייך און גאָלדיג", ווען „הייאַוואַטאַ" האָט בעזיעגט, געהערט צו דער אַרט קולטור־לעגענדען. „מאָנדאַ־מין" איז ניט קיין אַנדער ווען, ווי דער מאַאיס, וואָס האָט געגעבען די אינדיאַנער די מעגליכקייט צו לעבען ניט נאָר פון געיעג.

די אַלע לעגענדען האָט אָבער לאָנגפעללאָו צונויפגרו־פּירט אַרום דער צענטראַל פיגור פון דעם אינדיאַנישען עפּאָס, דעם מיטהישען העלד „הייאַוואַטאַ". הייאַוואַטאַ איז דערי־בער ניט קיין איינצעל־העלד, דאָס איז דאָס גאַנצע אינדיאַנישע פאָלק, די פּערסאָניפיצירונג פון אַלע בעסערע זייטען פון זיין כאַראַקטער און זיין לעבען. ער איז דאָס אידעאַל פון

דעם פאָלק, וואָס שפּיעגעלט אָב אַלץ, וואָס דעם פאָלק איז הייליג און טהייער.

אריינלעגענדיג זיך אין די פּסיכאָלאָגיע פון דעם גאַנצען אינדיאַנער פאָלק, מיטפיהלענדיג זייערע צרות און לײדען, ווייל דאָס זענען אין תוך דיזעלביגע צרות און יסורים, וואָס פלאָגען אַלע מענשען אומעדום, הויבט אָן אין גע־פיהל צו פערשווינדען די נאַציאָנאַלע אָבגעזונדערקייט, דער פיינדליכער היפּך צווישען דעם נאַציאָנאַלען „איך" און דעם נאַציאָנאַלען „דו". עס וואַקסט אָנשטאָט איהם אויס יענער געפיהל פון סאָלידאַריטעט, וואָס דאַרף סוף־כל־סוף אַלע פעלקער פערבינדען צו איין ברידערליכער משפּחה, צו איין פרייען פעלקער־בונד, וואו יעדעם פאָלק זאָל קאָנען ניט געשטערט ארויסוויקלען פון זיך אַלץ, וואָס עס וואַקסט אָן אין זיין נשמה, און העלפען יעדען אַנדער פאָלק אין דעם געמיינזאַמען פראָגרעס פון דער גאַנצער מענשהייט.

אין דעם קאַמפף פאַר די אייגענע נאַציאָנאַלע עקזיס־טענץ, אין דער פּאָלעמיק אַנטגעגען דעם קאָסמאָפּאָליט, פערגעסען מיר אָפט אויף די געבאָטען פון ברידערליכער פעל־קער־ליעבע, אויף דער נשמה פון אונזער גאַנצען פראָגרע־סיווען גלויבען, אויף דעם „כי היא חייך" פון אונזער גאַנצען אידעאַל. אַזעלכע ווערק ווי „הייאַוואַטאַ" פרישען אָב די דאָזיגע נשמה מיט יענעם ריינעם „הומאַניזם", דער עדעלער ליעבע צו דעם מענשען, וואָס איז ביי לאָנגפעללאָו אַזוי האר־מאָניש צונויפגעגאָסען מיט דער ליעבע צו דער נאַטור.

ניו־יאָרק, אַפּריל 1910.

אינדיאַנישע נעמען און ווערטער.

אַנמערקונג. — די אינדיאַנישע נעמען און ווערטער וועלכע קומען פאָר אין „היאַוואַטהאַ“ ווערען בכיוון געברויכט אין דעם ענגלישען אָריגינאַל אזוי ווי אין דער אידישער איבער־זעצונג אום צו געבען דעם געדיכט אַ'ן אמת־אינדיאַנישע פאַרב. אין דער פאָלגענדער פאַרצייכניס וועט דער לעזער געפינען די דאָזיגע ווערטער מיט זייער ריכטיגער אויסשפּראַכע און בעדייטונג.

די וואָקאַל־בוכשטאַבען „יי“ מוזען אויסגעשפּראָכען ווערען ווי אַ צירה, אַזוי ווי אין „קלייד“ (ליטווישע אויסשפּראַכע).

דאָרט אָבער וואו דער וואָקאַל „יי“ דאַרף געלעזען ווערען ווי „אַי“, וועט עס דער לעזער געפינען אָנגעדייטעט אין האַלבע לבנות — ( ).

אָדאַה'מין, פּאזעמקעס (ערדבעערען).

אָדזשיב'ווים, אַ געוויסער אינדיאַנישער שטאַם.

אָדזשיג', דער זומער־מאַכער, דער נאָמען פון אַ געוויסען וויזעל־טהיער.

אָוויי'סע, אַ געוויסער בלויער פויגעל (בלוישפּעכט).

אָ'ווינע, די פרוי פון אָסיאָ דעם זוהן פון דעם אבענדשטערן.

אונקטעהי', דער גאָט פון וואַסער.

אַזעוואַ'ביק, אַ רונדעס שטיקעל מעש געברויכט אין דעם אינדיאַ־
נישען „שפּיעל פון בעכער".

אי־אַ־'גו, אַ גרויסער באַריהמער.

איוואַ־יעי', דאַס אינדיאַנישע וויעג־ליעד, אַיי־לי־ליו.

אַייני'ניוואַג, פיגורלעך פון מענשען געברויכט אין דעם אינדיאַ־
נישען „שפּיעל פון בעכער".

אי'סע, שעם זיך!

איש־קודאַ', אַ קאָמעט־שטערען; פייער.

אַמאַ'האַס, אַ געוויסער אינדיאַנישער שטאַם.

אַמי'מי, די טויב.

אַנאַ'גאַן, אַ בעכער.

אַנעוועי', ערוואַך.

אַסי'אַ, דער זוהן פון אבענדשטערען.

אַפּי'טשי, אַ געוויסער קליינער פויגעל מיט אַ רויטען העלזעל
(ראַטהקעלכען).

אַקעהאַ'ווים, אַ געוויסער הערינג, וועלכער האַלט זיך אויף אין
טייכען.

ביוקעדע'ווין, הונגער.

ביי'אים־וואַ'וואַ, דער קנאַל פון דונער.

בימאַה'גוט, וויינטרויבען.

בי'נע, אַ פאַזאַן, אַ געוויסער וואַלד־עוף.

גאַשקיוואַ', די פינסטערניס.

גי'זיס, די זונן.

גי'טשי־גין'מי, דאַס גרויסע ים־וואַסער. מיט דעם נאָמען פלע־
גען די אינדיאַנער רופען איינע פון די פינף גרויסע אַזערעס

וואס געפינען זיך אין נארד־אמעריקא ביי די גרענעצען פון קאנאדא און די פעראייניגטע שטאאטען.

גיטשי־מע׳ניטא, דער גרויסער גייסט, דער האר פון לעבען.

דאש־קווא־ני׳שי, א געוויסע גרויסע גלאנציג־קאלירטע פליעג.

דזשא׳סעקיד, א זעהער, א פראפעט.

דזשי׳בי, גייסט, זעעלע.

דעהינ׳דע, א פראש.

דע׳לעווארם, א געוויסער אינדיאנישער שטאם.

דעקא׳טאהם, דער אלגעמיינער נאמען פון מעהרערע געוויסע אינדיאנישע שטאמען.

הו׳ראנס, א געוויסער אינדיאנישער שטאם.

העי־א־הא׳, א׳ן אויסגעשריי.

הייאווא׳טהא (האיאוואטהא), דער קלוגער מאן; דער לעהרער; דער זוהן פון דעם מערב־ווינד — מאדזשיקיוויס, און פון וועננאנע דער טאכטער פון נאקאמיס (זעה נאקאמיס).

ווא׳באן, מזרח־ווינד.

ווא׳באן־ענ׳נאנג, מזרח־שטערען, מארגען־שטערען.

וואביוויי׳אן (וואביוואיאן), ווייסעס פעלץ־קלייד.

וואבי׳נא, צויבערער; קונצענמאכער.

וואבי׳נא־וואסק, א געוויסע הייל־פלאנצונג (גארבע).

ווא׳ביק, א פעלז.

וואבע׳סא, א קראליק.

ווא׳ווא, א ווילדע גאנז.

ווא־ווא־טיי׳סי, דאס פייער־פליעגעל.

וואוואניי׳סע, די נאכט־שוואלב.

וואָמ'פּאָם, געוויסע פּאַטשערקעס און פּערעל וועלכע די אינדיאַ־
נער פּלעגען געברויכען אַלס ציערונג.

וויג'וואָם, אַ'ן אינדיאַנישעס הייזעל אָדער געצעלט.

ווייאָ'מינג (וואַיאָמינג), אַ געוויסע געגענד אין נאָרד־אַמעריקא.

וויי'געמין, דער גנב פון די קוקורוזע־פּעלדער, דער נאָמען פון אַ
געוויסען אינזעקט.

ווער־הע־ווער', אַ'ן אויסגעשריי.

ווייוואָסי'מאָ, דער בליץ.

וויי־מאָקווע'נע, אַ זומער־פויגעל.

ווערהאָנאָ'ווין, אַ קלאָג־געשריי.

ווענאָ'נע, האַיאַוואַטהאַ'ס מוטער, די טאָכטער פון נאָקאָמיס.

וועג'דיגאָם, ריעזען.

טאָ'טעם, פאַמיליען־שילד, פאַמיליען־צייכען.

טעמערעק (טעמ'רעק), אַ געוויסער בוים, לערכענבוים, (ליסט־
וויאַניצאַ).

טאַסקאַלו'סע, אַ געוויסע געגענד אין נאָרד־אַמעריקאַ.

טעוועסענ'טהע, אַ געוויסער טהאָל אין נאָרד־אַמעריקא.

טעקוועמי'נאָ, אַ געוויסער טייך אין נאָרד־אַמעריקא.

טשאָק'טאָהס, אַ געוויסער אינדיאַנישער שטאַם.

טשעטאַווייק', אַ געוויסער פויגעל, קיביץ.

יוג, יא.

יו'גודוואָש, זונפיש, ליעשטש.

יענעדיז'זי, לעדיג־געהער, פראַנט, פוצער.

מאָדוויי־אָ'שקע, דער גערויש פון די וועלען.

מאָדזשיקי'וויס, הייאַוואַטהאַ'ס פאָטער, דער מערב־ווינד.

מאָ׳האָקס, אַ געוויסער אינדיאַנישער שטאַם.

מאַהנג, אַ געוויסער זאָרט וואַסער־פויגעל, וואָס לעבט פון פיש.

מאַנאַבי׳זי, דער שוואַן (ליעבעד).

מאַהנאָמאָ׳ני, דערווילדער רייז.

מאַהנגאָטיי׳סי, האָבענדיג דאָס הערץ פון אַ טויכער־פויגעל, העלדיש.

מאָנדאַ׳מין, קוקורוזע, טירקישער ווייץ.

מאָסקאָדיי׳ די לאָנקע.

מאָ׳קעסין, אַ געוויסער זאָרט אינדיאַנישער שוך אָדער פאַנטאָפעל געמאַכט פון איין שטיק לעדער און געוועהנליך פאַרפוצט מיט פאַטשערקעס, מיט יאַזשיק־שפּילקעס און מיט פעדערען.

מאָשקאָדיי׳סע, אַ געוויסער ווילדער עוף, בירק־הוהן (טעטערעוו).

מי׳דע, אַ׳ן אינדיאַנישער רופא וועלכער היילט מיט קרייטעכטסער און צויבערמיטלען.

מידאַ׳מין, די קונסט אָדער קענטניס פון היילען.

מידזשיסאָג׳וואָן, פערל־פעדער, אַ צויבערער, דער גייסט פון רייכטהימער און אוצרות.

מי׳טשי־מע׳ניטאָ, דער גייסט פון שלעכטען, דער בייזער גייסט.

מיי׳מע, אַ געוויסער פויגעל, דער בוימהאַקער (דיאטעל).

מינאַה׳גע, בלויע יאַגדעס.

מינניהאַ׳האַ, לאַכענדיגעס וואַסער. דער נאָמען פון אַ געוויסען וואַסער־פאַל אין נאָרד־אַמעריקא און אויך דער נאָמען פון הייאַוואַטהאַ׳ס פרוי וועלכע רופט זיך נאָך די וואַסער־פאַלען.

מינדזשיקאַה׳וואָן, צויבער־שיך.

מיסקאָדיד׳, די שעהנקייט פון פריהלינג, דער נאָמען פון אַ בלום וואָס שפּראָצט אַרויס אין אָנהויב פריהלינג.

מענ׳דענם, אַ געוויסער אינדיאַנישער שטאַם.

מע׳ניטאָ, גייסט, גאָט.

מעסקענאָ׳זע, דער גרויסער העכט.

מישי־מאָק׳ווע, דער גרויסער בער, דער קיניג פון די בערען.

מישי־נאַה׳מע, דער גרויסער שטער־פיש (אסיאָטר).

מישינאָ׳ווא, אַ ליולקע־טראָגער, אַ באַדיענטער.

נאַה׳מע, דער שטער־פיש (אסיאָטר).

נאַהמע־וואָסק׳, אַ געוויסע פלאַנצע, גרינע מיענטע.

נאָ׳סע, פאָטער.

נאָקאָ׳מיס, די באָבע פון הייאַוואַטהאַ און ד מוטער פון ווענאָנע.

נו׳שקע, קוק! קוק!

ני־ביי־נאָ׳בייגס, די גייסטער פון וואַסער.

נינימו׳שאַ, געליעבטע.

ניפאַה׳ווין, שלאָף.

נעגאָ־וואָ׳דזשאָ, די זאַמד־הויפענס ביי דעם ברעג פון אַ געוויסער גרויסער אָזערע אין נאָרד אמעריקא ביי דעם גרענעץ פון קאַנאַדאַ און די פעראייניגטע שטאַאַטען.

נעוועדאַ׳הע, אַ זינגער.

סאָן־גי־טע׳הע, שטאַרק־הערציג.

סוביקאַ׳שי, די שפין.

סיודזשי׳מע, אַ געוויסע שטעך־פליעג, מאָסקיטאָ.

סעבאָווי׳שע, אַ טייכעל.

סעגוואָן׳, פריהלינג

סאַ־סעה־דזשי׳וואָן, אַ ווירבעל־שטראָם.

עדזשידאַ'מאַ, די רויטע וועווערקע.

עדיק', דער רענגטהיער.

עלגאַנ'קין, אַ'ן אינדיאַנער פון אַ געוויסען שטאַם.

עה'מאַ, די ביתן.

עהמיק', דער קיניג פון די ביבערס.

עננעמי'קי, דער דונער.

עסקאַנע'בע, אַ געוויסער טייך.

עפּאַק'וואַ, דער וואַסער־ראָהר.

עהקאַסי'ווין, דער פּיעבער.

פּאַ'גאַק, דער טויט.

פּאַגעוואַ'גאַן, אַ קריעגס־שטעקען.

פּאַווי'טינג, אַ געוויסער שטראָם.

פּאַני'מעה, יענע וועלט, דאָס לעבען נאָכ'ן טויט.

פּאַ'נים, אַ געוויסער אינדיאַנישער שטאַם.

פּאַ־פּאַק־קי'נע, דער היישעריק.

פּאַקוואַ'דזשים, קליינע וואַלד־מענשען, קאָרליקעס.

פּאַקוויי'נע, דער רויך פון דער ליולקע וועלכע מען רויכערט צום צייכען פון פריעדען.

פּיבאַען', דער ווינטער.

פּיוגעסיינג' דאָס אינדיאַנישע „שפּיעל פון בעכער“.

פּי'זקי, אַ ביזאָן, אַ געוויסער ווילדער אָקס.

פּיימאָסעד', דער רויבער פון די קוקורוזע־פּעלדער, דער נאָמען פון אַן אינזעקט.

פּישניקוה' אַ געוויסע זאָרט ווילדע גאַנז (בוימגאַנז, שנעעגאַנז).

פּע'מיקען, אַ געוויסער אינדיאַנישער מאכל פון הירשען־ אָדער בופעל־פליש געטריקענט און נאָכדעם צושטויסען.

פּריי'רי, אַ סטעפּע, אַ גרויס שטיק לאַנד באַוואַקסען מיט גראָז.

קאָ, ניין.

קאַג, יאָזשיק, אַ געוויסע חיה'לע באַדעקט מיט שטעכעדיגע שפּיל־קעס. (די אינדיאַנער פלעגען די דאָזיגע שפּילקעס זעהר פיעל געברויכען צו באַפּוצען זייערע קליידער און זייערע שיפלעך.)

קאָ'גאָ, לאָז עס זיין, טהו עס ניט.

קאַגאַדזשי', דער ראָב.

קאָ'קאָ־קאָ'האָ, די סאָווע (אַ געוויסער נאַכט־פויגעל).

קאַנו', אַ'ן אינדיאַנישעס שיפעל, געמאַכט פון קאָרע און צווייגען.

קוואַני'שי, (זעה: דאַש־קוואַ־נישי).

קוואַ'סינד, דער שטאַרקער.

קיביאַ'באָם, אַ זינגער אָדער שפּיעלער, איינער וועלכער געוועל־טיגט איבער די גייסטער.

קי'גאָ, דער פיש.

קיווויי'דין, דער צפון־מערב ווינד (נאָרד־וועסט ווינד). די אינ־דיאַנער וואָס האָבען געוואָהנט אין דרום־זייט פון דעם גרוי־סען טייך האָבען גערופען דעם דאָזיגען ווינד היים־ווינד, ווייל זיי האָבען פון יענער ריכטונג איינגעוואַנדערט.

קעיאָשק', ים־פויגלען (מעוועו).

קייביאָן' דער מערב־ווינד.

קעביבאָנאָ'קע, דער נאָרד־ווינד, דער זוהן פון מאדזשיקוויס דעם מערב־ווינד.

קעמענ'טשעס, אַ געוויסער אינדיאַנישער שטאַם.

קענאַ'ביק, אַ שלאַנג.

קענאָ'זע, אַ העכט.

קעניו', אַ גרויסער קריעגס־אדלער.

שאַהבאָ'מין, אַגרעסען.

שאָגאָדיי'ע, אַ טרוס, אַ שרעקעדיגער.

שאָגאָשי', אַ זאָרט ראַק־פיש.

שאָוואָנדיי'סי, דרום־ווינד.

שאָוויינימי'שין, דערבאַרעם זיך אויף מיר.

שאָ'־שאָ, לאַנג צוריק.

שאָ'־שאָ, די שוואַלב.

שאָשאָ'נים, אַ געוויסער אינדיאַנישער שטאַם.

שושו'גאָ, אַ געוויסער וואַסער־פויגעל, דער רייהער.

שיי'דע, אַ זאָרט ווילדע גאַנז (קראָפּ־גאַנז).

שינ'גיבים, דער טויכער, אַ געוויסער פויגעל וואָס לעבט פון פיש.

שע'שעבוואָג, ענטלעד; געוויסע פיגורלעך אין דעם אינדיאַני־
שען „שפּיעל פון בעכער“.

דאָס ליעד פון

היאַוואַטהאַ

פראָלאָג.

פרעגט איהר מיך, וואו כ׳נעהם די מעשׂות
די ספּורים און די סקאַזקעס,
מיט די ריחות פון די וועלדער,
מיט דעם דופט און טהוי פון לאָנקעס,
מיט די רויכקרייזען פון וויגוואַמס,
מיט דעם רעש פון שטאַרקע שטראָמען,
מיט די אָפטע ווידערקלאַנגען,
און משונה׳דיגע עכאָס,
ווי אין בערג די דונער־קלאַנגען? —

איך אַ׳ן ענטפער וועל איך געבען: —
„פון די וועלדער און די סטעפּעס,
„פון די גרויסע צפון־טייכען,
„פונ׳ם לאַנד פון די אָדזשיבוויים,
„פונ׳ם לאַנד פון די דעקאָטהאַס,
„פון די בערג און פון די זומפּען,
„וואו דער רייהער, דער שושוגא,
„אין די וואַסער־שטעקלעך נעהרט זיך.

„איך דערצעהל ווי כ'האָב געהערט זיי,
„פון די ליפּען נעוועדאהע'ס,
„דעם מנגן און דעם זינגער."
פרעגט איהר מיך, וואו נעוועדאַהע
האָט דאָס ווילדע ליעד געפונען,
איך אָ'ן ענטפער וועל איך געבען: —
„אין די וועלדער ביי די פויגלען,
„אין די וואוהנונגען פון ביבערס,
„אין די טריט פון בופעל־אָקסען,
„אין די נעסטען פון די אדלערס."

„איהם די מעשה'לעך געזונגען,
„האָבען אַלע ווילדע עופות,
„פון געמייזעכטס, פון די טייכען,
„פון די אומעדיגע זומפּען;
„טשעטאַוווייק, דער קיביץ־פויגעל,
„און דער מאַהנג, דער טויכער־פויגעל,
„און די ווילדע גאַנז די וואָוואָ,
„אויך דער בלאָער עוף, שושוגא,
„און די וואַלד־הוהן, מאָשקאַדייסע."

ווען איהר מיך נאָך ווייטער פרעגען:
„ווער געוועזן איז נעוועדאַהע?
„אונז דערצעהל פון נעוועדאַהען."

וועל איך ענטפערען אייך תכף,
אין די פאָלגענדיגע ווערטער: —

„אין דעם טהאָל פון טעוועסענטהע,
„אין דער רוהיג־גרינער געגענד,
„ביי די העלע וואַסער־פלוסען,
„דאָרט געלעבט האָט נעוועדאַהע.
„רונד ארום אינדיאַנער דערפעל,
„זיינען אויסגעשפרייט געלעגען,
„גרינע לאָנקעס, ווייצען־פעלדער;
„הינטען איז א וואַלד געשטאַנען,
„וואו די סאָסנעס פלעגען שושקען,
„גרין אין זומער, וויים אום ווינטער,
„אויביג זיפצען, אויביג שושקען.

„און איהר האָט די שענע פלוסען,
„דורכ'ן טהאָל געקענט דערקענען,
„פריהלינג־צייט — אָן זייער רוישען,
„זומער — אָן די וואַסער־בוימלעך,
„אָסיען — אָן דעם גראָען נעבעל,
„ווינטער — אָן דעם פאַס דעם שוואַרצען.
„דאָרטען האָט געוואָהנט דער זינגער,
„אין דעם טהאָל פון טעוועסענטהע,
„אין דער רוהיג־גרינער געגענד.“

דאָרט האָט ער דאס ליעד געזונגען,
דאָס געזאַנג פון הייאוואַטהאַ'ן,
דאָרט באזונגען זיין געבורטשאַפט
און זיין לעבען פולל מיט וואונדער,
זיינע תפלות און זיין פאסטען,
זיינע טהאַטען און זיין ליידען,
אום די מענשען צו באגליקען,
אום זיין שבט צו דערהויכען.

איהר, וואָס ליעבט נאַטור'ס שטיל ווינקעל,
ליעבט דעם זוננשיין אויף די לאַנקעס,
ליעבט די שאָטענס אין די וועלדער,
ליעבט דאס ווינדטעל אין די צווייגען,
ליעבט דעם שניי־שטורעם און רעגען,
ליעבט דעם רעש פון גרויסע שטראָמען
צווישען סאָסנע־בוים־שטאַכעטען,
און אין בערג דעם הילך פון דונער,
וועלכען'ס טויזענד עכאָס קלאַפּען,
ווי די אדלערס אין די נעסטען, —
הערט זיך איין די ווילדע זאגע,
הערט דאָס ליעד פון הייאוואטהא!

איהר, וואס ליעבט א פאָלק'ס געשיכטען,
די באַלאַדען פון א'ן אומה,

װאָס װי שטימען װײַטע, רופען
אָפּצושטעלען זיך און האָרכען,
אַזוי זיס, נאַאיװ און קינדעריש,
אַז דאָס אויער קוים קען מערקען,
אויב ס'איז ריידען אָדער זינגען, —
הערט די אינדיאַנישע לעגענדע!
הערט דאָס ליעד פון הײַאַװאַטהאַ.

איהר, װאָס האָט אַ פּריש־ריין הערץ נאָך,
גלויבט נאָך אין נאַטור און גאָטהייט,
גלויבט נאָך אַז אין אַלע דורות,
יעדען מענשענ'ס הערץ איז מענשליך;
אַז אין װילדענ'ס ברוסט אפילו,
לעבט אַ'ן אונבעװאוסטעס שטרעבען,
אַ באַגעהר צו װערען בעסער;
אַז די הענד װאָס שװאַך און הילפלאָז,
טאַפּען בלינדערהייד אין חשך,
טרעפען אָן גאָט'ס האַנד אין חשך,
און ז י הויבט זי אויף און שטאַרקט זיי, —
הערט דעם ספור דעם נאַאיװען,
הערט דאָס ליעד פון הײַאַװאַטהאַ!

איהר, װאָס װאַנדערנדיג פאַרגעהט אָפט,
אין אַ גרין־פערװאָרפען װינקעל,

וואו די ווילדע יאַגדע־בוימלעך,
היינגען זיי׳רע פרענז די רויטע,
איבער ווענד מיט מאָך בעוואַקסען,
און איהר שטעלט זיך אָפּ באַקוקען,
א פאַרגעסענעם בית עולם,
און איהר שטעהט פאַרטראַכט און לייענט,
א „פה־נקבר״, האַלב פארמעקט שוין —
אָהן שום חכמות אנגעשריעבען,
ווערטער פשוט׳ע, דאָך יעדעס,
פול מיט האָפענונג און האַרצוועה,
פול מיט צערטליכסטע געפיהלען.
אי פון ד ע ר וועלט, אי פון י ע נ ע ר —
לעזט די איינפאַכע מצבה,
לעזט דאָס ליעד פון הייאוואַטהאַ!

I.

די שלום=ליולקע.

אויף די פריירי־בערג די רויטע,
וואו מע ברעכט די ליולקע־שטיינער,
גיטשי מעניטאָ, דער שטארקער,
ער, דער הערשער פונ׳ם לעבען
איז אַראָפּ, און אויף די פעלזען
שטעהענדיג, צונויפגערופען
אלע פעלקער, אלע שבטים.

פון זיין טריט ארויסגעשפרונגען
איז א שטראָם אין מאָרגענשימער,
און זיך רייסענדיג מיט אימפעט
תהום אראָפּ־צו, האָט געפונקעלט,
ווי דער אישקודאַ, דער שטערען.
זיך געניינט צו דר׳ערד דער גייסט האָט,
אנגעצייכענט דורך דער לאָנקע
איהם אַ וועג מיט זיינע פינגער,
און געזאָגט: „דאָ זאָלסטו לויפען.“

אָפּגעהאַקט האָט מיט דער האַנד ער,
פון דעם רויטען פעלז א ווינקעל,
זיך געמאַכט דערפון א ליולקע,
אויסגעצאַצקעט מיט פיגורען;
פאַר א מונדשטיק אויסגעריסען,
פונ׳ם טייך א ראהר א לאַנגען,
פריש־באדעקט מיט גרינע בלעטלעך;
אנגעפּילט די פייף מיט שאָלאַכין,
מיט א רויטע ווערבע שאָלאַכין,
דאַן בעהויכט דעם וואַלד דעם נאהנטען
ביז די גרויסע צווייגען האָבען,
רייבענדיג זיך אנגעצונדען.
און געשטאַנען אויפ׳ן באַרג איז
גיטשי מעניטא, דער שטאַרקער,
רויכערנדיג זיין שטום־ליולקע,
אלס א סמן פאַר די פעלקער.

לאַנגזאם איז דער רויך געשטיגען,
אין דעם שטילען מאָרגען־אויר,
ערשט א׳ן איינצ׳גער פּאַס א דונקלער,
דאַן א בלאָ־געדיכטע פאַרע,
דאַן ווי שניי א ווייסער וואָלקען;
ווי פון וואַלד־בוימער די שפּיצען,
שטייגענדיג אלץ העכער, העכער,

ביז ער האָט דערגרייכט דעם הימעל —
אָפּגעקלאַפּט זיך קעגען הימעל,
און פאַנאַנדער זיך געקייקעלט.

פון דעם טהאָל פון טעוועסענטהע,
פון דעם טהאָלענלאַנד וויאָמינג,
פון די וועלדער טאָסקאָלוסע'ס, —
פון די שטיינער־בערג די וויטע,
פון די וואַסערען פון צפון —
יעדער שטאַם דערזעהן דעם רויך האָט,
און ווי ס'שפּרייט זיך דער פּאָקוויינע
פון דער וויטער שלום־ליולקע.

און די פאָלקס־פּראָפעטען האָבען
דאַן געזאָגט: ס'איז דער פּאָקוויינע,
אָט מיט דעם סיגנאַל, וואָס וויעגט זיך
ווי אַ וויכעס ווערבע־שטעקעל,
ווי אַ האַנד וואָס רופט פון וויטען —
רופט צוזאַמען אַלע שבטים,
גיטשי מאַניטאַ דער שטאַרקער,
רופט די קריגס־לייט אויף באַראַטהונג.

דורך די פּרייריס, איבער טייכען,
זיינען קריגס־לייט אָנגעקומען,
די קעמענטשעס און די טשאָקטאָס,

און די דעלעוואַרס און מאַהאַקס,
די אַמאַהאַס און די פּאַנים,
די דעקאַטאַס, און די מענדענס,
די אַדזשיבוויים און די הוראָנס,
די שאַשאָנים און די שוואַרץ־פּים —
אַלע האָבען זיך פאַרזאַמעלט,
אויף דער שלום־ליולקע׳ס צייכען,
ביי די פריירי־בערג די רויטע,
וואו מע ברעכט די ליולקע־שטיינער.

דאָרט געשטאַנען אויף דער לאָנקע
זיינען זיי אין קריגס־מלבושים,
אָנגעפאַרבט ווי אָסיען־בלעטער,
אָנגעפאַרבט ווי מאָרגען־הימעל,
זיך באַקוקענדיג מיט צאָרען;
אין דער ברוסט דער־צאַנק פון דורות,
האַס און ראַכע־לוסט געירשנ׳ט,
נאָך פון אבות־אבותינו.

גאַטשי מעניטאָ, דער שטאַרקער,
דער באַשעפער פון די פעלקער,
האָט געקוקט אויף זיי מיט מיטלייד,
מיט דער ליעבשאַפט פון א פאָטער;
זייער כעס און זייער שטרייטען,

אָנגעקוקט ווי קריג פון קינדער,
ווי מלחמות בלויז פון קינדער.

האָט זיין רעכטע האַנד פערשפּרייט דאַן,
אום דעם ווילדען זינן זאָל צאַהמען,
אום דער ראַכע־דורשט זאָל שטילען,
פון זיין רעכטער האַנד דער שאָטען,
און זיין שטאָלצער קול געהילכט האָט,
ווי דער רעש פון ווייטע שטראָמען
פאַלענדיג אין טיעפען אָפּגרונד —
און זיי זידלענדיג געמוסר׳ט:

„קינדער מיינע! ארמע קינדער!
„הערט זיך איין די חכמה־ווערטער,
„הערט זיך איין די מוסר־ווערטער,
„פון דעם מויל פון גייסט דעם גרויסען.

„כ׳האָב אייך לאַנד אויף יאַגט געגעבען,
„שטראָמען איהר זאָלט קענען פישען,
„אייך געשאָנקען בופעל־אָקסען,
„הירשען, רענטהירען און בערען,
„ווילדע גענז און ביבער־חיות;
„זומפּען פול מיט וואסער־עופות,
„טייכען פול מיט אלע פישען,

„ווארום זייט איהר ניט צופרידען,
„און איהר רודפ'ט נאָכאַנאַנד זיך ?

„איך בין מיעד פון אייער שטרייטען,
„מיעד פון קריג און בלוט־פארגיסונג,
„מיעד צו הערען ראכע־תפלות,
„מיעד פון אייערע מחלוקות.
„שטאַרק בלויז קענט איהר זיין ווען איינִיג,
„פיינדשאפט ברינגט אייך בלויז געפאַהרען ;
„לעבט פון איצטער אָן אין שלום,
„לעבט צוזאמען טריי ווי ברידער.

„שיקען וועל איך אייך א נביא,
„אַ באפרייער פאר די פעלקער,
„ער וועט פיהרען אייך און לערנען,
„מיהען פלאגען גלייך מיט אייך זיך.
„וועט איהר זיינע עצות האָרכען,
„גליקליך וועט איהר זיין און וואַקסען,
„וועט איהר זיינע רייד ניט אַכטען,
„אונטערגעהן און וועלקען מוסט איהר.

„באָדט זיך אין דעם שטראָם, וואָס פליסט דאָ,
„וואַשט די קריגס־פאַרב פונ'ם פנים,
„וואַשט דעם בלוט־פלעק פון די פינגער ;

„אין דער ערד באַגראָבט די וואַפען;
„ברעכט זיך שטיקלעך רויטען שטיין אָפּ,
„מאַכט דערפון זיך שלום־ליולקעס,
„דאַן פון טייך קליבט וואַסער־שטעקלעך,
„פוצט זיי אויס מיט העלע פעדערן,
„רויכט דעם קאַליומעט צוזאַמען,
„און פון איצטער לעבט ווי ברידער.“

אויף דעם ערד אראבגעוואַרפען,
האָבען זיי די הירש פעל־מאַנטלען,
קריגס־מלבושים און כלי־זיין,
דאַן אין טייך אריינגעשפרונגען,
און געשווענקט די פאַרב פון פנים.
קלאָר געשטראָמט האָט ס'וואַסער אויבען,
קלאָר, ווי ס'איז ארויסגעקוואַלען,
פון דעם לעבענס־הערשער'ס פוס־טריט;
שוואַרץ געשטראָמט האָט ס'וואַסער אונטען,
קויטיג און מיט רויטע פלעקען,
ווי עס וואָלט מיט בלוט געמישט זיך.

ריין פון קריגס־פאַרב, פונ'ם וואַסער
איז ארויס די מחנה קריגס־לייט,
און ביים ברעג די העק באַגראָבען,
טיעף באַגראָבען אלע וואַפען.

גיטשי־מעניטא, דער שטארקער,
גרויסער גייסט, אראפגעשמייכעלט
האט אויף זיינע שוואכע קינדער.

שווייגענדיג, די קריגס־לייט האבען
רויטע שטיינער אפגעבראכען,
און געמאכט זיך שלום־ליולקעס;
פונ׳ם טייך גענומען שטעקלעך,
און באפוצט מיט העלע פעדערן,
דאן אהיים אוועג איז יעדער.
דאך דער גרויסער האר פון לעבען,
דורך א שפאלט אין וואלקען־פארהאנג,
דורך דעם טהויער פון דעם הימעל,
איז פון זייער בליק פארשוואונדען,
אין דעם רויך־ים, וואס ארום־איהם
האט פערשפרייט די שלום־ליולקע.

II.

די פיער ווינטען.

„גיט אָפּ כבוד מאָדזשיקיווים“ —
האָבען פון דעם פאָלק די זקנים
און די קריגס-לייט אויסגערופען,
ווען דעם הייל׳גען וואָמפּאָם-גאַרטעל
ער מיט זיעג אהיים געבראכט האָט,
פון דעם צפון-ווינד׳ס מדינות,
פון דעם קיניגרייך וואָבעסאַ,
פון דעם לאַנד פון ווייסען קראָליק.

ער געראויבט דעם וואָמפּאָם-גאַרטעל
האָט פון האלז דעם מישי-מאָקווע,
יענעם באַרג-בער וואָס געוועזען,
איז דער שרעק פון אלע פעלקער,
ווען ער איז אין שלאָף געלעגען,
אונגעלומפּערט אויפ׳ן בארג-שפּיץ,

ווי א פעלז מיט מאָך בעוואקסען,
ברוין און גראָ מיט מאָך באוואַקסען.

שטיל זיך צוגע׳גנב׳ט האָט ער,
ביז דער חיה׳ס רויטע נעגעל,
שיער ניט האָבען אנגעריהרט איהם,
ביז איהר הייסער הויך געוואַרעמט,
האָט די הענד פון מאדזשיקיווים,
ציהענדיג דעם וואָמפּאָם־גארטעל,
איבער ד׳אויערלעך די רונדע,
וועלכע האָבען ניט געהערט דאָן,
איבער ד׳אויגעלעך די קליינע,
וועלכע האָבען ניט געזעהן דאָן,
ביז דער סאמע נאָז דער לאנגער,
ביז די נאָזלעכער די שווארצע,
וואָס מיט שווערען אטהעם האָבען
מאָדזשיקיווים׳ הענד געוואַרעמט.

פּאָכענדיג זיין האק אין אויר,
מיט א קריגס־געשריי א ווילדען
האָט דעם שטארקען מישי־מאקווע׳ן,
ער געטראָפען גלייך אין שטערען,
סאמע צווישעןביידע אויגען.

פון דעם שווערען קלאָפּ צוטומעלט,
האָט זיך אויפגעהאַפּט דער בארג־בער,
דאך געפאַלען פון די פיס באַלד,
וואנקענדיג אַראָפּגעלאָזט זיך,
אויף די הינטער־לאַפּעס זיינע,
און געיאָמערט ווי א פרוי דאָן.
און דער שטאַרקער מאָדזשיקיווים,
שטעהענדיג פאַר איהם אָהן מורא,
אויפ׳ן קול פון איהם געיעקט האָט,
און געזאגט איהם מיט פאראַכטונג:

„הער, דו בער, דו ביזט א פחדן,
„וואָלסטו טאַקי אין דער אמת,
„שטארק געוועזען ווי דיין אנשטעל,
„וואָלסטו ווי א פרוי ניט וויינען.
„בער! דו ווייסט, מיט אונזער שבט
„האָסטו לאַנג געפיהרט מלחמה,
„ציצטער זעה, מיר זיינען שטארקער;
„געה פאַררוק זיך אין די וועלדער,
„געה באַהאַלט זיך אין די פעלזען.

„ווען באזיגט אין שטרייט וואָלסט ד ו מיך,
„ניט געקרעכצט אפילו וואָלט איך,
„אבער דו, בער, זיצסט און יאָמערסט,

„און פֿאַרשעמסט דײַן שטאָם מיט װײנען,
„װי אַ שװאַכע שאַגאַדײע,
„װי אַ'ן אַלטע פֿרױ װאָס שרעקט זיך."

װידער האָט ער זיך פֿאַרמאָסטען,
מיט דער האַק אױף מישי־מאָקװע'ן,
איהם געטראָפֿען גלײך אין שטערען,
איהם דעם שאַרבען אײַנגעבראָכען,
װי די פֿישער — ס'איז אום װינטער.
און אַזױ געטױט געװאָרען,
איז דער באַרג־בער מישי־מאָקװע,
ער, דער שרעק פֿון אַלע פֿעלקער.

„גיט אַ פּ כבוד מאַדזשיקיװיס!" —
האָט מיט פֿרײד דאָס פֿאָלק געשריען.
„גיט אַ פּ כבוד מאַדזשיקיװיס!
„ער זאָל זײַן דער װינד פֿון מעריב,
„און פֿון איצטער אָן און װײטער,
„זאָל ער האָבען די ממשלה,
„איבער אַלע הימעל־װינטען.
„רופֿט איהם מעהר ניט מאַדזשיקיװיס,
„קײביאָן נאָר, װינד פֿון מעריב."

אַט אַזױ איז מאַדזשיקיװיס,
אױסערװעהלט געװאָרען דאַמאָלס,

פאטער פון די הימעל־ווינטען.
זיך געלאזט דעם מעריב האָט ער,
און דעם רעשט די זיהן צושאָנקען.

מזרח ווינד געשענקט צו וואָבאָן,
ווינד פון דרום שאָוואָנדייסי'ן,
און דעם גרויזאם־ווילדען נאָרד־ווינד,
צו זיין זוהן קעביבאָנאָקע.

שען און יונג געווען איז וואָבאָן,
ער פלעגט אָנזאָגען דעם מאָרגען,
פלעגט די נאכט פון בערג און טהאָלען,
מיט זיין זילבער־פייל פאריאָגען;
זיין געזיכט געווען באפאָרבען,
איז מיט העלע פורפור־פאסען;
אויפגעוועקט זיין קול דאס דאָרף האָט,
און אין וואַלד — דעם הירש און יעגער.

איינזאם איז געוועזען וואָבאָן;
ס'פלעגען איהם די פויגלעך זינגען,
ווילדע בלומען פון דער לאָנקע,
פלעגען איהם מיט ריחות גריסען,
וואלד און שטראָם א ברוך־הבא,
פלעגען איהם אַנטקעגען רוישען,

דאָך זיין הערץ געווען איז טרויריג,
עלענד פלעגט ער זיין אין הימעל.

איין פריה־מארגען, ווען גערדרעמעלט
האָט דאָס דאָרף נאָך, און דער נעבעל
איז געלעגען אויפ׳ן וואסער,
ווי א שד וואס לויפט פון זונליכט —
האָט דערזעהן ער אויף א לאָנקע,
ווי א מיידעל וואנדערט איינזאָם,
זאמעלט ווילדע וואסער־בלומען,
ביי דעם טייך וואס אין דער לאנקע.
יעדען מאָרגען גאנץ באגינען,
איהם באגעגענען די ערשטע,
פלעגען איהרע בלאָע אויגען —
אינ׳ם גראָז צוויי בלאָע טייכלעך.
ליעב געקראגען האָט ער ס׳מיידעל,
וואס אויף איהם פלעגט איינזאם ווארטען;
ער ווי זי געווען איז עלענד,
ער אין הימעל, זי אין לאָנקע.

שדכנ׳ען צו איהר זיך פלעגט ער,
מיט האליובען און מיט גלעטען,
מיט זיין זונענשימער־שמייכעל,
מיט זיין חנפ׳ענדיגען ריידען,

מיט זיין זיפּצען און זיין זינגען,
מיט זיין סוד'ן אין די צווייגען,
זיססטע דופטען, ווייכסטע קלאַנגען,
ביז ער האָט זי צוגעטוליעט,
אונטער'ן פּורפּור־קלייד צום הערצען,
און פאַרוואַנדעלט אין אַ שטערען,
וואָס איהם ציטערט אויפ'ן הערצען.
תמיד זעהט מען זיי צוזאמען,
וואַבאַן מיט דעם וואַבאַן־עננאַנג,
מזרח־ווינד און מאָרגען־שטערען.

דאָך דאָס הויז קעביבאַנאַקע'ס,
איז געוועזן ביי'ן ים־הקרח,
וואו עס ליגען אויביג שניי־בערג,
אין דעם קיניגרייך וואַבעסאָ,
אין דעם לאַנד פון ווייסען קראַליק.
ער פלעגט עס איז צייט פון אָסיען,
שאַרלאַך־רויט די בוימען פאַרבען,
רויט און געל די בלעטער מאַלען.
ער פלעגט עם דעם שניי־ווינד שיקען,
דורכ'ן וואַלד מיט סווישטשערייען;
פלעגט פאַרפרירען אלע טייכען,
פלעגט די טייך־פויגלעך פאַרטרייבען,
אין די געגענדען פון דרום;

פלעגט די וואַסער עופות צווינגען
זייער גראַזען־נעסט צו זוכען,
אין דעם לאַנד פון שאַוואָנדייסי.

איין מאָל פון זיין קאַלטער וואהנונג,
פון זיין היים ביי׳ם ים־הקרח,
איז ארוים קעביבאָנאָקע,
און מיט שניי־באַשפּריצטע קודלעס,
וואָס אראָפּגעפלאָסען זיינען,
גלייך ווי דונקלע ווינטער־שטראָמען —
וואיענדיג, געלאָפען איז ער,
איבער אייז־באַדעקטע טייכען
האַסטיג צו דעם לאַנד פון דרום.

דאָרט ביי׳ם טייך באַגעגענט האָט ער,
שינגיבים דעם טויכער־פויגעל,
וועלכער בינטלעך פיש געשלעפּט האָט,
אויף די איינגעפראָר׳נע זומפען.
אויסגעוואנדערט האָט זיין שטאַם שוין
לאַנג אין לאַנד פון שאַוואָנדייסי,
ער אליין נאָר איז פארבליבען.

צאָרניג האָט קעביבאָנאָקע
זיך צושריען: „ווער דערוועגט זיך,

„אין מיין קיניגרייך צו בלייבען,
„ווען די ווילדע גאנז די וואָ־וואָ,
„שוין אוועג אין דרום לאנג איז,
„ווען דער וואסער־עוף שושוגא,
„לאנג אוועג אין דרום־לאנד איז ?
„כ'וועל ארייגעהן אין זיין וויגוואם,
„און וועל אויסלעשען זיין פייער.“

ווילד און וואיענדיג געקומען
איז ער ביי דער נאַכט צוםביידעל
האָט ארום מיט שניי פארשאטען,
האָט געליארעמט דורכ'ן קוימען,
האָט די צעלט־שטאַנגען געריסען,
און געפליקט פון טהיר דעם פארהאנג.
אבער שינגיבים דער טויכער,
איז געזעסען אָהן שום מורא,
איז געזעסען אונבאקימערט,
דען צו הייצען, אויף פיער מאָנאַט,
האָט ער אנגעגרייט פיער פלאַכעס,
און זיין שפייז איז פיש געוועזען.
מונטער זיצענדיג ביי'ן פייער,
ער געגעסען און געלאַכט האָט,
זינגענדיג : „קעביבאָנאָקע,
„דו ביסט שטערבליך גלייך ווי איך בין.“

דאן אריין קעביבאָנאָקע·
איז אין הויז, און שינגיבים האָט
דורך די קעלט דערפיהלט זיין נאהנטקייט,
האָט דערפיהלט אויף זיך זיין פראָסט־הויך,
דאך ניט אויפגעהערט צו זינגען,
און ניט אויפגעהערט צו לאכען,
בלויז צוריהרט דאָס האָלץ, און ס׳פייער
האָט נאך העלער זיך צופלאָקערט,
פונקען שפריצענדיג, אין קוימען·

פון קעביבאָנאָקע׳ס שטערען,
פון די שניי־באשפריצטע קודלעס,
האָט א דיקער שוויים גערונען,
און אין אש געגראבען לעכלעך,
גלייך ווי פון די וויגוואם־דעכלעך,
גלייך ווי פון די בוימער צווייגען,
טריפט דאָס אייז וואָס שמעלצט אין פריהלינג,
און אין הויפען שניי מאַכט גריבלעך.

ביז ער האָט באזיגט געפיהלט זיך,
ניט געקענט די היץ פארטראגען,
ניט דאס זינגען און דאס לאכען,
און פון טהיר ארויסגעלאפען;
האָט די שניי־הויפענס געטראמפעלט,

איבער טייך און שטראָם געטראַמפּעלט,
פּעסט פאַרהאַרטעוועט דעם שניי דאָרט,
און געמאַכט דעם אייז־דעק דיקער;
דאַן דעם טויכער־עוף גערופען,
זיך מיט איהם צו קומען ראַנגלען,
נאַקעט זיך מיט איהם צו ראַנגלען,
אויף די פראָסט־באַקליידטע זומפּען.

נאַקעט איז אַרויס דער טויכער,
זיך אַ גאַנצע נאַכט געראַנגעלט,
אויף דער לאַנקע מיט דעם נאָרד־ווינד,
מיט דעם כעם קעביבאָנאָקע׳ס,
ביז ער האָט נאָך קוים געסאָפּעט,
קוים די אייז־פינגער באַוועגט נאָך,
זיך געוואַקעלט הינטער־וועלאַכטס,
דאַן באַזיגט, צוריקגעטרעטען
אין דאס קיניגרייך וואַבעסאַ,
אין דאס לאַנד פון ווייסען קראָליק,
הערענדיג דעם טויכער פויגעל,
ווי ער לאַכט איהם אויפ׳ן קול נאָך,
ווי ער זינגט: „קעביבאָנאָקע,
דו ביסט שטערבליך גלייך ווי איך בין.“

שאָוואָנדייסי, אַ פעטער עצל,
האָט געוואָהנט אין וויטען דרום,

אין דעם שלעפערדיגען זונשיין,
אין דעם אייביג־גרינעם זומער.
ער די וואַלד־פויגלעך פלעגט ברינגען,
ס׳רויטע העלזעלע אַפּיטשי,
ס׳בלאָע פויגעלע אָווייסע,
אויך דאָס שוועלבעלע די שאָ־שאָ,
און די ווילדע גאַנז די וואַ־וואַ;
פלעגט טיטון און קאַוואַן שיקען,
און די רויטע וויינטרויב־בינטלעך.

און זיין ליולקע׳ס רויך פאַרציהען
פלעגט דעם הימעל מיט אַ נעבעל,
מיט אַ חלום׳דיגער ווייכקייט;
האָט געמאַכט דאָס וואַסער שימערן,
האָט פאַרגלעט פון בערג די שפּיצען,
און געבראַכט אַ צווייטען זומער,
אין דעם אומעדיגען צפון,
אין דער וויסטער צייט פון שניי־שיך.

זאַרגלאַז־שטילער שאָוואָנדייסי!
אין זיין ברוסט געווען איין שמערץ אייז,
אין זיין לעבען בלויז איין שאָטען.
א י י ן מאָל קוקענדיג אין צפון
ווייט אראָב־צו, אויף אַ פּריירי

האָט דערזעהן זיין בליק, אַ מיידעל,
הויך און שלאַנק און שען געוואַקסען,
איינזאַם שטעהענדיג אין פּריירי;
העל־גרין איז איהר קלייד געוועזען,
און די האָאר ווי זונען־שטראַהלען.

יעדען טאָג באַקוקט זי האָט ער,
יעדען טאָג געזיפצט פון בענקשאַפט,
יעדען טאָג אין ברוסט געוואַקסען,
איז זיין שמאַכטענים און ליבשאַפט,
צו דעם גאָלד־געלאָקטען מיידעל;
דאָך צו פויל געוועזען איז ער
זיך צו שדכנ'ען צום מיידעל,
איז געוועזען צו פאַרשלאָפען,
נאָכצוגעהן איהר, איינצורעדען,
און אַזוי געבליבען איז ער,
נאָר ביי'ן קוקען און ביי'ן שמאַכטען
נאָך דעם מיידעל אויף דער פּריירי.

ביז אַ קוק טהונדיג אין צפון
איין פריה־מאָרגען, ער געזעהן האָט
ווי די גאָלד'נע לאָקען איהרע,
האָבען זיך אויף ווייס פערביטען,
ווי מיט ווייסען שניי באַדעקט זיך.

„אָ, מיין ברודער פונ׳ם צפון,
„פון דעם קיניגרייך וואָבעסאָ,
„פון דעם לאַנד פון ווייסען קראָליק —
„האָסט דאָס מיידעל מיר געגנב׳ט,
„האָסט אויף איהר דיין האַנד געלעגט שוין,
„האָסט איהר הערץ מיט שענע מעשות
„פון דעם צפון־לאַנד געוואונען.“

אָט אזוי האָט שאָוואָנדייסי
אויסגעהויכט זיין שמערץ אין אויר.
ביז דער זיד־ווינד האָט אין פריירי,
היים־געוועהט פון ליעבע־זיפצען,
פון די זיפצען שאָוואָנדייסי׳ס,
ביז די לופט האָט אויסגעזיזען,
פול מיט שניי, און פול די פריירי
איז געווען מיט דיסטעל־בליהונג.
ס׳מיידעל מיט די זונשיין־האָאָר, איז
פון זיין בליק אוועג אויף אימער;
מעהר דאָס געל־געלאָקטע מיידעל,
ניט געזעהן האָט שאָוואָנדייסי.

אפגענארטער שאָוואָנדייסי!
האָסט געזיפצט, ניט נאָך א מיידעל
ניט געזעהן קיין פרויענצימער —

ס'איז געווען א פריירי בליהונג,
וואס דעם גאצען זומער האָסטו
טרוימענדיג באקוקט מיט בענקשאפט,
און געזיפצט האָסט אזוי גלוטיג,
ביז פארוועהט זי האָסט אויף אימער —
זיפצענדיג אין לופט צובלאזען.
אָ, גענאַרטער שאָוואָנדייסי!

אט אזוי דאן די פיער ווינדען
זיינען אויסגעטהיילט געווארען,
יעדער זוהן פון מאדזשיקיווים,
האָט געהאט א'ן ארט אין הימעל,
אין א ווינקעל פון דעם הימעל;
זיך דעם מעריב-ווינד געלאָזט בלויז
האָט דער שטארקער מאָדזשיקיווים.

III.

הייאַוואַטהאַ׳ס קינדהייט.

איין מאָל אין אַ בין השמשות,
אין דעם עבר לאנג פארגעסען,
אין די לאנג פארמעקטע דורות,
אויף דער ערד אַראָפּגעפאלען
פון לבנה איז נאָקאָמיס,
איז די רייצענדע נאָקאָמיס,
שוין אַ ווייב דאך נאָך ניט מוטער.

ז׳האָט מיט חבר׳טעס געשפּיעלט זיך,
און זיך שפּיעלענדיג געשאָקעלט,
אויף אַ וויעג פון ווײנשטאָק־ריטלעך,
ווען איהר מאַנ׳ס אַ׳ן ערשטע כלה,
האָט פון קנאה און פון שנאה,
דורכגעהאַקט די גרינע האָידע,
דורכגעהאַקט די ווײנשטאָק־פלעכטלעך,

און אין הוילע שרעק, נאָקאָמיס
איז אראָפּגעפאַלען פּלוצלינג,
דורך דעם דונקלען אבענד־אויר,
אויף די מאָסקאָדיי, די לאָנקע,
אויף די פריירי פול מיט בלומען.
„ס׳פאלט א שטערען״,—ס׳פאָלק געזאגט האָט—
„ס׳פאַלט א שטערען פונ׳ם הימעל.״

דאָרטען צווישען מאָך און גראָזען,
דאָרטען צווישען ווילדע ליליעס,
אויף דער לאָנקע אין דעם שימער
פון לבנה און פון שטערען,
דארט די רייצענדע נאָקאָמיס,
האָט א טאָכטעריל געבאָרען,
און גערופען זי ווענאָנע,
ד׳ערשט־געבאָר׳נע טאָכטער איהרע.

און די טאָכטער פון נאָקאָמיס,
ווי א פריירי־בלום געבליהט האָט,
אויפגעבליהט א שלאנקע מיידעל,
שען ווי דער לבנה׳ס שימער,
שען אזוי ווי שטערען־גלימצער.

אפט געווארענט האָט נאָקאָמיס,
איהר געזאגט און איינגעחזר׳ט:

„היט זיך אפּ פון מאַדזשיקיווים,
„ווינד פון מעריב, מאַדזשיקיווים,
„הער ניט וואָס ער וועט דיר זאָגען;
„לעג ניט צו זיך אויף דער לאַנקע,
„בייג ניט איין זיך צו די ליליעס,
„ס׳וועט דער מעריב־ווינד דיר שלעכטס טהאָן.“

ניט געפאָלגט די וואָרנונג האָט זי,
ניט געפאָלגט די קלוגע ווערטער,
און דער מעריב־ווינד געקומען,
קעגען אָבענד איז פּאַמעליך,
צושפּאַצירען אויף דער לאַנקע,
שושקענדיג זיך מיט די בלעטער
בייגענדיג די גראָז און בלומען,
ביז ער האָט באַמערקט ווענאָנאַ׳ן,
אויסגעצויגען צווישען ליליעס,
און זיך חנפ׳נדיג געשדכנ׳ט,
לאַסטשענדיג זיך צוגעשדכנ׳ט,
ביז זי האָט אַ זוהן געבאָרען,
זוהן פון ליבע און פון קומער.

אָט פון איהם איז הייאַוואַטהאַ,
איז דאָס וואונדער־קינד געבאָרען.
דאָך די טאָכטער פון נאָקאָמיס,

הייאַוואַטהאַ'ס צאַרטע מוטער,
איז פון האַרץ־ווערטאָג געשטאַרבען,
פון דעם מעריב־ווינד פאַרלאָזען,
פון דעם פאַלשען מאַדזשיקיוויס.

לויט און לאַנג בעקלאָגט איהר טאָכטער,
האָט די טרויריגע נאָקאָמיס.
„כ'ווינש דעם טויט זיך" — האָט געקלאָגט זי.
„כ'ווינש זיין טויט אַזוי ווי דו ביסט,
„פריי פון פראַצע, פריי פון וויינען.
„וועהאָנאָווין! וועהאָנאָווין!"

ביי דעם ברעג פון גיטשי־גיומי,
ביי דעם ים־וואַסער דעם העלען,
האָט געהאַט איהר צעלט נאָקאָמיס,
דער לבנה'ס קינד נאָקאָמיס,
הינטען פלעגט דער שוואַרצער וואַלד שטעהן,
פלעגען שטעהן די דונקלע סאָסנעס,
טענען־בוימער פול מיט שישקעס;
פאָרענט האָט גערוישט דער וואַסער,
האָט געקלאַפּט אין זון דאָס וואַסער,
האָט געגלאַנצט דער ים דער העלער.

דאָרט די אַלטעטשקע נאָקאָמיס,
אויפגעבראַכט האָט הייאַוואַטהאַ'ן,

אין אַ לינדען־וויעג געוויעגט איהם,
ווייך געבעטעט מיט מאָך און ריטלעך,
פעסט־געשנירט מיט הירשען־אָדערן;
זיין געשריי געשטילט מיט סטראָשען:
„שאַ, דער הוילער בער וועט קומען";
איהם פערשלעפערט מיט איהר זינגען:
„איוואַ־יעי, מיין קליינע סאָווע,
„ווער באַלוכטען האָט דאס ביידעל,
„מיט די גרויסע אויגען זיינע,
„איוואַ־יעי, מיין קליינע סאָווע."

זאכען פיעל דערצעהלט נאָקאָמיס,
האָט איהם פון דעם הימעל'ס שטערען,
האָט איהם דעם קאָמעט געוויזען,
אישקודאָה מיט פייער־לאָקען,
אויך דעם טויטענטאַנץ פון גייסטער,
קריגסלייט אויסגעפוצט מיט פעדערן,
האַלטענדיג מלחמה־שטעקענס —
וואס אין קאַלטע נעכט פון ווינטער,
ווייט אוועג אין צפון־ווינקעל,
שפּרייטען זייער שיין פאַנאַנדער;
און דעם ברייטען וועג דעם ווייסען,
שטעג פון רוחות און פון שאָטענס,

וועלכער ציהט זיך דורכ׳ן הימעל,
פול מיט רוחות און מיט שאָטענס.

זומער־נעכט ביי׳ן ביידעל זיצען,
פלעגט דער קליינער הייאַוואַטהאַ,
האָט געהערט די סאָסנעס שושקען;
האָט געהערט דאָס וואַסער פליוסקען,
„מיני־וואָוואָ״ — סאָסנע־לשון,
„מאָדוויי־אָשקע״ — וואַסער־לשון.

ער פלעגט זעהן דאָס פייער־פליעגעל,
ווי עס פלאַטערט בין השמשות,
און באַלייכט פון וואַלד די קוסטעס,
מיט זיין קליינצינקער לאַנטערנע,
און ער פלעגט דאָס קינד־ליעד זינגען
אויסגעלערענט פון נאָקאָמיס:
„וואָוואַ־טייסי, פייער־פליגעל,
„טאַנצענדיג באַשעפּענים׳סל,
„לייכט מיר מיט דיין קליינעם ליכטעל,
„איידער כ׳לעג אין בעט זיך שלאָפען,
„איידער כ׳שליס די אויגלעך מיינע.״

ער פלעגט צוזעהן די לבנה,
ווי זי הויבט זיך אויף פון וואַסער,

רונדער ווערענדיג און גרעסער;
זעהענדיג אויף איהר די פלעקען,
פלעגט ער פרעגען: „וואס באטייט עס?"
און נאָקאָמיס פלעגט איהם זאגען:
„ס'האָט אמאָל אין כעס א קריגסמאן,
„אנגעהאפט ביי־נאכט זיין באָבען,
„זי אוואָרף געטהאָן צום הימעל,
„גלייך אקעגען דער לבנה;
„ס'איז איהר קערפער וואס דו זעהסט דאָרט."

זעהענדיג דעם רעגענבויגען,
אויף דער מזרח־זייט פון הימעל,
פלעגט ער פרעגען: „וואָס באטייט עס?"
און נאָקאָמיס פלעגט איהם זאגען:
„דאָס איז „יענע וועלט" פון בלומען,
„אלע בלומען פון די פעלדער,
„אלע ליליעס פון די פריירים,
„ווען זיי ווערען ד א פערוויאנעט,
„בליהען ווידער אויף אין הימעל."

ווען ער פלעגט ביי נאכט די סאָוועס
הערען שרייענדיג אין וועלדעל,
פלעגט ער, מיט א קול פון אימה,
פרעגען: „וואָס איז דאָס, נאָקאָמיס?"

און נאָקאָמיס פלעגט איהם זאָגען:
„ס'איז די סאָווע מיט די קינדער,
„רעדענדיג אויף זיין לשון,
„איינע שילטענדיג די צווייטע."

אויסגעלערענט הייאַוואַטהאַ
האָט די שפּראַך פון אַלע חיות,
יעדענ'ס נאָמען און געהיימנים;
ווי זיי בויען זומער נעסטען,
וואו זיי ווערען ווינטער נעלם;
פלעגט מיט זיי אַ שמועס פיהרען
ווען ער פלעגט זיי זעהן, און רופען:
„הייאַוואַטהאַ'ס ווילדע היהנדלעך."

אויך געלערענט הייאַוואַטהאַ
האָט די שפּראַך פון אַלע חיות,
יעדענ'ס נאָמען און געהיימנים;
ווי דער ביבער בויט זיין וואהנונג,
וואו די וועווערקע די ניס האַלט,
ווי אזוי דער רענטהיער פלינק איז,
און וואָרום דער האָז האָט מורא;
פלעגט מיט זיי אַ שמועס פיהרען
ווען ער פלעגט זיי זעהן, און רופען:
„הייאַוואַטהאַס ברידער ליבע."

און אר־א־גו דער באריהמער,
דער באריימטער און בארעדטער,
אנגעשטאָפּט מיט וואונדער־מעשות,
און א גוטער פריינד נאָקאָמיס׳ —
האָט געמאכט א פיילען־בויגען,
פון א דעמבע־צווייג די פיילען,
צוגעשפּיצט מיט שארפע שטיינדלעך,
און מיט פעדערען באפליגעלט,
און פון הירש־לעדער דאס שטריקעל.

דאַן געזאגט צו הייאוואטהא׳ן:
„געה מיין זוהן, אריין אין וואלד איצט,
„וואו זיך רויטע הירשען זאמלען,
„שיס אונז דאָרט א גרויסען רעה־באק,
„שיס א הערענדיגען רענטהיער.“

איינער און אליין אין וואלד איז
גלייך געגאנגען הייאוואטהא,
שטאָלץ, מיט פייל און פיילענבויגען;
איבער איהם און רונד ארום איהם,
האָבען פויגעלעך געזונגען:
„אָ, ניט שיס אונז הייאוואטהא!“
ס׳רויטע העלזעלע אָפּיטשי,

ס'בלויע פויגעלע אווייסע,
האבען אויסגעטרעלט: „ניט שיס אונז!“

אויף א דעמב־בוים אומגעשפרונגען
איז די וועווערקע עדזשידאמא,
האט געהאפקעט דורך די צווייגען,
האט אין דעמב געפרייכט, געפלוידערט,
האט געקייכט און האט געחוזק'ט:
„א, ניט שיס מיך הייאוואטהא!“

און דער האז האט אפגעטרעטען
איהם דעם וועג, און פון דערווייטענס
שטעהענדיג אויף הינטער־פיסלעך,
האלב מיט שרעק און האלב מיט שמד־שטיק,
האט געזאגט צום קליינעם יעגער:
„א, ניט שיס מיך, הייאוואטהא!“

דאך ער האט ניט אומגעקוקט זיך,
בלויז געטראכט פון רויטע הירשען,
בלויז שפיאנירט מיט זיינע אויגען,
זיי'רע פיס־טריט ביז'ן וואסער,
וואו זיי בראדזען־דורך דאס טייכעל,
און געוואנדערט ווי אין חלום.

דאָרט פאַרבאָרגנען אין די קוסטעס
האָט ער אויפ׳ן הירש געלויערט,
ביז ער האָט דערזעהן צוויי הערנער,
האָט דערזעהן צוויי גרויסע אויגען,
און צווייגאַזלעכער וואס דיכען.
אויפ׳ן וואַלד שטעג אנגעקומען
איז דער הירשען־באַק, בעשפּרינקעלט
פון די בלעטער׳ס ליכט און שאָטען;
ס׳האָט זיין הערץ געטהאָן א ציטער,
ווי א בלאַט פון וואַלד געטרייסעלט,
ווי א בירקען־בלאַט געפלאַטערט,
ווען דער הירש איז אנגעקומען.

דאַן געשטעלט האָט אויף איין קני זיך
הייאַוואַטהאַ, און געציעלט זיך;
קוים א צווייגעל האָט געוויעגט זיך,
קוים א בלעטעל האָט געשאָרכעט,
דאָך דער היטרער הירש גאר פלוצלינג,
האָט א זעץ געטהאָן מיט אלע
פיער קאָפּיטעס; דאַן געהארכט האָט,
א י י ן פוס האַלטענדיג אין אויר,
און א שפּרונג געטהאן אזוי ווי
ער וואָלט געהן דער פייל אנטקעגען;

זומענדיג, די טויט־פייל דאַן האָט
ווי אַ ביהן איהם איינגעשטאָכען.

טויט איז ער אין וואַלד געלעגען,
טויט ביי'ן סאַמע ברעג פון וואַסער.
ס'האָט זיין הערץ ניט מעהר געצאַפּעלט...
דאך דאָס הערץ פון הייאַוואַטהאַ'ן
האָט געהויבען זיך פון שמחה,
ווען ער האָט אהיים געבראַכט איהם,
און נאַקאָמיס און אי־אַ־גו
האָבען לויבענדיג באַגריסט איהם.

פון דעם הירשען־פעל אַ מאַנטעל,
האָט געמאַכט פאַר איהם נאָקאָמיס,
פון דעם הירשען־פלייש אַ סעודה,
האָט לכבוד איהם געמאַכט זי.

און דאס גאַנצע דאָרף געקומען
איז אויף הייאַוואַטהאַ'ס טאָהלצייט,
און געלויבט איהם, און גערופען
האַרץ־פול־גבורה, סאָן־גי־טעהע;
„האַרץ־פול־גבורה", סאָן־גי־טעהע;
מאַהן־גאַ־טייסי, איהם גערופען.

IV.

הייאַוואַטהאַ און מאָדזשיקיווים.

פון א׳ן אינגעל אין א מאַן איז,
אויסגעוואַקסען הייאַוואַטהאַ.
איז געווען געניט אין יאַגד־קונסט,
אין די תורות פון די אַלטע,
אין די שפּיעלען פון די יונגע,
אין די אומנות פון די מענער.

פלינק געווען איז הייאַוואַטהאַ;
פלעגט אַ פייל פון בויגען שיסען,
דאַן זי שנעל אַריבערלויפען,
ביז זי הינטער איהם פלעגט פאַלען.
שטאַרק געוועזען איז זיין אָרעם;
האָט געקענט צעהן פיילען שיסען
אַזוי מעכטיג, אַז די לעצטע,
האָט דעם בויגענשטריק פארלאָזען,
איידער ס׳פלעגט די ערשטע פאַלען.

ער געהאַט האָט הירשפּעל־הענדשקעס,
מינדזשיקאַהוואַן, כשוף־הענדשקעס;
פלעגט ער אויף די הענד זיי אָנטהאָן
פלעגט ער קענען פעלזען שפּאַלטען,
און צורייבען זיי אויף פּולווער.
ער געהאַט האָט שיך פאַרצויבערט;
פלעגט ער אויף די פיס זיי אָנטהאָן,
בינדען זיי אַרום די קנעכלעך,
פלעגט זיין יעדער שפּרייז א מייל זיין.

אויף זיין פאָטער מאַדזשיקיוויס,
האָט ער אויסגעפרעגט נאָקאָמיס,
ביז ער איז דעם סוד דערגאַנגען,
פון דער שענקייט פון זיין מוטער,
פון דער פאַלשקייט פון זיין פאָטער,
און זיין הערץ אין איהם געגליהט האָט,
ווי אַ הייסע קויהל געגליהט האָט.

און געזאָגט האָט ער נאָקאָמיס:
איך וועל געהן צו מאַדזשיקוויס,
וועל געהן זעהן וואָס מאַכט מיין פאָטער,
ביי דער טהיר פון מעריב־ווינטען,
ביי די טהויערען פון אבענד.

און אַרוים פון וויגוואַם איז ער,
רייזע־פּאַרטיג, יאַגד־באוואַפנט,
ס׳פוס־קלייד זיינס און ס׳העמד פון הירש־פעל,
רייך מיט פעדערען און וואַמפּאַם;
אויפ׳ן קאָפּ א׳ן אָדלער׳ס פעדערן,
אַרום לייב זיין וואַמפּאַם־גאַרטעל;
אין דער האַנד זיין עשען־בויגען,
אנגעשפּאנט מיט רענטהיר־אָדערן,
אין זיין בייטעל דעמב־האָלץ־פיילען,
צוגעשפּיצט מיט יאַספּיס־שטיינדלעך,
און מיט פעדערען באַפליגעלט;
אויף די הענד די צויבער־הענדשקעס,
אויף די פיס די שיך פון כשוף.

איהם געוואָרענט האָט נאָקאָמיס:
געה ניט דאָרטען, הייאַוואַטהאַ,
אין דעם מעריב־ווינד׳ס מדינה,
אין דאָס לאַנד פון מאַדזשיקיוויס;
ס׳וועט זיין כשוף דיר נאָך שלעכטס טהאָן,
דיך מיט חיטראָסט וועט ער טייטען.

ס׳האָט זיך פון דער אַלטער׳ס ווערטער
ניט דערשראָקען הייאַוואַטהאַ,
האָט אוועקגעשפּרייזט צום וואַלד־צו,

יעדער שפּרייז אַ מייל אַ גאַנצער.
געל און פייערדיג געדאַכט זיך
האָט די ערד איהם און דער הימעל,
היים און שטיקענדיג — דער אויר,
אָנגעפילט מיט רויך און פּאַרע,
ווי פון ברענענדיגע וועלדער;
דען זיין הערץ אין איהם געגליהט האָט,
ווי אַ הייסע קויהל געגליהט האָט.

מעריב־צו געוואַנדערט האָט ער,
איבעריאָגענדיג אין שנעלקייט,
רענטהירען און בופעל־אָקסען,
איבער'ן שטראָם פון עסקאַנעבע,
איבער'ן שטאַרקען מיססיססיפּי,
איבער אַלע בערג פון פּריירי,
דורך דאָס לאַנד פון פיקס און קראָהען,
דורך די דערפער פון די שוואַרץ־פיס,
סאָמע ביז די הויכע פעלז־בערג,
וואו דער אַלטער מאָדזשיקיווים,
פון די שטורעמדיגע שפּיצען,
האָט רעגירט די הימעל־ווינטען.

פול מיט אימה, הייאַוואַטהאַ
האָט דערזעהן זיין פאָטער'ס פּנים;

רונד ארום אין לופט געפלאטערט,
האָבען זיינע וואָלקען־לאָקען,
האָבען ווי דער שנעע געשימערט,
ווי די אישקודאַ, דער שטערען
מיט די פייערדיגע לאקען.

פול מיט שמחה, מאַדזשיקיווים
האָט געקוקט אויף הייאַוואַטהאַ'ן;
האָט דערזעהן זיין אַלטע יוגענד,
אין דעם פנים הייאַוואַטהאַ'ס,
האָט געזעהן ווענאָנע'ס שענקייט,
ווידער־אויפשטעהן פון'ם קבר.

„זיי באַגריסט" — געזאָגט איהם האָט ער —
„אין דעם מעריב־ווינד'ס מדינה,
„לאַנג געגאַהרט צו זעהן דיך האָב איך;
„שען און פייערדיג איז יוגענד,
„איינזאַם, פראָסטיג איז די זקנה.
„ברינגסט צוריק די טעג פון עבר,
„ברינגסט צוריק מיין ווילדע יוגענד,
„און די רייצענדע ווענאָנע".
טעג געשמועסט האָבען ביידע,
אויסגעפרעגט, געהאָרכט, געענטפערט,
פיעל באַריהמט זיך מאַדזשיקיווים,

האָט מיט זײַנע אַלטע גבורות,
מיט געפּאַהרען דורכגעמאַכטע,
מיט זײַן מוטה וואָס ווײס קײן צאַהם ניט,
מיט זײַן וואונד־באַשיצטען קערפּער.

רוהיג, ווי זײַן פאָטער ריהמט זיך,
צוגעהערט האָט הײַאוואַטהאַ,
מיט אַ שמײכעל צוגעהערט זיך,
ניט געסטראַשעט מיט אַ וואָרט איהם,
ניט פאַר׳מסר׳ט מיט אַ וואונק זיך,
דאָך זײַן הערץ אין איהם געגליהט האָט,
ווי אַ הײסע קויהל געגליהט האָט.

„מאַדזשיקיווים“ — האָט געפרעגט ער —
„איז ניטאָ אַ זאַך וואָס שאַדט דיר,
„וואָס דו זאָלסט פאַר איהר זיך שרעקען?“
פרײַנדליך־גדלות׳דיג געענטפערט
האָט דער שטאַרקער מאַדזשיקיווים:
„ק י י ן זאַך קען מיר ניט קײן שלעכטס טהאָן,
„ק י י ן זאַך חוץ דער שוואַרצער פעלז דאָרט,
„חוץ דער אונגליק־פולער וואָביק.“

און מיט צערטליך־קלוגע בליקען,
מיט דער ליבשאַפט פון אַ פאָטער,

האָט באַקוקט ער הייאַוואַטהאַ'ן.
האָט מיט שטאָלץ באַטראַכט די שענקייט,
פון זיין הויכען וואוקס דעם שלאַנקען,
און געזאָגט: „אָ הייאַוואַטהאַ,
„גיט אַ זאַך וואָס זאָל דיר שאַדען,
„און פאַר וועלכער דו האָסט מורא?“
דאָך דער חיטרער הייאַוואַטהאַ,
האָט אַ ווײַלע ווי אין ספק
איבערלעגט זיך, און געענטפערט:
„קיין זאַך קען ניט טהאָן קיין שלעכטס מיר,
„חוץ דער וואַסער־ראָהר וואָס וואַקסט דאָרט,
„קיין זאַך אויסער דעם עפּאָקווא.“

אויפגעשטעלט זיך מאָדזשיקיוויס
האָט, דעם וואַסער־ראָהר צו רייסען,
דאָך מיט כלומר'שטיגער מורא,
האָט געשריען הייאַוואַטהאַ:
„קאַגאָ! קאַגאָ! ריהר ניט אָן איהם“.—
„גוט, איך וועל איהם ניט באַריהרען“ —
האָט געענטפערט מאָדזשיקיוויס.

דאַן פאַרשמועסט פון דאָס ניי זיך
האָבען זיי פון אַנד'רע זאַכען,
ערשט פון הייאַוואַטהאַ'ס ברידער,

פון דעם מזרח־ווינד, פון וואַבאַן,
פון דעם זיד־ווינד שאַוואַנדייסי,
פון דעם נאָרד קעביבאָנאָקע,
דאַן פון הייאַוואַטהאַ׳ס מוטער,
פון דער רייצענדער ווענאָנע,
איהר צוקינד־געהן אויף דער לאָנקע,
און איהר שטאַרבען, ווי נאָקאָמיס
פלעגט עראינערן און דערציילען.

פלוצלינג האָט ער אויסגעשריען:
„מאָדזשיקיוויס, דו ביסט יענער
„וואָס געהרג׳עט האָט ווענאָנע׳ן,
„איהר גערויבט איהר חן, איהר לעבען,
„אָפגעפליקט די בלום פון פריירי,
„און צוטראָמפּעלט מיט די פיס זי.
„זיי זיך מודה! זיי זיך מודה! —“
טרייסלענדיג אין ווינד די לאָקען,
וויעגענדיג דעם קאָפּ דעם גראָען,
האָט דער שטאַרקער מאָדזשיקיוויס,
צוגעשטימט מיט שטומען קומער.
מורא׳דיג אין בליק און תנועות,
זיך געשטעלט האָט הייאַוואַטהאַ,
אָנגעהאַפּט דעם פעלז דעם שוואַרצען,
יענעם אונגליק־פולען וואַביק,

און מיט זיינע כשוף־הענדשקעס,
דורכגעהאַקט דעם הויכען שטיין־שפּיץ,
דאַן אויף שטיקער איהם צושפּליטערט,
און מיט ווילדען כעס געשליידערט,
אויף זיין פאַטער מאַדזשיקיוויס.
דען זיין הערץ אין איהם געגליהט האָט,
ווי אַ הייסע קויהל געגליהט האָט.

דאָך פון מעריב־ווינד דער הערשער,
האָט די גרויסע פעלזען־שטיקער,
מיט זיין הויך צוריקגעבלאָזען,
מיט דעם שטורעם פון זיין צאָרען,
אויף זיין פיינד צוריקגעבלאָזען,
האָט געחאַפּט דעם ראהר עפּאָקוואַ,
פון׳ם זומפּ ביי׳ן ברעג פון לאָנקע,
און מיט אלע זיינע וואָרצלען
אויסגעפּליקט דעם ריעזען־טייכראָהר. —
זיך צולאַכט האָט הייאַוואַטהאַ.

דאַן געראַנגעלט האָבען זיי זיך,
אין די בערג, אויף טויט און לעבען;
ווילד געשריען פון זיין נעסט האָט
דער קעניו, דער קריגעם־אדלער,
האָט געזעצט זיך אויף די פעלזען,

האָט געקרייזט זיך אין דער לופטען,
און געקלאַפּט די פליגלען זיינע.

ווי אַ הויכער בוים אין שטורעם,
זיך געוואָרפען האָט דער ריעז־ראָהר,
און אין גרויסע שווערע שטיקער,
איז דער וואַביק־פעלז געפאַלען,
ביז די ערד געטרייסעלט האָט זיך,
מיט דעם טומעל פון מלחמה,
ביז דער אויר האָט געפּילדערט,
ביז דער באַרג־דונער ערוואַכט האָט,
און געענטפערט : „בייאים־וואָוואָ.“

מעריב־צו איז מאַדזשיקיווים,
פון די בערג מיט האַסט געלאָפען,
פון די בערג אראָפּגעשטרויכעלט,
דריי טעג קעמפּפענדיג געלאָפען,
נאכגעיאָגט פון הייאַוואַטהאַ׳ן,
ביז די טהירען פון דעם מעריב,
ביז די טהויערען פון אַבענד,
דאָרטען וואו די ערד זיך ענדיגט,
און די זונן אין פוסטען אויר,
זינקט אַזוי ווי דער פלאַמינגאָ,

זינקט פאַר נאַכט אין נעסט אַרונטער,
אין די אומעדיגע זומפּען.

ענדליך האָט ער אויסגעשריען :
„האַלט מיין זוהן, מיין הייאַוואַטהאַ,
„קיינער קען מיך ניט ערמאָרדען,
„קענסט אונשטערבליכע ניט טיידטען ;
„כ'האָב געוואָלט דיין מוטה פּרובירען ;
„איצטער נעהם דעם לויהן פון גבור.

„צו דיין פאָלק אהיים קעהר אום זיך,
„לעב דאָרט צווישען זיי און אַרבייט,
„רייניג אָפּ די ערד פון פגעים,
„רייניג אוים פון קויט די טייכען,
„טייט די וועגדיגאָס די ריעזען
„ווילקאַלאקעס און מכשפים,
„און די עקדעשען קינאַביק,
„גלייך ווי איך האָב מישי־מאָקווע'ן,
„האָב דעם באַרג־בער צוגעהרג'ט.

„ווען צו דיר דער טויט זיך נעהנטערט,
„ווען די סטראַשנע בליקען פּאָגאָק'ס,
„גלאָצען אַן דיך אין דער פינסטער.
„וועלען מיר די הערשאַפט טהיילען,

„דו וועסט דאַן דער קעניג ווערען,
„פון די צפון־מעריב־ווינטען,
„פון דעם היים־ווינד, פון קיווײדין.“

אָט אַזוי איז צוגעגאַנגען,
די מלחמה די באַריהמטע,
אין די סטראַשנע טעג פון שאַ־שאַ,
אין די טעג שוין לאַנג פאַרגאַנגען,
אין דעם מעריב־ווינד׳ס מלוכה.
דאָך די שפורען זעהט נאָך איצטער,
איבער באַרג און טהאָל דער יעגער,
זעהט דעם וואַסער־ראָהר דעם גרויסען,
ביי די טייכען און די פלוסען,
זעהט די שטיקער פון׳ם וואַביק,
וואַלגערען אין יעדען טהאָל זיך.

דאַן זיין וועג צוריק אַהיים־צו,
האָט גענומען הייאַוואַטהאַ.
אַנגעװעהם געװען די לאַנדשאַפט,
אַנגענעהם געוועען די לופט איז.
דען די ביטערקייט פון צאָרען,
איז פאַרשוואונדען פון זיין הערצען,
פון זיין קאָפּ די ראַכע־פלענער,
פון זיין ברוסט דער הייסער פיעבער.

אויף איין פלאַטץ נאָר האָט גערוהט ער,
אויף איין פלאַטץ נאָר אָפּגעשטעלט זיך,
אום צו קויפען פיילען־שפיצען,
פון דעם אַלטען פיילען־מאַכער
אין דעם לאַנד פון די דעקאָטאַהס,
וואו דער שטראָם פון מינניאַהאַ,
גלאַנצט און גלימצערט דורך די דעמבעס,
לאַכט און שפּרינגט אין טהאָל אַרונטער.

דאָרט דער אַלטער פיילען־מאַכער,
האָט געמאַכט פון זאַמדשטיין, שפיצען,
האָט געמאַכט פון מילכשטיין, שפיצען,
און פון קיזעלשטיין און יאַספּיס,
גלאַט, מיט פיין־פאַרשאַרפטע עקען,
האַרט און פעסט און רייך געשליפען.

ס'האָט געהאַט דער גרייז אַ טאָכטער,
שטיפער'ש ווי דער מיניהאַהא,
פול קאַפּריז, פול ליכט און שאַטען;
איהרע שוואַרצע אויגען פלעגען
שמייכלען באַלד און באַלד זיך בייזערן.
שנעלל איהר טריט פלעגט ווי דער שטראָם זיין,
איהרע האָאר ווי זיינע וועללען,
זיס איהר שטימע ווי זיין רוישען;

נאַכ'ן שטראָם זי רופען פלעגט ער,
נאַכ'ן וואַסער־פאַלל זי רופען:
מינניהאַהאַ, לאַכיג־וואַסער.

האָט צוליעב די פיילען־שפּיצען,
האָט צוליעב די מילכשטיין־שפּיצען,
קיזעלשטיין־און־יאַספּיס־שפּיצען,
זיך פאַרהאַלטען הייאַוואַטהאַ,
אין דעם לאַנד פון די דעקאָטאַהס?

אָדער נאָר צו זעהן דאָס מיידעל,
זעהן דאָס פּנים וואָס בגנבה
איהם באַקוקט פון־הינטער'ן פאָרהאַנג;
הערען פון די קליידער איהרע,
דאָס גערויש פון־הינטער'ן פאָרהאַנג?
ווי מע זעהט דעם מיננעהאַהאַ,
ליכטיג בליסטשען דורך די צווייגען,
ווי מע הערט זיין וואַסער רוישען,
דורך דעם פאָרהאַנג פון די צווייגען?

ווער קען וויסען די געדאַנקען
אין די הייסע יוגענד־מוחות?
וועלכע שענע טרוימען האָבען,
הייאַוואַטהאַ'ס ברוסט ערפילט דאַן? —

קומענדיג אהיים אין אבענד,
האָט ער בלויז דערציילט דער אַלטער,
זיין באַגעגנים מיט'ן פאָטער
און זיין קאַמפף מיט מאָדזשיקיווים,
ניט אַ וואָרט געזאָגט פון פיילען,
ניט אַ וואָרט פון מיניהאַהאַ.

V.

הייאַוואַטהאַ'ס פאַסטען.

איצטער הערט ווי הייאַוואַטהאַ,
בעטענדיג, אין וואַלד געפאַסט האָט,
ניט ער זאָל מיט מעהר געשיקטקייט,
פאַנגען פיש און חיות שיסען,
ניט ער זאָל אין שטרייט באַזיגען,
און געשם'ט זיין ביי די קריגס־לייט —
נאָר אַ בעסערע מערכה,
האָט ער פאַר דאָס פאָלק געבעטען.

ערשט אַ ביידעל וואו צו פאַסטען,
אויסגעבויט אין וואַלד זיך האָט ער,
ביי דעם ים־וואַסער דעם העללען,
אין דער זיסער צייט פון פריהלינג,
אין דעם מאָנאַט פון די בלעטער,
דאַן פאַרטיפט אין טרוים־געדאַנקען,
זיבען טעג און נעכט געפאַסט האָט.

אויפ׳ן ערשטען פּאַסט־טאָג האָט ער,
דורכ׳ן גרינעם וואַלד געבלאָנדזשעט,
האָט געזעהן דעם הירש זיך יאָגען,
האָט געזעהן די הייהל פון קראָליק,
האָט די וועווערקע געהערט דאָרט,
ווי זי קלאַפּט מיט איהרע ניסלעך,
ווי דער וואַלד־עוף, בינע, האַמערט,
האָט געזעהן די טויב, אָמימי,
בויען נעסטען אין די סאָסנעס,
און געזעהן די גענז די ווילדע,
מחנות־ווייז קיין צפון פליהען,
מיט געפּילדער הויך אין אויר.
„האַרר פון לעבען" — האָט געוויינט ער —
„מוזען מיר פון ז י י זיך נעהרען?"
אויפ׳ן צווייטען טאָג פון פאַסטען,
האָט ער פאַזע שטראָם געוואַנדערט,
דורך דער מאָסקאָדיי די לאָנקע.
מאַהנאָמאָני, רייז געזעהן דאָרט,
בלאָע יאַגדעצקעס מינאַהגע,
רויטע פאָזעמקעס, אָדאַהמין,
גרינע אַגרעסען שאַהבאָמין,
און דעם ווינשטאָק דעם בימאַהגוט,
הייגנענדיג אויף ערלענבוימען,
פיללענדיג די לופט מיט ריחות.

„האר פון לעבען“ — האָט געוויינט ער —
„מוזען מיר פון ז י י זיך נעהרען?“

אויפ'ן דריטען פאַסט־טאָג איז ער
טראַכטענדיג ביי'ן טייך געזעסען,
ביי דעם שטילען קלאָרען וואַסער.
האָט געזעהן דעם נאָהמע שפּרינגען,
שפּריצענדיג ווי וואָמפּאָם־פּערעל,
האָט געזעהן דעם אָקון, סאַהוועו,
ווי אַ זוננענשטראַהל אין וואַסער,
אויך דעם העכט, דעם מאַסקענאָזע,
און דעם הערינג אָקעהאַווים,
און דעם שאָגעשי דעם ראַק־פיש.
„האר פון לעבען“ — האָט געוויינט ער —
„מוזען מיר פון זיי זיך נעהרען?“

אויפ'ן פיערטען טאָג איןביידעל,
איז ער אָפּגעשוואַכט געלעגען,
אויף זיין בעט פון גראָז און צווייגען,
קוקענדיג מיט האַלבע אויגען,
פולל מיט טרוימען און דמיונות,
אויף די שווינדעלדיגע לאַנדשאַפט,
אויף דאָס שטראַהלענדיגע וואַסער,
אויף דעם גלאַנץ פון מעריב־הימעל.

דאָן אַ יונגער מאַן באַוויזען,
האָט זיך אין דעם אָבענד־שימער,
אין דער בין־השמשות־רויטקייט.
געל און גרין געווען זיין קלייד איז,
און די לאָקען ווייך און גאָלדיג.

ביי דער טהיר געשטאַנען איז ער,
לאַנג געקוקט אויף הייאַוואַטהאַ'ן,
האָט געקוקט מיט גרויס רחמנות,
אויף זיין אָפּגעצעהרטען קערפּער,
און אין טענער ווי דאָס זיפצען
דורך די בוים־שפּיצען, פון זיד־ווינד —
האָט געזאָגט: „אָ הייאַוואַטהאַ,
„אָנגענומען איז דיין תפילה;
„האָסט געבעטען ניט ווי אַנד'רע,
„ניט דו זאָלסט מיט מעהר געשיקטקייט,
„פאַנגען פיש און חיות שיסען,
„ניט דו זאָלסט אין שטרייט באַזיעגען,
„און געשמ'ט זיין ביי די קריגס־לייט,
„בלויז אַ בעסערע מערכה,
„האָסטו פאַר דאָס פאָלק געבעטען.

„פון דעם לעבענס־האַר געשיקט דאָ,
„איך דעם מענשענ'ס פריינד, מאָנדאַמין,

„קום דיר ווייזען און דיך לערנען
„ווי דורך מאַטערנים און אַרבייט,
„קענסטו דיין געבעט עררייכען.
„הויב זיך אויף פון צווייג־געלעגער,
„הויב זיך אויף און קום זיך ראַנגלען.“

שלאָף פון הונגער, הייאַוואַטהאַ,
איז פון צווייגען־בעט אַרונטער,
איז אַרוים אין גלאַנץ פון אַבענד,
פון דעם האַלב־שוין־דונקלען וויגוואם,
זיך צו ראַנגלען מיט מאָנדאַמין.
פון זיין ריהר בלויז, האָט דערפיהלט ער,
נייען מוטה אין ברוסט און מוח,
נייעם לעבען, קראַפט און האָפנונג,
שטראָמענדיג דורך יעדען אבר.

אָט אַזוי אין אַבענד זונן־גלאַנץ,
זיך געראַנגעלט האָבען זיי דאָרט,
און געוואָרען תמיד שטאַרקער,
קעמפּפענדיג, איז הייאַוואטהאַ,
ביז די נאַכט איז אָנגעקומען,
און דער רייהער, דער שושוגא,
פון זיין וואָהנונג אין די זומפען,

קלאַגענדיג ארויסגעלאָזט האָט,
זיין געשריי פון פיין און הונגער.

און איהם שמייכלענדיג מאַנדאַמין
האָט געזאָגט: „עס וועט גענוג זיין.
„מאָרגען ווען די זונן געהט אונטער,
„קום איך ווידער דיך פּרובירען.“
דאַן געוואָרען איז ער נעלם,
צי אַראָפּ, ווי ס'זינקט דער רעגען,
צי אַרויף ווי ס'שווינדט דער נעבעל —
ניט געוואוסט האָט הייאַוואַטהאַ,
בלויז געזעהן איהם נעלם ווערען,
לאַזענדיג, אליין און שוואַך איהם,
מיט די ציטערנדע שטערען,
מיט דעם טייך דעם נעבעלדיגען.

מאָרגען און אויף איבערמאָרגען,
ווען די זונן איז פון דעם הימעל,
אין דעם מעריב־ים געפאַלען,
ווי די אַש די גלוטיג־רויטע,
פון דעם גרויסען הערשער'ס פייער,
אַנגעקומען איז מאַנדאַמין,
ראַנגלען זיך מיט הייאַוואַטהאַ'ן,
שטיל געקומען — ווי דער טהוי קומט

ערגעץ פון דעם פוסטען אויר,
און פאַרגעהט צוריק אין אויר,
זיכטבאַר ווען ער גרייכט די ערד בלויז,
דאָך ביי'ן קומען און פאַרשווינדען,
ניט געזעהן פון מענשען'ס אויגען.

דריי מאָל אין דעם אבענד־זונן־גלאַנץ,
זיך געראַנגעלט האָבען זיי דאָרט,
ביז די נאַכט איז אָנגעקומען,
און דער רייהער, דער שושוגא,
האָט זיך הונגעריג צושריען,
פון זיין זומפּ־נעסט, און מאָנדאַמין
נאכגעלאָזט האָט אום צו האָרכען.

הויך און שען געשטאַנען איז ער,
אין זיין געל־און־גרינעם מאַנטעל;
הין־און־הער זיין הויכע פעדער,
זיך געוויגט האָט פון זיין אָטהעם,
און פון ראַנגלען־זיך דער שוויים, האָט
ווי מיט טראָפּענס טהוי באַדעקט איהם.
אויסגערופען האָט ער דאמאלס:
„הייאַוואַטהאַ, דריי מאָל האָסטו,
„טאַפּפער זיך מיט מיר געראַנגעלט,

„און דער לעבענס־האַר וואָס זעהט אונז,
„מאָרגען וועט דעם זיעג דיר שיינקען.“

דאַן געשמייכעלט האָט ער: „מאָרגען
„איז דיין לעצטער טאָג פון קעמפפען,
„איז דיין לעצטער טאָג פון פאַסטען,
„מאָרגען וועסטו מיך באַזיעגען.
„מאַך צורעכט מיר אַ געלעגער,
„וואו אויף מיך קען רעגען פאַלען,
„וואו די זונן קען קומען וואַרמען;
„ציה מיין געל־גרין קלייד אַרונטער,
„ציה אַראָפּ מיין הויכע פעדער,
„לייג מיך אין דער ערד און דעק מיך,
„מיט אַ לייכטען פוכקען צודעק.

„לאָז קיין האַנד מיין שלאָף ניט שטערען,
„לאָז ניט צו קיין ווילדע גראָזען
„און קיין ווערעם, מיך צו פלאַגען,
„לאָז דעם קאַגאַדזשי, דעם ראָב ניט,
„קומען אין מיין רוה מיך שטערען;
„אויפפאַסען זאָלסט דו אליין מיך,
„ביז איך הויב אָן ווידער לעבען,
„ביז איך שפּרינג ארויס אין זונן־ליכט.“

דאַן אַוועג איז ער, און רוהיג
האָט געשלאָפען הייאַוואַטהאַ,
דאָך געהערט האָט ער די נאַכט־שוואַלב,
וואַוואָנייסע, ווי זי טרויערט,
אויף איהר אומעדיגען וויגוואם;
האָט געהערט דאָס נאָהנטע טייכעל,
סעבאָווישע ווי עס פליוסקעט,
און צום שוואַרצען וועלדעל פלוידערט;
האָט געהערט די צווייגען זיפצען,
וויגענדיג זיך אין דעם נאַכט־ווינד,
באַלד אַרויף און באַלד ארונטער,
זיי געהערט, ווי מ׳הערט אין שלומער
ווייטע חלום־מורמלערייען;
רוהיג זיס געשלאָפען איז ער.

אויפ׳ן לעצטען טאָג פון פאַסטען,
האָט די אַלטעטשקע נאָקאָמיס,
שפייז געבראַכט פאַר הייאַוואַטהאַ׳ן,
האָט געקלאָגט און האָט געבעטען,
ער זאָל פאַסטענדיג ניט אויסגעהן,
ניט פאַרמאַרען זיך פון תענית.

ניט פאַרזוכט די שפייזען האָט ער,
ניט באַריהרט זיי, בלויז געענטפערט:

„וואַרט ביז ס'זינקט די זונן אַרונטער,
„ביז עס פאַלט די נאַכט אַרום אונז,
„ביז דער רייהער, דער שושוגאַ,
„פון זיין ווייסטען זומפּ לאַזט וויסען,
„אַז געענדיגט האַט דער טאַג זיך."

טרויערנדיג אויף הייאַוואַטהאַ'ן,
איז אַהיים אוועג נאָקאָמיס,
זיך געשראָקען אַז דאָס פאַסטען,
זאָל ניט טייטען איהם חלילה.
ער, פאַרשוואַכט, האַט אונטערדעסען,
אָפּגעוואַרט מאַנדאַמין'ס קומען,
ביז אויף וואַלד און פעלד די שאַטענס,
האָבען מזרח־צו געשפּרייט זיך.
ביז פון הימעל אויפ'ן וואַסער
איז די זונן אַראָפּגעפאַלען,
און געשוואָומען קעגען מעריב,
ווי אַ רויטעס בלאַט אין אָסיען
פאַלט און פלאַטערט אויפ'ן וואַסער,
פאַלט און זינקט אין וואַסער'ס בוזעם.

פלוצלינג זעה, דער העלד מאַנדאַמין,
מיט די העללע ווייכע לאָקען,
מיט דעם געל־און־גרינעם מאַנטעל,

מיט דער גלאַנציק־לאַנגער פעדער,
שטעהט אין וויגוואם־טהיר און ווינקט איהם.
גלייך ווי איינער וואָס אין שלאָף געהט,
פון זיין ביידעל, הייאַוואַטהאַ,
בלייך און אָפּגעצעהרט דאָך מוטהיג,
איז אַרויס מיט איהם זיך ראַנגלען.

פאַר די אויגען איהם געדרייהט זיך
האָבען וואַלד און פעלד און הימעל,
ס'האָט זיין שטאַרקעס הערץ געצאַפּעלט,
ווי אַ פיש וואָס שפּרינגט און צאַפּעלט
זיך פון נעץ אַרויסצורייסען;
ווי אַ פייער־ראָד געפלויגען
איז פאַר איהם די מעריב־רויטקייט,
גלייך ווי הונדערט זוננען וואַלטען
צוגעקוקט, ווי זיי זיך ראַנגלען.

פלוצלינג אויף דעם גראָז, אַליין בלויז
איז געשטאַנען הייאַוואַטהאַ,
פון דעם הייסען קאַמפּף אָהן אָטהעם,
פון דער ראַנגלעריי פאַרסאָפּעט.
שטיל און טויט, די האָאר צושויבערט,
איז דער יונגער העלד געלעגען,
ס'קלייד צופליקט, די פעדער קאָדריג,
טויט אין אבענד־גלאַנץ געלעגען.

און דער זיעגער הייאַוואַטהאַ,
לויט זיין וואונש איהם האָט בעגראָבען,
אויסגעטהאָן מאַנדאמין'ס קליידער,
און די פעדער די צופליקטע;
אין דער ערד אריינגעלעגט איהם,
און איהם פוכקע, לייכט, פארשאָטען.
און דער רייהער דער שושוגא,
פון די אומעדיגע זומפען,
האָט זיין קלאָג ארויסגעלאָזען,
זיין געשריי פון פיין און הונגער.

דאַן אַהיים געגאַנגען איז ער,
צו דער אַלטעטשקע נאָקאָמיס.
זיינע זיבען טעג פון פאַסטען,
זיינען איצט געווען געענדיגט.
דאָך פארגעסען ניט געוואָרען,
איז דער אָרט פון זייער ראַנגלען,
ניט פאַרנאַכלעסיגט דער קבר
וואו געלעגען איז מאנדאמין,
שלאָפענדיג אין זונן און רעגען,
וואו זיין קלייד און פעדער־צירונג,
האָט געוועלקט אין זונן און רעגען.

טעגליך געהן פלעגט הייאַוואַטהאַ,
אויפצופאַסען עס און היטען

ס'זאָל דער שוואַרצער צודעק ווייך זיין,
פריי פון גראָז און פון אינזעקטען,
און פאַרטרייבען מיט געשרייען,
קאַגאַדזשי דעם ראָבען־קיניג.

ביז אַ קליינע גרינע פעדער,
פון דער ערד אַרויסגעשפּראָצט האָט,
דאַן אַ צווייטע און אַ דריטע,
ביז, סוף זומער, דאָרט געשטאַנען,
איז אַ שענער קוקורוזע,
אין אַ ליכטיג־העללען מלבוש,
און מיט לאַנגע ווייכע גאָלד־האָאָר;
און מיט פרייד האָט הייאַוואַטהאַ,
אויסגערופען: „ס'איז מאָנדאַמין,
„ס'איז דעם מענשען'ס פריינד מאָנדאַמין."

דאַן געבראַכט האָט ער נאָקאָמיס,
און אי־אַ־גו דעם באַריהמער,
וואו דער קוקורוז געבליהט האָט;
פון זיין וואונדער־טרוים דערציילט זיי,
פון זיין קאַמפּף און זיין נצחון,
פון דער נייער גאָב, וואָס שפּייזען
וועט די פעלקער אין דער צוקונפט.

שפּעטער ווען די גרינע בלעטלעך,
געלל געפאַרבען האָט דער אָסיען,
און די ווייכע פייכטע קערנער,
האַרט געמאַכט אזוי ווי וואָמפּאָם,
האָט ער אָפּגעהאַקט די זאַנגען,
אָפּגעשיילט די טויטע שאָלאכץ,
ווי אַמאָל מאָנדאַמין'ס מאַנטעל,
און צום ערשטען מאָל דאַן האָט ער,
דעם מאָנדאַמין־פעסט געפייערט,
און באַקאַנט געמאַכט דאָס פאָלק האָט,
מיט דעם גרויסען גייסט'ס מתנה.

VI.

הייאָוואַטהאַ'ס חברים.

אויסגעוויהלט פון אַלע אַנדרע
הייאַוואַטהאַ האָט צוויי פריינד זיך,
פעסט און טריי צו איהם געבונדען,
און צו זיי זיין הערץ געשענקט האָט,
סיי אין ליידען סיי אין פריידען:
קיביאַבאָס דעם מנגן
און דעם גרויסען גברן קוואַסינד.

גלייך פלעגט צווישען זיי דער שטעג געהן,
קיינמאָל פלעגט דאָרט גראָז ניט וואַקסען;
פלוידערזעק, רכילות־טרייבער,
זיסע מיילער, פאַלשע צינגער,
ניט געקענט געפינען האָבען,
ביי די פריינד אַ גיעריג אויער,
ניט ביי זיי מחלוקות מאַכען,
דען געלעבט האָבען פאַרטרויט זיי

אָפּענהערציג אויפגערעדט זיך,
טראַכטענדיג פּיעל, פּלאַנעווענדיג,
ווי די שבטים צו באַגליקען.

אָבער ליעבער הייאַוואַטהאַ'ן
איז געווען קיביאַבאָס,
ער דער פּער פון אַלע שפּיעלערס,
ער דער זיסטער פון די זינגערס.
קינדיש, שען געווען איז ער,
מאַן אין מוטה און פרוי אין מילדקייט,
בויגיג ווי אַ ווערבע שטעקעל,
סטאַלנע ווי אַ הירש מיט הערנער.
ס'דאַרף פלעגט האַרכען צו זיין זינגען,
אלע קריגסלייט פלעגען קומען,
אלע ווייבער איהם צו הערען;
באַלד צופלאַמט די הערצער האָט ער,
באַלד צושמאַלצען מיט רחמנות.

זיך געמאַכט פון טייך־ראהר האָט ער,
פליטען אזוי זים מעלאָדיש,
אַז דאָס טייכעל סעבאָווישע,
אויפגעהערט אין וואַלד האָט מורמלען,
אויפגעהערט די פויגלעך זינגען,
און די וועווערקע אין דעמב־בוים,

אויפגעהערט האָט באַלעבאַטשען,
און דער קראַליק האָט געזעצט זיך,
האָט געקוקט און איינגעהערט זיך.

יאָ, דאָס טייכעל סעבאָווישע,
האָט געזאָגט: „אָ קיביאַבאָס,
„לערען מיינע וועללען פּליססען,
„אזוי ווייך ווי דיינע ליעדער.“

ס'בלאָע פויגעלע אָווייסע,
האָט געשמאַכטעט: „קיביאַבאָס,
„לערען מיך די ווילדע קלאַנגען,
„די משוגע־זיסע ליעדער.“

ס'רויטע העלזעלע אָפּיטשי,
העלל געטרעללט האָט: „קיביאַבאָס,
„לערען מיך די זיסע טענער,
„און די פרייהליכע געזאַנגען.“

און די נאַכט־שוואַלב וואָוואָנייסע,
האָט געחליפעט: „קיביאַבאָס,
„לערען מיך די טרויער־טענער,
„לערען מיך די קומער־ליעדער.“

יעדער קלאַנג פון דער נאַטור־וועלט,
פון זיין ליעד פלעגט זיסקייט בארגען.

אלע מענשען׳ס הערצער זיינען,
ווייך געווארען פון זיין נגון.
דען ער פלעגט באזינגען פרידען,
פרייהייט, שענקייט, ליעבע, בייבקשאפט,
און דעם טויט, און ס׳אויביג־לעבען
אויף די ווייטע אינזעל־לענדער,
וואו עס וואהנען די געבענשטע,
אין דעם קיניגרייך פאנימעה,
אין דעם לאנד פון „נאכ׳ן קבר.“

זעהר טייער איז געוועזען
הייאוואטהא׳ן קיביאבאס,
ער, דער פער פון אלע שפילערס,
ער, דער זיסטער פון די זינגערס;
ליעב געווען איהם פאר זיין מילדקייט,
פאר דעם כשוף פון זיין זינגען.

דאך געליעבט האט הייאוואטהא
אויך דעם גרויסען גברן קוואסינד,
איהם דעם מעכטיגסטען פון מענער,
איהם פון שטערבליכע דעם שטארקסטען.
האט געליעבט איהם פאר זיין כוח,
פאר זיין קראפט געפאארט מיט גוטסקייט.

אינגעל־ווייז געווען איז קוואַסינד,
פויל און לאַנגזאַם און פערשלאָפען,
פלעגט ניט שפּיעלען מיט חברים,
פאַנגען פיש צי פויגלעך שיסען,
ווי עס טהוען אַלע אינגלעך;
נאָר מע פלעגט איהם אָפט זעהן פאַסטען,
אָפט איהם הערען תפלות ריכטען,
צו זיין מעניטאָ, זיין שיץ־גייסט.

ס'האָט געמוסר'ט איהם די מוטער:
„פוילער קוואַסינד, העלפסט מיר גאָרניט,
„זומער געהסטו שלינג און שלאַנג אום,
„אין די פעלדער און די וועלדער,
„ווינטער זיצסטו איינגעקאָרצעט,
„ביי דעם פייער פון דעם וויגוואַם;
„אין די קעלטסטע טעג פון ווינטער,
„מוז איך ברעכען ס'אייז צו פישען,
„און דו העלפסט מיר מיט דער נעץ ניט.
„ביי דער טהיר די נעצען הייגגען,
„נאַס און האַלב שוין איינגעפראָרען,
„געה דרעה אויס זיי, דו לא יוצלח,
„געה און טריקען זיי אין זונען אויס."

אויפגעשטעלט זיך האָט פון פייער
קוואַסינד. לאַנגזאַם, אָהן אַ ביי־זער,

שטילערהייד ארוים פון וויגוואַם,
און די נעצען ביי'ן אריינגאַנג,
דורכגעוווייקטע האַלב־פאַרפראָר'נע,
אויסגעדרייהט ווי בינטלעך שטרוי האָט,
זיי ווי בינטלעך שטרוי צוריסען;
האָט זיי דרייהענדיג צוריסען —
אזוי שטארק געוועזן זיין האַנד איז.

איהם געמוסר'ט האָט דער פאַטער:
„פוילער קוואַסינד, טויגסט צו יאַגד ניט,
„אלע בויגענס, אלע פיילען,
„פלאַצען אונטער דיינע פינגער;
„קום אין וואַלד און ועסט מיר העלפען,
„כאָטש אהיים די יאַגד צו ברייגגען."

אויף א שמאָלען שטעג געגאַנגען
זיינען זיי פארליינג א טייכעל,
וואו די שפור פון בופעל־אָקסען
זיך געזעהן אין ווייכען קויט האָט.
פלוצלינג זעהען זיי, דאָס שטעגעל,
איז פאַרשפּאַרט מיט אַלטע בוימען,
פונ'ם שטורעם אויסגעוואָרצעלט,
און פארליינג און ברייט צו־וואָרפען,
פעסט פאַרריגלענדיג דעם דורכגאַנג.

„קום“, — געזאָגט איהם האָט דער אַלטער,—
„דאָ אַריבער איז אונמעגליך,
„ס׳קען א מורמעל־טהיער ניט דורכגעהן,
„און אַ וועווערקע אפילו,
„קען דאָ ניט אַריבערקלעטערן.“

דאַן זיין פייף פארדרויכערט האָט ער,
און אוועקגעזעצט זיך טראַכטען,
אָבער איידער ער באַוויזען
האָט צו ענדיגען זיין ליולקע,
אפגעראַמט דער שטעג געוועזן איז;
קוואַסינד האָט די דיקע שטאַמען,
האָסטיג רעכטס און לינקס צושליידערט,
סאָסנע־בוימער פלינק ווי פיילען,
צעדער־בוימער לייכט ווי שפּיעזען.

„פוילער קוואַסינד“, — האָט דאָס יונגוואָרג,
שפּילענדיג אין פעלד, געזאָגט איהם —
„אויפ׳ן פעלז געלעהנט וואָס שטעהסטו?
קוקסט אונז אָן און טהוסט קיין זאַך ניט,
קום און ראַנגעל זיך ווי אַלע,
קום און שפּיעל מיט אונז אין וואַרפשטיין.“

קוואַסינד האָט ניט אָפגעענטפערט,
זייער אויפרוף ניט געענטפערט,

בלויז זיך לאַנגזאַם אויפגעהויבען,
מיט די הענד דעם פעלז דעם גרויסען,
פון דער ערד ארויסגעריסען,
און אין שטראָם אריינגעשליידערט,
אין דעם שנעלען שטראָם פּאָווייטינג,
וואו מע זעהט איהם איצט נאָך, זומער.

איין מאָל אויפ'ן ווילדען וואַסער,
אויף דעם שנעלען שטראָם פּאווייטינג,
שיפענדיג זיך מיט חברים,
האָט דערזעהן אַ ביבער, קוואַסינד,
דעם עמיק דעם ביבער־קיניג,
ווי ער שלאָגט זיך מיט די וועלען,
באַלד ארויף און באַלד אַרונטער.

קוואַסינד, זאָגענדיג אַ וואָרט ניט,
האַסטיג איז אין טייך געשפּרונגען,
אין דעם שטראָם אַראָפּגעטונקט זיך,
און איןווירבעל־שטראָם דעם ביבער,
נאָכגעיאָגט אַרום די אינזלען —
אזוי לאַנג פארטונקט אין וואַסער,
ביז צושראָקען די חברים,
האָבען אויסגערופען: „„קוואַסינד!
„מעהר שוין וועלען מיר ניט זעהן איהם.“

פלוצלינג זיך באוויזען האָט ער,
מיט דעם נאַסען טויטען ביבער,
מיט דעם קיניג פון די ביבערס.

אָט די צוויי, ווי איך דערצייהלט האָב,
פלעגען הייאַוואַטהאַ׳ס פריינד זיין,
קיביאַבאָס, דער מנגן,
און דער גרויסער גברן קוואַסינד.

פרידליך האָבען זיי געלעבט זיך,
אָפענהערציג אויפגערעדט זיך,
טראַכטענדיג פיעל, פלאַנעווענדיג,
ווי די שבטים צו באגליקען.

VII.

הייאַוואַטהאַ'ס וואַסער-רייזע.

„גיב, בעריאָזע, מיר דיין קאָרע,
„גיב מיר פון דיין געלער קאָרע,
„דו, וואָס ביי דעם שטראָם דעם שנעלען,
„הויך און פּרעכטיג אין דעם טהאָל וואַקסט!
„כ'וועל אַ לייכטעס שיפעל בויען,
„אַ טשימאָן אַ פלינקען בויען,
„וואָס וועט שווימען אויפ'ן וואַסער,
„ווי אַ געלעס בלאַט אין אָסיען,
„ווי אַ געלע וואַסער־ליליע."

„טהו דיין מאַנטעל אויס, בעריאָזע,
„נעהם דיין ווייסע הויט אַרונטער,
„באַלד שוין וועט דער זומער קומען,
„ס'וואַרעמט שוין די זונן אין הימעל,
„און דו דאַרפסט דיין ווייסע הויט ניט."

אזוי האָט אין וואַלד אין שטילען,
ביי דעם שנעלען טעקוועמינאַ,
הויך גערופען הייאַוואַטהאַ,
ווען געטרעלט די פויגלעך האָבען,
העל געטרעלט אין בלעטער־מאָנאַט,
און ערוואַכענדיג פון שלומער,
האָט די זון געזאָגט: „קוק אָן מיך!
„מיך די גרויסע זונן, די גיזים!"

און דער בוים מיט אַלע צווייגען,
האָט גערוישט אין מאָרגען־ווינדטעל,
און געזיפצט האָט מיט הכנעה:
„נעהם מיין מאַנטעל, הייאַוואַטהאַ."

דאַן דעם בוים־שטאַם מיט זיין מעסער,
האָט ער רונד אַרום געשניטען,
גראַדע אונטער ד'ערשטע צווייגען,
גראַדע איבער זיינע וואָרצלען,
ביז די זאַפט ארויסגעשפּריצט האָט.
דאַן פון אויבען ביז אַרונטער,
האָט ער דורכגעהאַקט די קאָרע,
לויז געמאַכט זי מיט אַ האָלץ־קלין,
און זי אפּגעשיילט אַ גאַנצע.

„גיב מיר, צעדער, דיינע צווייגען
„דיינע בויגיג־שטאַרקע צווייגען,
„צו באפעסטיגען מיין שיפעל,
„מאכען זיכערער און שטאַרקער.“

דורכגערוישט דעם שפּיץ פון צעדער,
האָט אַ קלאַנג, אַ קרעכץ פון מורא,
האָט פון ווידערשטאַנד אַ מורמעל,
דאַן פאַרבייגט זיך האָט דער צעדער,
און געשושקעט : „נעהם די צווייגען.“

אָפּגעהאַקט די צווייגען האָט ער,
האָט געמאַכט פון זיי אַ רייף־ווערק,
האָט געמאַכט פון זיי צוויי בויגענס,
איינער צוגעבייגט צום צווייטען.

„גיב מיר, לערכענבוים, די וואָרצלען,
„טעמערעק גיב די פעדעם־וואָרצלען,
„אום מיין שיפעל צו פערבינדען,
„אלע עקען צו פאַרבינדען,
„ס'זאָל דאָס וואסער ניט אריינגעהן,
„ס'זאל דער טייך מיך ניט באנעצען.“

אין דער מאָרגען־לופט געציטערט
האָט דער בוים דורך אלע וואָרצלען,

מיט די פרענז באריהרט זיין שטערען,
און געזאָגט מיט קומער־זיפצען:
„נעהם זיי אלע, הייאוואטהא.“

און פון דר'ערד ארויסגעריסען
האָט ער פון דעם בוים די פעדעם,
אויסגעפליקט די שטייפע וואָרצלען,
דאן פעסט אויפגענייהט די קאָרע,
פעסט געקניפט זי צו די רייפען.

„גיב מיר טענענבוים דיין באלזאם,
„גיב דיין באלזאמדיגען פעך מיר
„צו פערקלעפען אלע שפעלטלעך,
„ס'זאָל דאס וואסער ניט אריינגעהן,
„ס'זאָל דער טייך מיך ניט באנעצען.“

פינסטער, שטאָלץ, דער טענענבוים האָט
אין זיין שווארצען קלייד געהליפעט,
האָט ווי טייך־שטיינדלעך געשאָרכעט,
און געענטפערט מיט געיאָמער:
„נעהם מיין באלזאם הייאוואטהא.“

און ער האָט די באלזאם־טהרערען,
האָט די טענען־זאפט גענומען,

און דערמיט פאַרשמירט די זוימען,
יעדע שפּאַלט באַשיצט פון וואַסער.

„גיב מיר קאַג די שפּילקעס דיינע,
„גיב מיר, יאָזשיק, דיינע שפּילקעס,
„כ׳וועל פון זיי א האַלזבאַנד מאַכען,
„און א גאַרטעל פאַר מיין שיינדעל,
אויף איהר ברוסט צוויי שטערען שענע.“

מיט פאַרשלאָפ׳נעם בליק, דער יאָזשיק
האָט פון פוסטען בוים באַקוקט איהם,
גלייך ווי פיילען אפּגעשאָסען
זיינע שפּילקעס, און געפּרעפּעלט
דורך דעם קנויל פון זיינע וואָנצעס:
„נעהם זיי אלע הייאַוואַטהאַ.“

פון דער ערד צונויפגעקליבען
הייאַוואַטהאַ האָט די שפּילקעס,
האָט די גלאַנצענדיגע פיילכלעך;
רויט און געל און בלאָ געפאַרבט זיי,
מיט דעם סאָק פון ווילדע יאַגדעס,
און פון זיי געמאַכט זיין שיפעל,
אויפ׳ן בויך א העלען גאַרטעל,
אויפ׳ן פאָדער־שפּיץ א האַלזבאַנד,
אויף דער ברוסט צוויי שטערען שענע.

אַט אַזוי געבויט זיין שיפעל
האָט ער אין דעם טהאָל ביים וואַסער
פון דעם וואַלד ארומגערינגעלט;
ס'האָט געהאַט פון וואַלד דאָס לעבען,
זיינע סודות, און זיין צויבער;
פון בעריאָזע־בוים די לייכטקייט,
פון דעם צעדערבוים די פעסטקייט,
און די בויגיקייט און ווייכקייט,
פון די לערכענבוימער'ס אדערן.
און עס איז אין טייך געשוואומען,
ווי אַ'ן אָסיען בלאַט אַ געלעס,
ווי אַ געלע וואַסער־ליליע.

הייאַוואַטהאַ האָט קיין רודערס
ניט געהאַט, און ניט געדארפט אויך.
מיט געדאַנקען בלויז פאַר רודערס,
מיט זיין ווילען בלויז אַלס פיהרער —
רעכטס און לינקס, דאָ שנעל, דאָ לאַנגזאַם,
לויט זיין וואונש געפאָהרען איז ער.

דאַן גערופען האָט ער קוואַסינד,
האָט זיין פריינד דעם גבר גערופען,
און געזאָגט איהם: „העלף דעם טייך מיר
„רייניגען פון קויט און קלעצער."

גלייך אריינגעשפרונגען קוואסינד,
איז אין וואַסער ווי א׳ן אָטער,
טונקענדיג זיך ווי א ביבער;
זיך געשטעלט ביז העלפט אין וואַסער,
ביז די פּאַחוועס אין די וועלען,
אומגעשוואומען און געשריען,
און געשלעפּט פון טייך די קלעצער;
מיט די הענד דעם זאַמד גערידעלט,
מיט די פיס דעם קויט און פלאָנטער.

אויפ׳ן שנעלען טעקוועמינאַ,
האָט געשיפט זיך הייאַוואַטהאַ,
דורך דעם טייך׳ס פאַרקרימטע וועגען,
וואו ס׳איז טיעף און וואו ס׳איז ניט־טיעף.
איהם פאַראויס האָט קוואסינד גברן,
דאָ געבראָדזשעט דאָ געשוואומען,
היין און העך ארומגעפּאַהרען,
ראַהמענדיג פון טייך די זומפּ־בערג,
שלעפּענדיג די טויטע בוימען,
פאַר דאס פּאָלק א וועג געשאַפען,
פון די קוואלען אין די פעלזען,
ביז דעם וואַסער פון פּאָוויטינג,
ביז דעם טייך פון טעקוועמינא.

VIII.

חייאַוואַטהאַ'ס פיש־פאַנגען.

מונטער, לוסטיג, הייאַוואַטהאַ,
האָט אליין אין בירקען־שיפעל,
זיך געשיפט אויף גיטשי־גיומי,
אויף דעם ים־וואַסער דעם העלען,
מיט זיין פישער־שנור פון צעדער,
מיט זיין שנור פון צעדער־קאָרע,
אום צו כאַפען מישי־נאַהמע,
איהם, דעם מלך פון די פישען.

דורך דאָס ליכטיג־קלאָרע וואַסער,
האָט ער זעהן געקענט די פישען,
ווי זיי שווימען אין דער טיעפקייט,
זעהן דעם געלען אָקון סאהווע,
ווי א זונען־שטראַהל אין וואַסער,
זעהן, ווי שאַגעשי, דער ים־ראַק,

ווי אַ שפּין ליגט אויפ'ן טייך־גרונד,
אויפ'ן זאַמדיג־ווייסען טייך־גרונד.

הינטען־צו איז הייאַוואַטהאַ,
מיט זיין צעדער־שנור געזעסען;
ס'מאָרגען־ווינטעל מיט זיין פעדער,
האָט געשפּיעלט ווי מיט אַ קוסט־צווייג;
פאָרענט מיט'ן עק פאַררריסען,
איז די וועווערקע געזעסען,
ס'מאָרגען־ווינטעל מיט זיין פעלצעל,
ווי מיט פריירי־גראָז געשפּיעלט האָט.

אויף דעם ווייסען גרונד געלעגען,
איז דער גרויסער מישי־נאַהמע,
ער דער שטער, דער פישען־קיניג,
וואַסער דיכענדיג פון זשאַברע;
האָט געפּאָכט די פלאָסען זיינע,
מיט'ן עק דעם גרונד געבעזעמט.

איז געלעגען אנגעוואָפענט,
און מיט שילדען אויף די זייטען;
אויפ'ן קאַרג און אויפ'ן רוקען,
שטעכענדיגע שפּילקע־פּאַנצערס;
איז געווען קאָלירט מיט קריגס־פאַרב,

רויטע, געלע, בלאָע פּאַסען,
פלעקען ברוין און פלעקען שוואַרצע.
אויפ'ן דעק געלעגען איז ער,
פּאָכענדיג די רויטע פלאָסען,
ווען פון אויבען הייאַוואַטהאַ
אין זיין שיפעל איז געקומען,
מיט זיין פישער־שנור פון צעדער.

„ביים", צו איהם אַראָפּגעשריען
האָט אין אָפּגרונד הייאַוואַטהאַ —
„ביים מיין ווענדקע איין, דו נאַהמע,
„שווים אַרויס פון טיעפען וואַסער,
„לאָמיך זעהן ווער איז דער שטאַרקסטער."
דאַן די צעדער־שנור געשליידערט
האָט ער אין דאַס קלאָרע וואַסער;
דאָך אומזיסט געזעסען איז ער,
לאַנג אומזיסט דערוואַרט אַ תשובה,
ווידערהאָלענדיג אַלץ העכער:
„ביים מיין ווענדקע, מישי־נאַהמע."

רוהיג איז געלעגען נאַהמע,
לאַנגזאַם פּאָכענדיג אין וואַסער,
האָט געקוקט אויף איהם פון אונטען,
איינגעהערט זיך צו זיין אויפרוף,

צו זיין ליאַרעם דעם אומזיסטען,
ביז דערעסען האָט איהם ס'שרייען,
און געזאָגט האָט ער קענאָזע'ן,
צו דעם העכט, דעם מעסקענאָזע:
„נעהם די שנור פון פרעכען קערל,
„נעהם די וועדקע און צוריים זי."

דאן דערשפירט האָט ער ווי שטייפער,
ווערט די שנור אין זיינע פינגער,
שלעפט און רייסט אראָפּ, ביז דיבאָם
האָט זיך אויפגעשטעלט דאס שיפעל,
ווי א בירקען־קלאָץ אין וואַסער,
און די וועווערקע עדזשידאָמאָ,
אויפ'ן שפּיץ איז אומגעשפּרונגען.

מיט פאַראַכטונג, הייאַוואַטהאַ,
האָט געזעהן דעם פיש ארויפגעהן,
האָט געזעהן דעם העכט קענאָזע,
קומענדיג צו איהם אלץ נעהנטער,
און אין וואַסער איהם געשריען:
„איסע! איסע! מעגסט זיך שעהמען,
„ביסט א פּראָסטער העכט קענאָזע,
„ניט דער פיש וואָס איך וויל פאַנגען,
„ניט דער קיניג פון די פישען."

אויפ'ן דעק אראפגעזונקען,
איז דער העכט אין גרוים בזיון,
און געזאגט דער שטארקער נאהמע,
האט צום יוגודוואש, צום זונן־פיש,
צו דעם ליעשטש מיט רויטע שופען:
„נעהם די שנור פון דעם באריהמער,
„נעהם די ווענדקע און צוריים זיי."

גלאנצענדיג און ווארפענדיג זיך,
לאנגזאם איז ארויף דער זונפיש,
האט די פישער־שנור גענומען,
און אויף איהר זיך אנגעהאנגען,
מיט די כחות אלע זיינע,
האט געדרעהט ארום, דאס וואסער
דרעהענדיג דאס בירקענשיפעל,
אין א בלעזעלדיגען צירקעל,
ביז די וואסער־רינגען זיינען
אזש צום זאמד פון ברעג פארגאנגען,
און די וואסער־בלומען האבען
זיך צוואויגט ביי'ן וייטען טייך־זוים.

ווען געזעהן האט הייאוואטהא,
איהם ארויפשטייגען פון וואסער,
הויבענדיג זיין העלען פאנצער,

אויסגעשריען האָט מיט שפּאָט ער:
„איסע! איסע! מעגסט זיך שעמען,
„דו ביסט יוגודוואָש, דער זונן־פיש,
„ניט דער פיש וואס איך וויל פאַנגען,
„ניט דער קיניג פון די פישען.“

גלאַנצענדיג און וואַרפענדיג זיך,
לאַנגזאַם אין אַראָפּ דער זונן־פיש;
ווידער האָט דער שטער־פיש נאַהמע,
צוגעהערט ווי הייאַוואַטהאַ,
שרייט און רופט איהם אויף מלחמה,
האָט געהערט די קולות זיינע,
ווייט פאַרהילכענדיג דאָס וואסער.

פון'ם ווייסען זאַמד־דעק האָט ער
אויפגעהויבען זיך, פאַרערגערט,
טרייסלענדיג אין אַלע גליעדער,
קלאַפּענדיג מיט זיינע פאַנצערס,
גלאַנצענדיג מיט קריגס־קאָלירען;
איז מיט כעס ארויפגעשפּרונגען,
שטראַהלענדיג ארויף אין זון איז,
און אין גרויסען מויל פאַרשלונגען,
הייאַוואַטהאַ'ן מיט זיין שיפעל.

אין די שווארצע הייהל פארזונקען
איז דער דרייסטער הייאוואטהא,
גלייך ווי אויף א טייך א דונקלען,
זינקט א קלאָץ אראָפּ איןווירבעל;
הילפלאָז און צוטומעלט האָט ער,
אומגעטאַפּט אין טיעפען חשך,
און דערטאַפּט א הערץ א גרויסעס,
צאַפּלענדיג אין טיעפען חשך.

צאָרניג האָט ער מיט די פויסטען,
נאַהמע׳ס הערץ א זעץ געגעבען,
האָט געשפּירט ווי אלע אברים
טרייסלען זיך דעם פישען־קיניג,
האָט געהערט דאס וואַסער קאָכען,
פון דער שפּרינגעריי פון נאַהמע,
מיד און שוואַך און גוס׳ענדיג שוין.

דאַן פארקווער האָט הייאוואַטהא,
אויסגעדרייהט זיין בירקענשיפעל,
אום אין קאָך און מישינינע,
פון דעם נאַהמע׳ס קעהל ניט ווערען,
אויסגעשפּיגען און דער׳הרג׳ט.
און די וועווערקע עדזשידאָמאָ,
האָט געהאַפּקעט און געפלוידערט,

האָט געשלעפּט און האָט געהאָלפען
הייאַוואַטהאַ'ן ביי דער ארביים.

דאַן געזאָגט האָט הייאַוואַטהאַ:
„וועוורקע, מיין קליינער פריינד'ל,
טאפפער האָסטו מיך געהאָלפען,
נעהם דעם דאַנק פון הייאַוואַטהאַ'ן,
נעהם דעם נאמען וואָס ער גיט דיר,
דיך פון היינט מאָל אָן די קינדער,
וועלען רופען עדזשידאַמאָ,
רופען דיך דער „עק־אין־אויר."

ווידער האָט דער שטערפּיש, נאַהמע,
טרייסלענדיג געקרעכצט אין וואַסער,
דאַן פערשטומט געוואָרען איז ער,
און איז טויט צום ברעג געשוואומען,
רייבענדיג זיך אָן די שטיינדלעך,
ביז געהערט האָט הייאַוואַטהאַ,
ווי ער שאַרט זיך אויפ'ן טייך־זוים,
און בלייבט ליגען אויף די שטיינדלעך.
דאַן געוואוסט: דער פישען־קיניג,
ליגט אַ טויטער אויפ'ן טייך־זוים.

דאַן געהערט האָט ער דאָס קלאַפּען
פון אַ גרויסע מאַסע פליגלען,

האָט געהערט געמישטע קולות,
ווי פון רויב־פויגלען וואָס קעמפפען,
האָט דערזעהן א שיין פון אויבען,
דורך די ריפען פון דעם נאַהמע
האָט פון ים־פויגלען געזעהן דאָרט,
פון קעיאָשק די העלע אויגען,
וואָס באַקוקען דורך דער שפּאַלט איהם,
האָט געהערט זיי זאָגען: דאָס איז
„אונזער ברודער הייאַוואַטהאַ."

און מיט פריידיד ארויפגעשריען
פון דער הייהל פון אונטען האָט ער:
„ים־פויגלען, איהר ברידער מיינע,
„מאַכט פאר מיר די שפּאַלטונג גרעסער,
„מאַכט זי מיט די נעגעל ברייטער,
„און באַפרייט מיך פון מיין תפיסה,
„און פון היינט מאָל אָן און ווייטער,
„זאָל מען אייער אויפטהו ריהמען,
„זאָל דאָס פאָלק קעיאָשק אייך רופען,
„יאָ, קעיאָשק, די „בראַווע פליקערס."

און די ים־פויגלען די ווילדע,
האָבען ליאַרמענדיג געאַרבייט,
מיט די נעגעל און די שנאָבלען,

און געמאַכט די ריסען ברייטער,
אין די שטאַרקע ריפּען נאַהמע׳ס.
פון געפּענקנים, פון געפאַהרען,
פון דעם טויטען נאַהמע׳ס קערפּער,
פון דעם וואַסער׳ס שרעק באַפרייט איז
שנעל געוואָרען הייאַוואַטהאַ.

דאן געשטאַנען פאר זיין וויגוואַם,
איז ער ביי דעם ברעג פון וואַסער,
האָט די אַלטעטשקע גערופען,
האָט נאָקאָמיס צוגערופען,
און געוויזען איהר דעם נאַהמע,
אויף די טייך־שטיינדלעך א טויטען,
פון די ים־פויגלען געפרעסען.

און געזאָגט: „כ׳האָב מישי־נאַהמע,
„כ׳האָב דעם פיש־מלך דער׳הרג׳ט,
„זעהסט די פויגלען וואָס איהם פרעסען,
„מיינע פריינד די וואַסער־פויגלען,
„טרייב נאָקאָמיס נימ אוועג זיי,
„זיי געראַטעוועט מיך האָבען,
„פון געפאהר אין בויך פון נאַהמע.“

„וואַרט ביז זיי די וואַליעם האָבען
„אָנגעשטאָפּט זיך מיט דער סעודה

„און זיי פליהען קעגען אבענד,
„צו די נעסטען אין די זומפען;
„דאַן ברינג דיינע טעפּ און קעסלען,
„און מאַך טראָן פאַר אונז אויף ווינטער.“

און געוואַרט ביז אַבענד האָט זי,
ביז די נאַכט־זונן, די לבנה,
בלייך ארויס פון שטילען טייך איז,
ביז קעיאָשק, פון ים די פויגלען,
האָבען זיך מיט גרויס געפּילדער,
פון דער סעודה אויפגעהויבען,
און אין אבענדגלאַנץ געפלויגען
צו די אינזלען ווייט אוועק־צו,
צו די זומפען־נעסטען זיי׳רע.

הייאַוואַטהאַ האָט געשלאָפען,
דאָך די אלטע שטיל געאַרבייט
האָט אין שיין פון דער לבנה,
ביז פון זונענאויפגאנג האָבען
רויט געפאַרבען זיך די הימלען,
און די ים־פויגלען געקומען,
זיינען ווידער פון די אינזלען,
מיט גערויש נאָך זייער פריהשטיק.

דריי מעת לעת׳ן בייטענדיג זיך,
האָט נאָקאָמים און די פויגלען,
אָפּגעשונדען ס׳פלייש פון נאַהמע,
ביז דאָס וואַסער דורכגעשווייבקט האָט
דורך די ריפּען, און די פויגלען
זיינען מעהר שוין ניט געקומען,
און געבליבען אויף דעם זאַמד־ברעג,
איז פון נאַהמע דער סקעלעט בלויז.

IX.

הייאַוואַטהאַ און פּערל־פעדער.

בײַ דעם ברעג פון גיטשי־גיומי,
בײַ דעם ים־וואַסער דעם העלען,
דאָרט געשטאַנען איז נאָקאָמיס,
מיט איהר פינגער קעגען מעריב,
איבער'ן וואַסער קעגען מעריב
צו די פורפור אבענד־וואָלקען.

צאָרנדיג־רויט אראָפּ די זונן איז,
ברענענדיג אוועג אין הימעל,
לאָזענדיג נאָך זיך אַ שרפה,
ווי די קריגסלייט אין מלחמה,
צינדען הינטער זיך די פּריירים;
און די נאכט־זונן די לבנה,
פּלוצלינג איז ארויסגעשפּרונגען,
פון איהר לויער־פּלאַטץ אין מזרח,

שנעל געיאגט זיך נאָך די בלוט־טריט,
נאָך דער פייערדיגער קריגס־שפּור,
איהר געזיכט מיט גלאנץ באגאָסען.

און די אלטעטשקע נאָקאָמיס,
מיט איהר פינגער קעגען מעריב
האָט געזאגט צו הייאַוואַטהאַ'ן:
„דאָרטען וואוהנט דער „פּערל־פעדער",
„מידזשיסאָגוואָן דער מכשף,
„גייסט פון רייכטהום און פון פּערל,
„איהם באוואכען פייער־שלאַנגען,
„סמאָלע־טייכען רינגלען אום איהם.
„דו קענסט זעהן די פייער־שלאַנגען,
„גרויסע עקדעשען, קענאַביק,
„ווי זיי קנוילען זיך אין וואַסער;
„דו קענסט זעהן די סמאָלע־טייכען,
„ווי זיי שטרעקען הינטער זיי זיך,
„ביז די פּורפּור אבענד־וואָלקענס.

„ער מיט זיינע כשוף־קונצען,
„צוגעהרג'ט האָט מיין פאָטער,
„ווען אראָפּ פון דער לבנה
„איז ער אויף דער ערד מיך זוכען.
„ער, דער מעכטיגסטער מכשף,

„שיקט דעם פיעבער פון די בלאַטעס,
„שיקט דעם פעסט־געפילטען אויר,
„שיקט פון זומפּ דעם ווייסען נעבעל,
„שיקט אויף אונז אַן טויט און קראַנקהייט.

„נעהם דיין בויגען, הייאַוואַטהאַ,
„פיילען צוגעשפּיצט מיט יאַספּיס,
„נעהם דיין קריגס־שטאָק פּאַגעוואָגאַן,
„און די ווענדשקעס מינדזשיקאַהוואַן,
„נעהם מיט זיך דיין בירקענשיפעל,
„נעהם דעם טראַן פון מישי־נאַהמע'ן,
„איינצושמירען עס זאָל האַסטיג,
„דורכגעהן דורך די סמאָלע־טייכען;
„טויט דעם גרויזאַמען מכשף,
„און באַפריי דאָס פאָלק פון פיעבער
„וועלכער אַטהעמט פון די זומפּען;
„פאַר מיין פאַטער'ס טויט נעהם ראַכע."

גלייך, באַוואַפענט הייאַוואַטהאַ
האָט זיך מיט זיין קריגס־כלי־זיין,
האָט אַראָפּגעלאָזט זיין שיפעל,
האָט געגלעט די ווענטלעך, פרעהליך
און געזאָגט: „טשימאַן, מיין ליבלינג,
„שיפעל מיינס דו, שפּרינג אוועג דאָרט,

„וואו דו זעהסט די פייער־שלאַנגען,
„וואו דו זעהסט די שווארצע טייכען.“

און אוועג טשימאַן איז פרעהליך,
און געזונגען הייאַוואַטהאַ
האָט זיין שמערצליך־ווילדעס קריגס־ליעד;
אויבען דער מלחמה־אַדלער,
דער קעניו דער גרויסער אַדלער,
מלך איבער אלע פויגלען,
האָט אין לופט גערעש'ט, געשטורעמט.

באַלד געקומען איז ער דאָרטען,
וואו די גרויסע פייער־שלאַנגען,
ליגען אויסגעשפרייט אין וואַסער,
פינקלען, פליוסקען זיך אין וואַסער,
און זיך קנוילען ביין אריינגאַנג,
הויבענדיג די רויטע קאַממען,
דיכענדיג טומאַן און פאַרע.

דאָך אָהן מורא, הייאַוואַטהאַ
אויסגעשריען אויפ'ן קול האָט:
„לאָזט מיך געהן מיין וועג קענאַביק,
„לאָזט מיך געהן אויף מיין נסיעה!“
שיפענדיג מיט פייער־אַטהעם

האָבען זיי איהם אָפּגעענטפערט:
„געה צוריק דו שאַגאַדייע,
„געה דו פּחדן, צו נאָקאָמיס.“

אויפגעהויבען הייאַוואַטהאַ
האָט מיט כעס זיין עשענבויגען,
האָט געחאַפּט די יאַספּיס־פּיילען,
און געשאָסען אין די שלענג זיי,
יעדער קנאַל פון שטריק געווען איז,
ווי א קריגס־געשריי, א טויט־קרעכץ,
יעדער פּיילען־סווישטש געווען איז
ווי א טויט־ליעד פאַר די שלאַנגען.
וועלצענדיג זיך אין דעם בלוט־שטראָם,
זיינען טויט די שלענג געלעגען.
זיכער שיפענדיג דורך זיי זיך,
אויסגערופען הייאַוואַטהאַ
האָט מיט פרייד: „טשימאָן מיין טהייערס,
„טראָג זיך צו די סמאָלע־טייכען.“

דאַן דעם שיפעל׳ס שפּיץ און ווענטלעך
האָט מיט נאַהמע׳ס פעטס באַשמירט ער,
גוט באַשמירט עס זאָל מיט שנעלקייט,
דורכגעהן דורך דעם שוואַרצען פעך־שטראָם.

און א גאַנצע נאַכט געפאָהרען,
איז ער אויף דעם פוילען וואַסער,
צוגעדעקט מיט אַלטען שימעל,
שוואַרץ פון טייך־שטעקלעך פארפוילטע,
פעסטיג פון פארוועלקטע בלומען,
שטיל אָהן לעבען, וויסט און טרויריג,
פון לבנה׳ס ליכט באַשימערט,
פון די טאַנצענדיגע פלעמלעך,
פייערלעך וואָס מתים צינדען
ביי דער נאַכט, אויף זייער רייזע.

וויים פון ליכט געוועזן די לופט איז,
דונקעל־שוואַרץ, דער טייך — פון שאָטענס;
רונדאַרום געזומט איהר קריגס־ליעד,
האָט די שטעך־פליעג די סיודזשימע;
וואָוואָטייסי, ס׳פייער־פליעגעל,
הין און הער געוויגט אין אויר
האָט איהר ליכטעל איהם צו נאַררען;
אין לבנה ליכט איהר קאָפּ האָט
אויסגעשטעקט די פראש, דעהינדע,
איהם באקוקט מיט געלע אויגען,
דאָן איז חליפּענדיג פאַרזונקען;
און א טויזענד סוויסטשעס האָבען,
אָפּגעהילכט פון אַלע זומפּען,

און דער רייהער דער שושוגא,
פון זיין נעסט ביין וויטען ברעג האָט
אנגעזאָגט דעם גבור'ס קומען.

מעריב־צו איז הייאוואטהא,
צום מכשף'ס לאַנד געפאָהרען
צו דעם לאַנד פון פערעל־פעדער.
ביז געגלאָצט האָט די לבנה
בלאַס באטריבט, איהם גלייך אין פנים,
ביז די זונן איהם האָט פון הינטען,
היים געברענט אויף זיינע פלייצעס,
און געזעהן פון פאָרענט האָט ער,
אויף אַ בארג, דעם שטראַהלען־וויגוואַם,
פון דעם מעגיטא פון וואַמפּאַם,
פון דעם מעכטיגסטען מכשף.

ווידער גלעטענדיג זיין שיפעל,
אויסגערופען האָט ער: „ווייטער!“
צוקענדיג מיט אלע גליעדער,
האָט דאָס שיפעל, מיט נצחון
בלויז איין גרויסען שפרונג געגעבען,
דורך די ליליעס פונ'ם וואַסער,
דורך דעם פלאָנטער פון געוויקסען,

און אויף יענער זייט געבראַכט איהם,
ניט פאַרנעצט זיין פוס אפילו.

דאַן גענומען הייאַוואַטהאַ,
האָט זיין עשען־פיילענבויגען,
אויף איין זייט געלעהנט אין זאַמד איהם,
מיט זיין קני געדריקט דעם מיטען,
שטייפער ס'שטריקעל איינגעצויגען,
דאַן א פייל באשפיצט מיט יאספּיס,
זומענדיג אוועקגעשיקט האָט,
קעגען בליסטשענדיגען וויגוואַם.
זי געשיקט האָט אלס שליח
פון זיין הויכען שטאָלצען אויפרוף:
„קום פון וויגוואַם, פערל־פעדער,
„דען אויף דיך וואַרט הייאַוואַטהאַ.“

גלייך ארויס פון העלען וויגוואַם,
איז דער מעכטיגער מכשף,
הויך אין וואוקס, מיט ברייטע פלייצעס,
מיט אַ פּנים שוואַרץ און שרעקליך,
פון דעם קאָפּ ביז פוס אין וואָמפּאָם,
אָנגעגורט מיט אלע וואַפען,
פאַרביג ווי דער מאָרגען־הימעל,
בלאָ געשטרייפט, און געל און פּורפור;

אויף זיין קאָפּ די אָדלער־פּעדערן,
הין און הער געוויגט זיך האָבען.

„אָ, איך קען דיך, הייאַוואַטהאַ" —
האָט ער מיט אַ קול פון דונער,
מיט אַ חוזק טאָן געשריען —
„לויף צוריק, דו שאַגאָדייע,
„צו די ווייבער גערה, דו פּחדן,
„צו דער אַלטעטשקער נאָקאָמיס.
„כ'וועל דיך הרג'ן, ווי דו שטעהסט דאָ,
„ווי איך האָב געטויט איהר פאָטער."

הייאַוואַטהאַ, אָהן שום מורא,
אָהן שום פּחד, האָט געענטפערט:
„ווערטער זיינען ניט קיין קריגס־העק,
„ריהמעריי קיין בויגען־שטריק ניט,
„שפּאָט איז ניט ווי פייל׳ען שפּיציג,
„טהאָן איז בעסער ווי בלויז ריידען,
„טהאטען שטאַרקער ווי זיך גרייסען."

זיך צוברענט דער גרעסטער קאַמפף האָט
וואָס די זונן האָט אנגעקוקט ווען,
און די קריגס־פויגלען געזעהן ווען,
האָט אַ זומער־טאָג געדויערט,

פון באַגינען ביז אין אבענד,
דען די פייל פון הייאַוואַטהאַ,
ניט געשאַדט האָט ס׳העמד פון וואַמפּאַם,
ניט די קלעפּ וואָס ער דערלאַנגט האָט,
מיט די הענדשקעס מינדזשיקאַהוואַן,
ניט זיין קריגס־שטעקען דער שווערער;
פעלזען האָט געקענט ער שפּאַלטען,
אָבער ס׳צויבערהעמד פון וואַמפּאַם,
ניט געקענט צורייסען האָט ער.

און פאַרנאַכט האָט אַנגעלעהנט זיך
הייאַוואַטהאַ אויף זיין בויגען,
מיעד, פאַרוואונדעט און פאַרצווייפעלט,
מיט זיין קריגס־שטעקען צובראָכען,
מיט די הענדשקעס דורכגעריסען,
און מיט מאַכטלאָזע דריי פיילען;
האָט פאַררוהט זיך אין דעם שאָטען,
פון אַ סאָסנע וועלכער׳ס צווייגען,
זיינען מאָך־באַדעקט געהאַנגען,
וועלכע׳ס שטאַם געוועזן באַוויקעלט
איז מיט מלאך־המות־לעדער,
און מיט ווייס־ און געלע שוועמלעך.

פלוצלינג הערט ער ווי פון אויבען,

זינגט דער בוים־האַקער, דער מיימע:
„ציעל די פיילען, הייאַוואַטהאַ,
גלייך אין קאָפּ פון מידזשיסאָגוואָן,
טרעף אין טשוב איהם, טרעף די וואָרצלען
פון די לאַנגע שוואַרצע קודלעס,
דאָרט נאָר קענסטו איהם פאַרוואונדען.“

ווען דער צויב׳רער זיך געבייגט האָט,
אום אַ שטיין, צום וואַרפען, נעהמען,
איז די פייל פון הייאַוואַטהאַ׳ן,
יאספים־שפיציג און באַפעדערט
שנעל געפלויגען, און געטראָפען
גלייך אין רעכטען מיטען קאָפּ איהם,
ביי די וואָרצלען פון די קודלעס,
און ער האָט גענומען וואנקען,
ווי אַ פויגעל אַ פאַרוואונד׳טער
ווי דער פיזיקי דער בופעל,
ווען דער שניי ליגט אויף דער פּריירי.

שנעלער איז די פייל די צווייטע,
נאָך דער ערשטער נאכגעפלויגען,
האָט נאָך טיעפער איינגעדרונגען,
האָט נאָך שמערצליכער פאַרוואונדעט,
ביז די קני פון מידזשיסאָגוואָן,

האָבען טרייסלענדיג געוויגט זיך,
ווי אין ווינד די וואַסער־שטעקלעך.

דאָך די דריטע פייל געוועזען
איז די שנעלסטע און די שאַרפסטע,
און דערזעהן האָט מידזשיסאַגוואָן,
פּאַגאַק׳ס פייער־אויגען גלאָצען,
האָט דערזעהן פון טויט די אויגען,
האָט געהערט דורך נאַכט זיי רופען.
צו די פים איז הייאַוואַטהאַ׳ן,
טויט געלעגען פּערעל־פעדער,
טויט דער מעכטיגסטער מכשף.

פול מיט דאַנק האָט הייאַוואַטהאַ,
דאַן דעם בוים־האַקער גערופען
פון זיין ערטעל, אין די צווייגען
פון דער אומעדיגער סאָסנע,
און צום אנדענק אָן זיין טובה,
ס׳פעדער־בינטעל אויף זיין קעפּעל,
רויט מיט בלוט איהם אנגעפאַרבען.
און ער טראָגט עס נאָך ביז איצטער,
טראָגט דעם טשוב מיט רויטע פעדערן,
אלס א׳ן אנדענק אָן זיין טובה.

אויסגעטהאָן דאָס העמד פון וואָמפּאָם,
האָט ער פון מכשף׳ס רוקען,
אלס א צייכען פון זיין זיגען,
אלס א סמן פון נצחון,
און געלאָזט ביים ברעג דעם קערפּער,
האַלב אין טייך, האַלב אויף יבשה,
אין דעם זאַמד די פּיס פאַרגראָבען,
און דאָס פּנים אין דעם וואַסער.
אויבען ליארמענדיג געדרייהט זיך,
האָט דער קריגס־אָדלער דער שטארקער,
מאַכענדיג זיין קרייז אַלץ שמעלער,
קומענדיג אלץ נעהנטער, נעהנטער.

פון דעם וויגוואַם צוגענומען
הייאַוואַטהאַ האָט די אוצרות,
בופעל־פעלען, ביבער־פעלען,
הערמעלין־ און סויבעל־פעלען,
פעלצען טהייערע און וואָמפּאָם,
פּערעל־גאַרטלען, שנורען, בייטלען,
פּיילען־בייטעלעך פון וואָמפּאָם,
אנגעפילט מיט זילבער־פּיילען.

דאַן אַהיים מיט פרייד געפאָהרען
איז ער דורך די סמאָלע־טייכען,

דורך די עקדעשען די טויטע,
מיט די צייכענס פון זיין זיעגען,
מיט געזאנגען פון נצחון.

אַבגעוואָרט איהם האָט נאָקאָמיס
אויפ׳ן ברעג, און קיביאבאס,
און דער גרויסער גברן קוואַסינד,
אַבגעוואָרט דעם גבור׳ס קומען,
און געהערט די קריגס־געזאנגען.
און פון דאָרף דאָס גאַנצע פאָלק האָט
איהם באַגריסט מיט טענץ און ליעדער,
און געהוליעט און געשריען:
„גיט אָפּ כבוד הייאַוואַטהאַ׳ן,
„ער געטויט האָט פערעל־פעדער,
„איהם דעם מעכטיגסטען מכשף,
„איהם וואָס פלעגט דעם הייסען פיעבער,
„פלעגט פון זומפּ דעם ווייסען נעבעל,
„פלעגט אונז טויט און קראנקהייט, שיקען.“

תמיד טהייער איז געבליעבען,
הייאַוואַטהאַ׳ן מיימע׳ס זכר,
און אין צייכען פון זיין פריינדשאפט,
אלס א׳ן אנדענקען פלעגט תמיד
ער זיין ליולקע־רעהר׳על ציערען,

מיט דעם פורפור־פעדער־בינטעל,
מיט דעם רויטען טשוב פון מיימע.
דאָך די אוצרות פון מכשף,
די געווינסען פון מלחמה,
האָט ער מיט'ן פאָלק צוטהיילט זיך,
איטליכען א גלייכען חלק.

X.

הייאַוואַטהאַ'ס חתנ'שאפט.

„ווי דאָס שטריקעל איז צום בויגען,
„אזוי איז די פרוי צום מאַנסביל,
„כאָטש זי בייגט איהם, איהם געהאָרכט זי,
„כאָטש זי ציהט איהם, דאָך זי פאָלגט איהם.
„איינער טויג ניט אָהן דעם צווייטען. "

אָט אזוי געטראַכט אין הערצען,
האָט דער יונגער הייאַוואַטהאַ,
פון מחשבות פיעל צורודערט;
שטיל געשמאַכט, געהאָפט, געציטערט,
אלץ געטרוימט פון מינניהאהא'ן,
פון דער שענער „לאַכיג־וואסער",
וואָס אין לאנד פון די דעקאָטאַהס.

איהם געמוסר'ט האָט נאָקאָמים:
„נעהם א מיידעל פון דיין שבט,

„געה ניט מזרח, געה ניט מעריב,
„זוכען פרעמדע וואָס דו קענסט ניט.
„היימיש ווי דאס וויגוואַם-פייער,
„איז די טאכטער פון דעם שכן,
„גלאַנץ פון שטערען און לבנה,
„איז די פרעמדע יפת תואר.“

אָפּגערעדט איהם האָט נאָקאָמיס,
דאָך געזאָגט האָט הייאַוואַטהאַ:
„זיסע באָבעניו, נאָקאָמיס,
„ס'וואַרעמט ליעב דאָס היימיש פייער,
„אבער מיר דער שיין פון שטערען,
„דער לבנה-גלאַנץ איז ליעבער.“

ערנסט האָט געזאָגט נאָקאָמיס;
„ברינג א ווייב ניט, א לאַ־יוצלח,
„ברינג קיין מיידעל ניט וואָס פוילט זיך,
„פוילע פיס, הענד אונגעשיקטע;
„ברינג א ווייב מיט פלינקע פינגער,
„הארץ און הענד צוזאמען פלייסיג,
„פיס באַרייט א גאַנג צו לויפען.“

שמייכלענדיג געזאָגט איהר האָט ער:
„אין דעם לאַנד פון די דעקאָטאַהס,

„וואהנט דעם פיילענמאַכער'ס טאָכטער,
„מיננעהאהא וואס די שענסטע,
„איז פון אלע פרויענצימער;
„זי וועט קומען אין דיין וויגוואם,
„טהאָן דיין שליחות און דיר ווערען,
„פייער־גלוט און שטערען־שימער,
„און דאָס זונליכט פון מיין שבט.“

דאָך נאָקאָמיס האָט געטענה'ט:
„ברינג קיין פרעמדע אין מיין צעלט ניט,
„פון דעם לאַנד פון די דעקאָטאהס,
„גרויזאם זיינען די דעקאָטאַהס,
„צווישען אונז איז אָפט מלחמה,
„ס'לעבען נאָך די אלטע שנאות,
„ניט פאַרהיילט די אַלטע וואונד איז.“

לאַכענדיג געענטפערט האָט ער:
„אָט דעריבער וויל איך איצטער,
„נעהמען א דעקאָטאַה מיידעל,
„אונז'רע שבטים צו פאַרבינדען,
„אַלטע וואונדען צו פאַרהיילען.“

דאַן אַוועג איז הייאַוואַטהאַ,
אין דאָס לאַנד פון די דעקאָטאַהס,

אין דאָס לאַנד פון שענע פרויען.
איבער זומפּ־לענדער און לאַנקעס,
דורך די טיפע אַלטע וועלדער,
דורך דער אונגעשטערטער שטילקייט.

מיט די צויבער־שיך געמאָסטען
האָט מיט יעדען שפּרייז אַ מייל ער,
דאָך דער וועג איהם לאַנג געווען איז,
ס׳איז זיין הערץ פאָראויס געלאָפען,
און ער האָט געשפּאַנט אָהן אויפהער,
ביז ער האָט דערהערט דאָס לאַכען,
פון די שטראָמען מינניהאהא׳ס,
„זיס דער קלאַנג" — געמורמעלט האָט ער —
„זיס די שטים וואָס רופט מיך דאָרטען."

האַלב אין ליכט און האַלב אין שאָטען,
אויפ׳ן וואַלד־זוים זיך געפּיטערט
האָט אַ סטאַדע יונגע הירשען.
ניט־באמערקט פון זיי, צום בויגען
האָט געשושקעט ער: „פאַרפּעהל ניט!"
צו דער פייל געזאָגט: „ניט בלאַנדזשע!"
און זי זומענדיג געשיקט האָט
אין דאָס רויטע הערץ פון הירשבאָק,

דאַן געכאַפּט איהם אויף די פּלייצעס,
און געגאַנגען ווייטער האַסטיג.

ביי דער וויגוואם־טהיר געזעסען,
איז דער אַלטער פּיילען־מאַכער,
אין דעם לאַנד פון די דעקאָטאַהס,
און פון יאַספּיס־שטיין און מילכשטיין,
האָט געשליפען פּיילען־שפּיצען;
נאהנט פון אַלטינקען געזעסען,
איז די שענע מיננעהאהא,
איז זיין טאָכטער, „לאַכיג־וואַסער“,
און האָט ראָגאָזשעס געפלאָכטען.
ס'האָט געטראַכט דער גרייז פון עבר,
ס'מיידעל האָט געטרוימט פון צוקונפט.

ער געטראַכט האָט פון די צייטען,
ווען מיט אויך אזעלכע פּיילען,
ער פלעגט הירש און בופעל שיסען
אויף דער מאָסקאָדיי דער לאָנקע,
שיסען ווילדע גענז וואָס פלעגען
דרום־צו מיט ליארעם פליהען;
האָט דערמאָנט די קריגס לייט, וועלכע
פלעגען זיינע פּיילען קויפען,
אָ ה ן זיי האַלטען קריג ניט קענען.

מעהר שוין קען מען ניט געפינען,
קריגסלייט טאפפערע אזעלכע.
מענער זיינען איצט ווי פרויען,
זייער צונג איז זייער וואפען.

זי געטראכט האט פון א יעגער,
פון אן אנדער לאנד און שבט,
יונג, הויך, שען, וואס אין א פריהלינג
איין פריה־מארגען איז געקומען,
ביי איהר פאטער פיילען קויפען,
האט זיך אפגערוהט אין וויגוואם,
איז א צייט אין טהיר געשטאנען,
און א סך מאל אומגעקוקט זיך.
איהם געריהמט האט שטארק דער פאטער,
האט געריהמט זיין מוטה און קלוגשאפט.
וועט ער ווידער קויפען פיילען,
ביי דעם שטראם פון מיננעהאהא? —
אויפגעהערט איהר האנד האט פלעכטען,
און פערטרוימט געוועזן איהר בליק איז.

פון געדאנקען זיי געטשוכעט
האט א טריט, א שארך פון צווייגען;
פון דעם וואלד האט הייאוואטהא,
פלוצלינג זיך פאר זיי באוויעזען,

מיט א גליהענדיגען פנים,
מיט דעם הירש אויף זיינע פלייצעס.

לאנגזאם האט זיין בליק דער אלטער,
פון זיין ארבייט אויפגעהויבען,
האט זיין פייל געלאזט אין מיטען,
און זיך שטעלענדיג געזאגט איהם:
„זיי געגריסט אונז הייאוואטהא."

פון זיין פלייצע, הייאוואטהא
האט דעם הירש אראפגענומען,
און אוועגגעלעגט זיין משא,
צו די פים פון לאכיג־וואסער.
פון איהר ראגאזשע דאס מיידעל,
אויפגעבליקט מיט מילדען בליק האט,
און געזאגט מיט ווייכער שטימע:
„זיי געגריסט אונז, הייאוואטהא."

ס'איז געווען געראם דער וויגוואם,
אויסגעציערט מיט ווייסע הירש־הויט,
זיינע פארהאנגען באפארבען,
מיט די געטער פון דעם שבט;
אזוי הויך געווען די טהיר איז,
אז ביים איינגאנג הייאוואטהא,

קוים פאַרבייגט זיך האָט און קוים האָט
מיט זיין פעדער־פוץ באַריהרט זי.

אויפגעשטאַנען פון דער ערד איז,
מיננעהאהא, לאַכיג־וואַסער,
האָט אוועגגעלייגט די ארבייט,
האָט געבראַכט צו טראָגען שפּייזען,
און פון קוואַל געבראַכט זיי וואַסער,
שפּייז אין ערדענע געפעסען,
און אין לינדען־כלים וואַסער;
דאַן געהערט ווי ס׳רעדט דער אורח,
ווי דער פאַטער איהרער ענטפערט,
דאָך א וואָרט די ליפּען איהרע,
האָבען ניט ארויסגעלאָזען.

ווי אין חלום האָט געהאָרכט זי,
צו די ווערטער הייאַוואַטהאַ׳ס,
פון דער אַלטינקער נאָקאָמיס,
וואָס איהם קינד־ווייז האָט געניאַנטשעט,
פון די צוויי חברים זיינע,
קיביאָבאָס דעם מנגן,
און דעם גרויסען גברן קוואַסינד,
פון דעם גליק און מזל־ברכה,

אין דעם לאַנד פון די אַדזשיבוויים,
אין דער פרידליך שטילער געגענד.

„נאָך פיעל יאהרען פון מלחמה,
„ווילדע קריג און בלוטפאַרגיסונג,
„שלום צווישען די אַדזשיבוויים
„און דעהאָטאַהס איז געוואָרען" —
האָט ער רעדענדיג דערציילט זיי;
לאַנגזאַם האָט ער צוגעלעגט דאַן:
„ס'זאָל דער שלום אויביג האַלטען,
ס'זאָל דער בונד נאָך פעסטער ווערען,
און די הערצער מעהר פאַראייניגט,
גיב מיר פאַר אַ ווייב דיין טאָכטער,
מינניהאהא'ן, לאַכיג־וואַסער,
שענסטע פון דעקאָטהאַ'ס פרויען."

און דער אלטער פיילען־מאַכער,
ניט געאיילט זיך האָט צו ענטפערן,
שטיל געררויכערט און מיט גדלות,
ערשט געקוקט אויף הייאַוואַטהאַ'ן,
צערטליך דאַן באַקוקט זיין טאָכטער,
און געענטפערט זעהר ערענסט:
„יאָ, אויב מינניהאהא וויל עס,
„זאָג דיין רצון מינניהאהא!"

און די שענע „לאכיג-וואסער",
האט נאך שענער אויסגעזעהן דאן,
וועגענדיג די דעה איהרע,
טרעטענדיג צו הייאוואטהא'ן,
זעצענדיג זיך ביי דער האנד איהם,
זאגענדיג איהם, רויט פון בושה:
„וואו דו געהסט, מיין מאן, וועל א י ך געהן!"

אט אזוי געשדכנ'ט האט זיך,
הייאוואטהא צו זיין כלה,
און געוואונען זיך די טאכטער,
פון דעם אלטען פיילען-מאכער,
אין דעם לאנד פון די דעקאטאהס.

און אוועג פון וויגוואם איז ער,
פיהרענדיג זיין מיננעהאהא;
האנד אין האנד, דורך וואלד און לאנקע,
זיינען זיי אוועגגעגאנגען,
לאזענדיג דעם אלטען טרויריג,
שטעהן אליין ביי'ן וויגוואם-איינגאנג,
און געהערט, ווי זיי פון הינטען
מיננעהאהא'ס וואסער-פאלען,
רופען, שרייען פון דער ווייטען:
„געה לשלום הייאוואטהא!"

ווידער האָט דער פּיילענמאַכער,
אומגעקערט זיך צו זיין אַרבייט,
און ביי'ן זון־באַשטראַהלטען איינגאַנג,
זיצענדיג צו זיך געמורמעלט:
„ס'לאָזען איבער אונז די טעכטער,
„וואָס אונז ליעבען, און ליעב זיינען,
„ווען זיי קענען אונז אַ הילף זיין;
„ווען די זקנה לעהנט אויף זיי זיך,
„קומט אַ יונג מיט שטאָלצע פעדערן,
„מיט אַ פליים פון ראהר, אַ פרעמדער,
„וואַנדערט פייפענדיג דורך ס'דערפעל,
„גיט אַ וואונק צום שענסטען מיידעל,
„און זי געהט אַוואו ער פיהרט זי,
„וואַרפט אַלצדינג צוליעב אַ פרעמדען."

אַנגענעהם געווען די רייזע
איז אַ היים, דורך טיפע וועלדער
איבער לאָנקעס, איבער טייכען,
איבער בערג, דורך פעלזענוועגען;
קורץ איהם האָט דער וועג געדאַכט זיך,
כאָטש געגאַנגען איז ער לאַנגזאַם,
כאָטש ער האָט די טריט פאַרקלענערט,
צו די טריט פון מיננעהאַהאַ.

איבער ווילדע שטראָמען האָט ער,
אין די ארעמס זי געטראָגען,
גרינג געטראָגען ווי א פעדער
ווי די פעדער־צירונג זיינע;
האָט אין וואַלד א שטעג געמאַכט איהר,
אָפּגעבייגט פון וועג די צווייגען,
יעדע נאַכט געמאַכט א צווייג־געצעלט,
און א בעט פון לינדען־ריטער,
און א פייער אָנגעצונדען
ביי דער טהיר, פון סאָסנע שישקעס.

אנגענעהמע ווינטען האָבען,
זיי באַגלייט דורך וואַלד און לאַנקע,
אלע שטערען פלעגען וואַכען
ביי דער נאַכט, אויף זייער שלומער,
פון איהר לויער־פּלאַטץ און דעמב־בוים,
האָט די וועווערקע ציעקאַווגע,
איינגעקוקט זיך אויף דאָס פּאָרעל,
און דער קראָליק, דער וואַבעסאַ,
איז פון וועג אוועגגעשפרונגען,
דאַן אויף זיינע הינטער־פיסלעך
זיצענדיג האָט פון זיין נאָרע,
נייגיריג באקוקט דאָס פּאָרעל.

שען געוועזען איז די רייזע,
פויגלעך האָבען זיס געזונגען,
ס'בלאָע פויגעלע אָווייסע
האָט געזונגען: „הייאַוואַטהאַ,
„גליקליך ביסטו וואָס אזעלכע
„איז דיין פרוי, און דיך וועט ליעבען."
ס'רויטע העלזעלע אָפּיטשי,
האָט געזונגען: „מיננעהאהא,
„גליקליך ביסטו וואָס אזעלכען
„האָסטו פאר א מאַן געקריגען."

זיי מיט ליעבשאפט דורך די צווייגען,
האָט די זון באַקוקט פון הימעל
און געזאָגט: „אָ, קינדער מיינע,
„האָס איז שאָטען, ליכט — די ליעבע,
„לעבען איז אי ליכט, אי שאָטען;
„הערש מיט ליעבע הייאַוואַטהאַ."

די לבנה אנגעפילט האָט
זייער צעלט מיט וואונדער־שימער
און געזאגט: „אָ, קינדער מיינע,
„טאָג איז ווילד און נאַכט איז רוהיג,
„שטאַרק דער מאַן און שוואַך די פרוי איז,

„האַלב איז מיינס כאַטש איך געה נאָך בלויז ;
„מיט געדולד הערש, מיננעהאהאַ.“

אַט אזוי איז צוגעגאַנגען,
זייער וואַנדערונג אהיים־צו,
און געבראַכט האָט הייאַוואַטהאַ,
אין דאסביידעל פון נאָקאָמיס,
פייער־גלוט און שטערען־שימער,
זונשיין פאר זיין גאַנצען שבט,
מיננעהאהאַ'ן לאַכינג־וואַסער,
וואָס די שענסטע איז געוועזען,
אין דעם לאַנד פון די דעקאָטאַהס,
אין דעם לאַנד פון שענע פרויען.

XI.

הייאַוואַטהאַ׳ס חתונה.

איצטער הערט ווי פּאַ־פּאָק־קיוויס,
ווי דער שענער ל׳ץ געטאַנצט האָט,
אויף דער האָכצייט הייאַוואַטהאַ׳ס;
ווי דער מילדער קיביאַבאָס,
ער, דער זיססטער פון די זינגער,
האָט געזונגען זיינע לידער,
פול מיט בייגקענים און ליבע;
ווי אי־א־גו דער באריהמער,
ער דער מאדים אויף ספורים,
האָט דערציילט געשיכטעס ווילדע,
אום דאָס פעסט זאָל זיין מעהר פרייהליך,
און די צייט פארגעהן מעהר לוסטיג,
און די געסט זיין מעהר צופרידען.

צוגעברייט א רייכע מאָהלצייט,
האָט נאָקאָמיס אויף דער האָכצייט;

דאס געפעס געווען פון האָלץ איז,
ווייס, און גלאַט ארומגעשליפען,
און די לעפעל, בופעל־האָרען
שווארץ, און גלאַט ארומגעשליפען.

אויסגעשיקט שלוחים האָט זי,
דורכ׳ן דאָרף, מיט ווערבעריטהער,
אלס א׳ן אָנזאָג פון דער סעודה,
אלס א׳ן איינלאַדונג צו קומען;
און די געסט געקומען זיינען,
אין די רייכסטע קליידער זיי׳רע,
פעלץ־מאַנטלען און וואַמפּאַם־גאַרטלען,
אויסגעפּוצט מיט פאַרב און פעדערן,
מיט קוטאַסען און קאָרעלען.

ערשט געגעסען האָט מען שטער־פיש,
דאַן דעם העכט דעם מעסקענאָזע,
וואָס אליין נאָקאָמיס ד׳אַלטע,
האָט געפאַנגען און געבראָטען;
דאַן געטריקענט פלייש געגעסען,
פּימיקאָן מיט מארך פון בופלען,
הירשען־פּאַלקעס, ביזאָן־הויקערס,
געלע קוקורוזע קוכענס,
און דעם וואַסער־רייז דעם ווילדען.

דאָך דער חתן הייאַוואַטהאַ,
און די שענע לאַכיג־וואַסער,
און די בריה'שע נאָקאָמיס,
ניט פארזוכט די שפייזען האָבען,
בלויז געסאַרווערט פאַר די פרעמדע,
שטיל ארום די געסט געפאדעט.

ווען די געסט געענדיגט האָבען,
האָט געשיקט און פלינק, נאָקאָמיס,
פון אַ גרויסען אָטער־בייטעל,
אנגעפילט די רויטע ליולקעס,
מיט טיטון פון דרום־לענדער,
דורכגעמישט מיט ווערבע־שאָלאכץ,
און מיט שמעקעדיגע קרייטעכטס.

און געזאָגט דאַן: פאַ־פאָק־קיוויס,
טאַנץ פאַר אונז אַ פרעהליך טענצעל,
טאַנץ פאַר אונז דעם־טאַנץ פון בעטלער,
אום דאָס פעסט זאל זיין מעהר פרעהליך,
און די צייט פארגעהן מעהר לוסטיג,
און די געסט זיין מעהר צופרידען.

אויפגעהויבען פון די געסט זיך,
האָט דער שענער פאַ־פאָק־קיוויס,

ער, דער פּוסטער ליידיג־געהער,
ער דער אויפגעראַמטער קונדס,
ווינד־לץ פון דעם פאָלק געררופען.

ער געווען א גרויסער מאַדים
איז אין אַלערליי זאַבאַוואָקעס,
שפּיעל פון באַל און שפּיעל פון וואַרפשטיין,
און דעם לוסט־טאַנץ פון די שניי שיך,
גוט געניט אין אַלע שפּיעלען
פון געשיקטקייט צי פון טראַף בלויז,
פיוגעסיינג דעם שפּיעל מיט צייכענס,
קונטעסו, מיט פלוימען־קערנער.

כאָטש די קריגסלייט איהם געררופען
האָבען, פּחדן, שאָגאָדייע,
פוסט־און־פּאַס׳ניק, יענאַדיזזי,
ניט געאַארט האָט זייער שפּאָט איהם,
ניט געקימערט די זלזולים,
דען די ווייבער און די מיידלער,
פלעגען ליבען דעם קראַסאַוועץ.

אַנגעטהאָן געווען איז ער,
אין א העמד פון הינדין־לעדער,
ווייך, און ווייס, געזוימט מיט פוטער,
דורכגעשטיקט מיט וואַמפּאַם־פּערעל,

זיינע פוס־קליידער פון הירש־פעל
אנגעפרענזט מיט הערמעלין־פעלץ
און מיט נאדלען פון דעם יאָזשיק ;
זיינע מאָקעסינס פון באָק־פעל,
דורכגעארבייט מיט קאָרעלען ;
אויפ׳ן קאָפּ פון שוואַנען פעדערען,
ביי די זוילען פוקסען־עקלעך ;
אין איין האַנד א פעדער־פאָכער,
אין דער צווייטער האַנד א ליולקע.

דורכגעשטרייפט מיט פּאַסען רויטע,
פּורפּור, געל און בלאָ, געשיינט האָט
דאָס געזיכט פון פּאָ־פּאָק־קיווים ;
פון זיין גלאַטען פרויען־שייטעל,
גלאַנצענדיג פון אויל, פארפלאָכטען
מיט געוויקסען שמעקעדיגע,
צעפּיג זיינען ד׳האָר געהאַנגען,
ווען צום קלאַנג פון פלייט און זינגען,
צו דעם קלאַנג פון פּויק און שטימען,
אויפגעהויבען פון די געסט זיך
האָט דער שענער פּאָ־פּאָק־קיווים,
זיינע כשוף־טענץ צו טאנצען.

ערשט מיט ערנסטער באוועגונג,

לאנגזאַם שפּרייזענדיג געדרעהט זיך
האָט ער דורך די סאָסנע־בוימער,
באַלד אין ליכט, און באַלד אין שאָטען,
מיט די לייכטע טריט פון לעמפּערט,
דאַן אַלץ שנעלער און אַלץ שנעלער,
זיך געדרעהדעלט אין אַ צירקעל,
איבער אַלע געסט געשפּרונגען,
רונד ארום געצעלט געקרייזט זיך,
ביז אַ קאַרעראַד געגאַנגען,
זיינען מיט איהם גלייך די בלעטער,
ביז דער ווינד און זאַמד ארום איהם,
האָבען ווירבלענדיג געיאָגט זיך.

דאַן פאַרלייגנג פון גרויסען וואַסער,
אויפ'ן זאַמד פון ברעג געפלויגען
איז ער שנעל מיט ווילדע תנועות,
טראַמפּלענדיג, דעם זאַמד געוואָרפען
רונד ארום איהם אין דער לופטען,
ביז דער ווינד פאַרוואַנדעלט האָט זיך,
אין אַ שנעלע זאַווערוכע,
און דער זאַמד האָט אויף דער לאַנדשאַפט,
ווי אַ שניי־שטורעם געיאָגט זיך,
און צונויפגעשאָטען זאַמד בערג,
הויפענס זאַמד פון נעגאַ־וואָדזשאָ.

אַט אזוי האָט פּאַ־פּאָק־קיווים,
זיי געטאַנצט דעם טאַנץ פון בעטלער,
דאַן צוריק זיך צווישען עולם,
לאַכענדיג אוועגגעזעצט האָט,
און צופרידען זיך געפאָכערט,
מיט זיין אינדיק־פעדער־פאכער.

דאַן געזאָגט האָט מען צום חבר
הייאַוואַטהאַ'ס, קיבאַבאָס,
איהם דעם זיססטען פון די זינגער,
איהם דעם פער פון אלע שפּיעלער:
זינג פאר אונז, אָ, קיביאַבאָס,
ליבע־ליעדער, ביינק־נגונים,
אום דאס פעסט זאל זיין מעהר פרייהליך,
און די צייט פארגעהן מעהר לוסטיג,
און די געסט זיין מעהר צופרידען.

און געזונגען קיביאבאָס,
האָט אין צערטליך־זיסע טענער,
ליבע־לידער, שמאכט־געזאַנגען;
קוקענדיג אויף הייאַוואַטהאַ'ן,
אויף דער שענער לאַכיג־וואסער,
מיט א ווייכען קול געזונגען:

„אָנעוועי! וואַך אויף געליעבטע!
„ווילדע בלום דו פון די וועלדער,
„ווילדע פויגעל פון דער פּריירי,
„מיט די מילדע הירשין־אויגען.

„ווען דו טהוסט אויף מיך בלויז קוקען,
„בין איך גליקליך, גליקליך בין איך,
„ווי די ליליען פון דער סטעפּע,
„ווען דער טהוי אויף זיי אַראָפּפאַלט.

„זיס דיין הויך איז ווי דער ריח,
„פון די וואַלד־בלומען באַגינען,
„פון די וואַלד־בלומען אין אַבענד,
„אין דער צייט ווען בלעטער פאַלען.

„שפּרינגט דען ניט דאָס בלוט וואָס אין מיר
„דיר אַקעגען, ווי די קוואַלען
„קעגען זונן, אין יענעם מאָנאַט,
„ווען די נעכט אַם העלסטען זיינען?

„אָנעוועי! עס זינגט מיין הערץ דיר,
„זינגט פון פרייד ווען דו ביסט נאָהענט,
„ווי די צווייגען אין דעם מאָנאַט,
„ווען די פאַזעמקע ווערט פאַרטיג.

„דאַן ווען דו ביסט אונצופרידען,
„איז מיין הערץ פאַרצאַגט און דונקעל,
„ווי דער העלער טייך ווערט דונקעל,
„פון דעם שאָטען פון די וואָלקענס.

„ווען דו לאַכסט צו מיר, געליעבטע,
„ווערט מיין טרויריג הערץ באַלוכטען,
„ווי פון זונענשיין, די קנייטשען
„וואָס אין טייך דער קאַלטער ווינד מאַכט.

„ס'לאַכט די ערד און ס'לאַכט דאָס וואַסער,
„ס'לאַכט דער קלאָרער הימעל אויבען,
„דאָך פאַרגעס איך ווי צו שמייכלען,
„ווען דו ביסט צו מיר ניט נאהענט.

„דאָס בין איך אליין, קוק אָן מיך,
„הערץ־בלוט מיינס, קוק אָן מיך איצטער,
„אָ, ערוואַך, ערוואַך געליעבטע,
„אָנעוועי! וואַך אויף געליעבטע.“

אָפּגעזונגען קיביאבאָס,
האָט פון ביינקענים און ליעבע;
און אי־אַ־גו, דער באַריהמער,
דער דערצעהלער פון געשיכטעס,

און דער אַלטער פריינד נאָקאָמים,
פול מיט קנאה אויף דעם זינגער,
פול מיט קנאה אויף דעם בייפאַל,
האָט געזעהן אין יעדענ'ס אויגען,
האָט געזעהן אין יעדענ'ס מיענע,
אז די געסט פאַרלאַנגען הערען,
זיינע אנגענעהמע מעשות,
זיינע שקרים אָהן א גרענעץ.

ער געוועזן איז איין באַריהמער:
האָט ער וואו געהערט א צופאַל,
איהם פאַסירט האָט נאָך א גרעס'רער;
פלעגט מען איינעמ'ס העלד־טהאַט ריהמען,
זיינע איז געוועזן נאָך דרייסטער;
האָט מען איהם דערצייהלט א וואונדער,
ער געוואוסט האָט נאָך א ווילדערס.

הערענדיג ווי ער באַריהמט זיך,
פלעגט מען טאַקי קענען גלויבען,
אז ס'האָט קיינער נאָך א פייל ניט
אזוי ווייט ווי ער געשאָסען,
ניט אזוי פיעל פיש געפאַנגען,
ניט געטויט אזוי פיעל הירשען,
ניט געחאפּט אזוי פיעל ביבערס.

קיינער ניט געווען אים שטאַנד איז,
אזוי שנעל ווי ער צו לויפען,
אזוי טיעף זיך אונטערטונקען,
אזוי ווייט ווי ער צו שווימען;
קיינער ניט אזוי באַרייזט האָט,
ניט געזעהן אזוי פיעל פלאַים,
ווי דער זעלטענער אי־אַ־גו,
דער דערצעהלער פון געשיכטעס.

און אַ צונאמען און שפּאַס־וואָרט,
איז ער צווישען פאָלק געוואָרען;
פלעגט א יעגער א באריהמער,
לויבען צופיעל זיין געשיקטקייט,
פלעגט אהיים קומען אַ קריגס־מאַן,
און פון גבורות צופיעל ריידען,
פלעגען אויסרופען די הערער:
אָט געקומען איז אי־אַ־גו.

ער האָט עס געמאַכט א וויעגעל,
פאַר דעם קליינעם הייאַוואַטהאַ,
אויסגעשניצט פון לינדענבוים־האָלץ,
פעסט פארקניפט מיט רענטהיער־אָדערן;
און האָט שפעטער איהם געלערענט,

ווי צו מאַכען פייל און בויגען,
פון אַ'ן עשענבוים די בויגענס,
פון אַ דעמבעך־בוים די פיילען.
און געזעסען צווישען עולם,
אויף מיין הייאַוואַטהאַ'ס האָכצייט
איז איִ־אַ־גו אַלט און מאוס,
דער דערצעהלער פון ספורים.

און געבעטען האָבען זיי איהם:
„אונז דערצייהל אַ וואונדער־מעשה,
אונז דערצייהל אַ ווילדען ספור,
אום דאָס פעסט זאָל זיין מעהר פרעהליך,
און די צייט פאַרגעהן מעהר לוסטיג,
און די געסט זיין מעהר צופרידען."

גלייך געענטפערט האָט איִ־אַ־גו:
„איהר זאָלט הערען איצט די מעשה,
„די פּאַסירונגען די ווילדע,
„פון אָסיאָ, דעם מכשף,
„וועלכער שטאַמט פון אבענד־שטערען."

XII.

דער זוהן פון אבענד-שטערן.

לאָזט זיך דאָרט די זון ארונטער,
אויף די גלאַטע וואסער-פעלדער?
צו דער רויטער שוואן בלויז פלאַטערט,
פון א כשוף-פייל פארוואונדעט?
פורפור פארבענדיג די וועלען,
מיט זיין פורפור-רויטען הערץ-בלוט,
פילענדיג מיט פראכט דעם אויר,
מיט דער פראכט פון זיינע פליגלען?

יאָ, די זון דאָרט לאָזט אראָפּ זיך,
זינקט ארונטער אין דאָס וואסער,
פורפור פארבען זיך די הימלען,
רויט קאָלירען זיך די וועלען.
ניין, דער רויטער שוואן בלויז פלאַטערט,
טובל'ט זיך אראָפּ אין וואסער,
שפרייט די פליגלען קעגען הימעל,
רויטיגט מיט זיין בלוט די וועלען.

איבער איהם דער אבענד־שטערען,
הייגענדיג אין דונקלען אויר,
שמעלצט און ציטערט דורכ'ן פורפור;
ניין, ס'איז בלויז א וואמפאם־פערעל,
אויפ'ן קלייד פון גייסט דעם גרויסען,
וועלכער אין דעם בין־השמשות,
שוויגענדיג שפאצירט אין הימעל.

דאס דערזעהענדיג מיט שמחה,
אויסגערופען האט אי־א־גו:
„ס'איז דער הייל'גער אבענד־שטערען;
„הערט זיך איין די וואונדער־מעשה,
„הערט דעם ספור פון אסיא'ן,
„וועלכער שטאמט פון אבענד־שטערען.

„איין מאל אין די אלטע דורות,
„אקארשט נאך דער וועלט־באשאפונג,
„ווען דער הימעל אונז פלעגט נאהנט זיין,
„און די געטער מעהר מקורב —
„אין דעם צפון־לאנד א יעגער,
„האט געהאט צעהן שענע טעכטער,
„הויך און שלאנק ווי ווערבע־שטעקלעך.
„אבער אוויני, די אינגסטע,
„א פארחלום'טע שטילע מיידעל,

„פול מיט אייגענע קאפריזען,
„איז געווען די סאמע שענסטע.

„יעדע שוועסטער האט גענומען,
„פאר א מאן א שטאלצען קריגס־מאן,
„אבער אוויני, די אינגסטע,
„האט זיך אויסגעלאכט פון אלע,
„יונגע בילד־שענע חתנים,
„און געהייראטה האט אסיא'ן,
„וואס געווען איז ארעם, מאוס,
„אלט און קראנק, פלעגט תמיד הוסטען,
„ווי א וועווערקע רק הוסטען.

„אבער פול מיט חן געווען איז,
„די נשמה פון אסיא'ן;
„ז'האט געשטאמט פון אבענד־שטערען,
„אבענד־שטערען, פרויען־שטערען,
„ליידענשאפט־ און ליבע־שטערען.
„פונ'ם שטערען אבגעירשנ'ט,
„האט זיין הערץ דאס גאנצע פייער,
„האט זיין גייסט די גאנצע שעהנקייט,
„האט זיין שפראך דעם גאנצען כשוף,
„האט זיין לעבען אלע סודות.

„די פֿאַרשטויסענע חתנים,
„אויסגעפּוצט מיט וואַמפּאַם־גאַרטלען,
„שען געצירט מיט פֿאַרב און פֿעדערן,
„פֿלעגען לאַכענדיג איהר נאָכגעהן,
„און אויף איהר מיט חוזק טייטלען,
„אָבער זי פֿלעגט זאָגען: כ'וויל ניט
„אייך מיט איי'רע וואַמפּאַם־גאַרטלען,
„אייך מיט איי'רע פֿאַרב און פֿעדערן,
„איך בין גליקליך מיט אָסיאָ'ן.

„אין אַ דונקעל־קיהלען אָבענד,
„זיינען איין מאָל אַלע שוועסטער,
„צו אַ גרויסען פֿעסט געגאַנגען —
„אַלע שוועסטערס מיט די מאַנען;
„קוים געשלעפּט זיך האָט אָסיאָ,
„נעבען אוויני דער שענער;
„יעדער האָט געפּלוידערט מונטער,
„בלויז דאָס פּאַאר'על האָט געשוויגען.

„שטאַרק געקוקט צום מעריב־הימעל,
„האָט אָסיאָ ווי אין תּפילה,
„זיך פֿאַררוהט אָפּט און געוועגדעט
„זיינע בליקען ווי אין תּפלה,
„צו דעם ציטטערענדען שטערען,

„צו דעם מילדען פרויען־שטערען.
„זיי געהערט איהם האָבען מורמלען:
„אָ, שאָוויין נימישין נאָסע,
„פאָטער מיינער האָב רחמנות.“

„הערט—געלאַכט האָט ד'עלטסטע שוועסטער—
„צו זיין פאָטער טהוט ער תפילה.
„גלייכער וואָלט געוועז דער אַלטער,
„זאָל אין וועג געשטרויכעלט ווערען,
„און צוברעכען דאָס גניק זיך.—
„און צולאַכט זיך האָבען אַלע
„ביז פארהילכט דער וואַלד געוואָרען.
„איז פון זייער בייז־געלעכטער.

„אויפ'ן וואַלד־וועג, פון אַ דעמב־בוים
„אויסגעוואָרצעלט אין אַ שטורעם,
„איז אַ דיקער שטאָם געלעגען,
„האַלב פאַרדעקט מיט מאָך און בלעטער,
„גרוים, דאָך פוסט און אויסגעפוילט שוין;
„ווען דערזעהן איהם האָט אָסיאָ,
„האָט ער שמערצליך אויסגעשריען,
„און אין בוים אריינגעשפּרונגען.
„דאָ אריין א'ן אַלטער מאַן איז,
„אָפּגעצעהרט צוקנייטשט און מאוס,

„דאָרט ארויס א יונגער מאַן איז,
„שעהן און שטאַרק און גלייך געוואַקסען.

„אָט אזוי געקראָגען וויעדער,
„האָט אסיאָ חן און יוגענד,
„אָבער אָך און וועה אָסיאָ'ן,
„וועה צו אָוויני דער טרייער!
„זי האָט אויך זיך דאַן פאַרביטען,
„אין א שוואַכע קראַנקע זקנה;
„קוים געקראָכען אויף א שטעקען,
„דאַר, צוקאָרטשעט, אַלט און מאוס,
„און די שוועסטערס מיט די מאַנען,
„האָבען אויפ'ן קול צולאַכט זיך,
„ביז פארהילכט דער וואַלד געוואָרען,
„איז פון זייער בייז-געלעכטער.

„טריי געבליבען איז אָסיאָ;
„לאַנגזאַם געהענדיג געשטיצט האָט
„איהרע הענד פארברוינט און טרוקען,
„ווי פון דעמב די בלעטער ווינטער;
„זי געטרייסט און זי גערופען,
„היים געליבטע, ניניmושע;
„ביז זיי זיינען אנגעקומען,
„צו דעם פלאַטץ פון גרויסען יום-טוב,

„און געזעצט זיך אין דעם וויגוואַם,
„הייליג פאַר דעם אבענד־שטערען,
„פאַר דעם מילדען פרויען־שטערען.

„טיעף פארטראכט, פארטונקט אין טרוימען,
„איז ביים טיש געווען אָסיאָ,
„אלע מונטער, אלע גליקליך,
„אלע לוסטיג חוץ אָסיאָ.
„ניט פארזוכט די שפייזען האָט ער,
„ניט גערעדט, ניט צוגעהערט זיך.
„ווי צודולט געזעסען איז ער,
„קוקענדיג באַטריבט, פארחלום'ט,
„אויף דעם בליסטשענדיגען הימעל.

„דאַן דערגרייכט איהם האָט א שטימע,
„פון דער שטערענדיגער וויטקייט,
„פון דעם גרויסען רוים דעם פוסטען,
„שטיל און צערטליך און מעלאָדיש:
„אָ, מיין זוהן, מיין היים־געליבטער,
„ס'בינדט דיך מעהר קיין צויבער־קייט ניט,
„ניט קיין שפרוכען פון מכשפים,
„ניט קיין בייזע כשוף־קרעפטען;
„שטייג ארויף צו מיר, אָסיאָ.

„עסס די שפייז וואס נעבען דיר שטעהט,

„ז'איז געבענשט און איז פארצויבערט,
„זי באַזיצט דעם וואונדער־כח,
„וואָס פון דיר א גייסט וועט מאַכען.
„אַלע טעפּ און בעכערס איי'רע,
„זאָלען האַלץ און לעהם ניט זיין מעהר;
„יעדער טאָפּ זאָל ווערען זילבער,
„יעדער בעכער ווערען וואַמפּאָם,
„און ווי רויטע מייער־קעפּלעך,
„ווי דאָס פייער ליכטיג גלאַנצען.

„און די פרויען מעהר ניט דריקען,
„זאָל דער ווימטער ארבייט־גורל,
„און זיי זאָלען פויגלען ווערען,
„שטראַהלענדיג מיט שטערען־שענקייט,
„מיט דעם פארבען־גלאַנץ פון וואָלקענס
„אויפען הימעל, בין השמשות.

„דאָס וואָס ער געהערט האָט שושקען,
„און פארשטאַנען האָט אַלס ווערטער.
„אויסגעדאַכט זיך האָט די אַנדרע,
„ווי מוזיק פון פויגלען ווייטע,
„ווי דאָס זינגען פון דער נאַכט־שוואַלב,
„פון דער ווייטער וואַוואָנייסע,
„וואָס אַליין אין דונקלען וואַלד זינגט.

„דאָן האָט אָנגעהויבען פלוצלינג,
„ס'גאַנצעביידעל זיך צו טרייסלען,
„זיך צו וואַרפען און צו שאָקלען,
„זיך צו הויבען העכער, העכער,
„און ארויפגעהן אין דער לופטען,
„דורך די דונקלע בוימער־שפּיצען,
„אין דעם פייכטען שטערען־שימער,
„ביז עס האָט דעם וואַלד פאַרלאָזען.
„פלוצלינג זעה... פון האָלץ־געפעסען,
„איז געוואָרען רויטער וואָמפּאָם,
„פון די לעהם־טעפּ זיינען פלוצלינג,
„כלים זילבערנע געוואָרען;
„פון די קראַקוועס אויפ'ן וויגוואַם,
„גלאַנצענדיגע זילבער־שטאַנגען;
„און די קאָרע אויפ'ן דעכעל,
„האָט געשיינט ווי פליגעל־דעקלעך,
„פון קאָלירטע זומער־זשוקעס.

„אומגעקוקט זיך האָט אָסיאָ,
„און דערזעהן די שענע שוועסטערס
„מיט די מאַנען, אומגעביטען
„און פערשיד'נע מינים פויגלעך,
„אין סאַראָקעס און וואָראָנעס,
„וואָראָביי־טשיקעס און שוואַלבען,

„און זיי זיינען רק געשפרונגען,
„רק געפּיפּטשעט און געטשירקעט,
„זיך געפּיקט, געפּוצט די פעדערן,
„שפּרייטענדיג דעם עק, געגרייסט זיך,
„מיט דער העלער פעדער־צירונג.

„אָבער אָוויני די אינגסטע,
„אונפאַרענדערט, אַלט און מאוס,
„דאַר, צוקאָרטשעט, שטיל און טרויריג,
„אויף די אַנדערע געקוקט האָט;
„ביז צום הימעל אויפגעהויבען,
„ווידער האָט זיין בליק אָסיאַ,
„שמערצליך ווידער אויסגעשריען,
„מיט דעמזעלבען קול ווי דאַמאַלס,
„ביי דעם דעמב־בוים, אויפ׳ן וואַלד־וועג.

„אומגעקעהרט זיך האָט איהר יוגענד;
„איהרע שמוציג־אַלטע קליידער,
„זיינען פעלץ־מאַנטלען געוואָרען,
„און איהר שטעקען זיך פאַרוואַנדעלט,
„אין א ווייסע זילבער־פעדער.

„ווידער האָט געציטערט ס׳ביידעל;
„שנעל געפלויגען דורך דעם לופט־ים,

„דורך די נעבעלס, דורך די וואָלקענס,
„פון דעם הימעל'ס פּראַכט אומרינגעלט;
„דאַן זיך לייכט אַראָפּגעלאָזען,
„אויפ'ן העלען אבענד־שטערען,
„ווי אַ בלאַט פאַלט אויף די וועלען,
„ווי אַ בליהונג פאַלט אין וואַסער,
„ווי איין שניי־קווייט אויף דער צווייטער.

„פריינדליך גריסענדיג, אַנטקעגען
„איז ארויס אָסיאָ'ס פאטער,
„מיט די ווייסע זילבער־לאָקען,
„מיט די צערטליך־קלאָרע אויגען,
„און געזאָגט: „מיין זוהן אָסיאָ,
„היינג דעם שטייג פון דיינע פויגלען,
„היינג דעם שטייג מיט זילבער שטענגלעך,
„מיט די העל־קאָלירטע פויגלען,
„אויף דעם איינגאַנג פון מיין וויגוואם."

„אויפגעהאַנגען ער דעם שטייג האָט,
„דאַן אין הויז אריינגעגאַנגען
„זיינען זיי און צוגעהערט זיך,
„ווי דער פאטער פון אָסיאָ'ן,
„מלך פון דעם אבענד־שטערען,
„זאָגט צו איהם: „מיין זוהן אָסיאָ,

„כ'האָב אויף דיר געהאַט רחמנות,
„אומגעקעהרט דיין חן און יוגענד,
„און פארוואנדעלט האָב אין פויגלען,
„דיינע שוועסטערס מיט די מאַנען,
„ווייל זיי האָבען אויסגעלאַכט דיך,
„אין דיין גלגול פון אַ זקן,
„מיט אַ'ן אַלט־פארצאגטען פּנים,
„ניט דיין וואָרעם הערץ פארשטאַנען,
„ניט דיין אייביג־שענע יוגענד;
„אָוויני אליין די טרייע,
„האָט דערקענט און האָט געליבט דיך.

„אין דעם הויז וואָס גלימצערט דאָרטען,
„אויף דעם שטערענדעל וואָס פינקעלט
„דורכ'ן נעבעל, לינקס פון דאַנען,
„וואוהנט דער בייזער גייסט פון קנאה,
„דער וואָבינאַ דער מכשף,
„וואָס געמאַכט האָט פאר אַ גרייז דיך.
„לאָז אויף דיך זיין שטראַהל ניט פאַלען,
„דען די פונקען וואָס ער שליידערט,
„זיינען מיטלען נאָר פון צויבער,
„זיינען דעם מכשף'ס פיילען.

„יאהרען־לאַנג געלעבט אין נחת,

„אויף דעם שטילען אבענד־שטערען,
„האָט אָסיאָ ביי זיין פאטער;
„יאהרען־לאַנג, דער זילבערשטייג איז
„אויף דער וויגוואַם־טהיר געהאַנגען,
„פול מיט פלאַטער און געזאַנגען,
„ביז אָסיאָ׳ן האָט די טרייע
„אָוויני א זוהן געבאָרען,
„שעהן, געראָטען אין דער מאַמען,
„שטאָלץ און מוטהיג ווי דער טאַטע.

„אויפגעוואַקסען איז דאָס אינגעל;
„איהם געמאַכט א פיילענבויגען
„האָט אָסיאָ, זיך צו שפּיעלען,
„און באפרייט די מוהמעס, פעטערס,
„אַל׳ די גלאַנצענדיגע פויגלען,
„פאר זיין קליינעם זוהן צו שיסען.

„רונד ארום אין קרייזען זיינען
„זיי געפלויגען און געפלאַטערט,
„אנגעפילט דעם אבענד שטערען,
„מיט געזאַנג פון פרייד און פרייהייט,
„מיט דער פראכט און מיט דעם פלאַטער,
„פון דער פעדער־צירונג זיי׳רער.
„ביז דער יעגער׳ל דער קליינער,

„איינגעצויגען האָט זיין בויגען,
„אויסגעשאָסען שנעל די טויט־פייל,
„און א גלאַנצענדיגער פויגעל,
„שווער־פאַרוואונדעט, איז געפאַלען.

„ווען אראָפּגעטריפט דאָס בלוט האָט,
„אויף דעם הייל׳גען אבענד־שטערען,
„האָט דער כשוף זיך צובראכען,
„האָט זיין וואונדער־מאַכט פאַרלאָרען,
„און דער קליינער בראַווער שיסער,
„האָט געפיהלט זיך ווי געטראָגען
„פון א האַנד א ניט געזעה׳נע,
„טיעף אַראָפּ אין פוסטען אויר,
„דורך די נעבעל און די וואָלקענס,
„ביז ער איז אַראָפּגעזונקען,
„אויף א גראָזיג־גרינעם אינזעל,
„ערגעץ אויפ׳ן ים־אוקינוס.

„הינטער איהם אַראָפּ אויך זיינען
„אַלדי גלאנצענדיגע פויגלען;
„פלאַטערענדיג אראָפּגעפאַלען,
„ווי געפאַרבטע אָסיען־בלעטער;
„און דאָס צעלט מיט זילבער שטאַנגען,
„מיט זיין דעכעל וואָס געגלאַנצט האָט,

„ווי די פליגעלעך פון זשוקעס,
„שטיל אראפ איז אויפ'ן אינזעל,
„ברינגענדיג מיט זיך אסיא'ן,
„און זיין אוויני די טרייע.

„דאן געקריגען אלע פויגלען,
„האבען די געשטאלט פון מענשען,
„די ג ע ש ט א ל ט דאך ניט די ג ר י י ס מעהר—
„זיינען קליינצינקע פערבליבען,
„ווי די קארליקלעך, פאקוואדזשים,
„און אין שענע נעכט פון זומער,
„פאר דעם שיין פון אבענד־שטערען,
„פלעגען זיי דארט קארעראדען,
„טאנצען אויף דעם אינזעל'ס פעלזען,
„אויף דעם פלאכען גלייכען זאמד־ברעג."

זיך געענדיגט האט דער ספור,
זיך געעקט די וואונדער־מעשה,
דאך אי־א־גו האט דעם עולם,
אנגעקוקט און צוגעלעגט דאן:
„פיעל אזעלכע מענער קען איך,
וועלכע זייער פאלק פארשטעהט ניט,
מאכט פון זיי בלויז חוכא־טלולא,
שפעטט און חוזק'ט מיט פאראכטונג;

זאלען זיי פון מיין געשיכטע,
זעהן וואָס ווערט פון חוזק־מאכערס.“

אלע געסט מיט גרויס הנאה
האָבען איינגעהערט דעם ספור,
שטאַרק געלאַכט און אנגעקוואָלען,
און זיי האָבען זיך געשושקעט:
„מיינט ער ז י ך דאס און אונז גלייכט ער,
צו די מוהמעס און די פעטערס?“

דאן געזונגען קיביאַבאָס,
ווידער האָט זיין ליעד פון ליעבע,
אזוי זיס און אזוי צערטליך,
אזוי אומעדיג פארחלום׳ט,
פון א מיידעל וואָס באַטרויערט,
איהר געליבטען, איהר עלגאָנקין:

„תמיד דענק איך פון געליבטען,
„תמיד פון געליבטען מיינעם,
„ס׳דענקט מיין הערץ פון איהם אליין נאָר,
„מיין געליבטען, מיין עלגאָנקין.

„שיידענדיג צום משכון האָט ער,
„אויפגעהאַנגען מיר דעם וואָמפּאָם,

„אויפ'ן האַלז, דעם ווייסען וואַמפּאַס,
„מיין געליבטער, מיין עלגאַנקין.

„איך וועל געהן, געשושקעט האָט ער,
„איך וועל געהן אוואו דיין היים איז,
„איך וועל געהן, געשושקעט האָט ער,
„מיין געליבטער, מיין עלגאַנקין.

„ערגעץ ווייט, געענטפערט האָב איך,
„זעהר ווייט, געענטפערט האָב איך,
„איז דאָס לאַנד אוואו מיין היים איז,
„מיין געליבטער, מיין עלגאַנקין.

„כ'האָב זיך אומגעקוקט צו זעהן איהם,
„נאָך איין איינציג מאָל צו זעהן איהם,
„ער האָט אַלץ מיר נאָכגעקוקט נאָך,
„מיין געליבטער, מיין עלגאַנקין.

„דאָרט ביים בוים געשטאַנען איז ער,
„ביי דעם בוים פון ווינד געבראָכען,
„וואָס געהאַנגען אויפ'ן טייך איז —
„מיין געליבטער, מיין עלגאַנקין.

„תמיד דענק איך פון געליבטען,

„תמיד פון געליבטען מיינעם,
„ס'דענקט מיין הערץ פון איהם אליין נאָר,
„מיין געליבטען, מיין עלגאָנקין."

אָט אזוי פארגאנגען פרעהליך,
איז די האָכצייט הייאוואטהא'ס,
מיט דעם טאַנץ פון פאָ־פּאָק־קיווים,
מיט אי־אָ־גו'ס וואונדער־ספור,
מיט געזאנג פון קיביאָבאָס;
זיך געענדיגט האָט די סעודה,
און די געסט אהיים געגאַנגען,
איבערלאָזענדיג אליין דאָן,
הייאוואטהא דעם באַגליקטען,
מיט דער נאַכט און מיננעהאַהא'ן.

XIII.

דאָס בענשען פון די קוקורוזע־פעלדער.

זינג, אַ ליעד פון היאַוואַטהאַ,
פון די גוטע טעג וואָס זיינען,
אויף דאָס לאַנד פון די אָדזשיבוויים,
אויף דאָס שענע לאַנד געקומען,
זינג די היילינגע מנהגים,
פון מאָנדאַמין און דאָס בענשען,
פון די קוקורוזע פעלדער.

מ'האָט די בלוט'גע האַק באַגראָבען,
און דעם מורא'דיגען קריגס־שטאָק,
מ'האָט באַגראָבען אַלע וואַפען,
און דעם שלאַכטס־געשריי פארגעסען,
איין פאָלק פריעדליך מיט דעם צווייטען.
רוהיג אומגעהן פלעגט דער יעגער,
בויען זיך זיין בירקען־שיפעל,

פאַנגען פישען אין די טייכען,
שיסען הירשען, האַפּען ביבערס;
רוהיג פלעגט די פרוי דעם צוקער,
זאַמלען פון די צוקער־בוימען,
קלייבען ווילדע רייז אין לאַנקע,
גאַרבען הירש־ און ביבער־פעלען.

גרין ארום דעם רוה׳גען דערפעל,
האַט געגלאַנצט דער קוקורוזע,
האָבען זיך געוויגט די פעדערן,
און די גאָלד־לאָקען מאַנדאַמינ׳ס,
פילענדיג דאָס לאַנד מיט שפע.
פרויען פלעגען אין דעם פריהלינג,
ס׳ברייטע, פעטע פעלד פאַרזייען,
און באַגראָבען דעם מאַנדאַמין;
פרויען פלעגען אין דעם אָסיען,
אָפּשיילען די רייפע שאָלאָכטס,
און מאַנדאַמינ׳ס קליידער אויסטהאָן,
ווי געטהאָן האָט הייאַוואַטהאַ.

איין מאָל נאָך דער צייט פון זריעה,
הייאַוואַטהאַ, פול מיט פאַרזיכט,
האָט געזאָגט צו מיניהאהאַ׳ן,
צו זיין ווייב, צו לאַכיג־וואַסער:

„זאָלסט ביי נאַכט די פּעלדער בענשען,
מיט אַ כשוף־קרייז אומרינגלען
זיי צו שיצען פון צערשטערונג,
פון דעם מעהל־טהוי, פון אינזעקטען,
ווייגעמין, דעם פעלד־באַרויבער,
פיימאסעד, דעם זאנגען־גנב.

„ביי דער נאַכט ווען אַלץ איז שטילקייט,
ביי דער נאַכט ווען אַלץ איז חשך,
ווען דער גייסט פון שלאָף, ניפּאַהווין
שליסט די טהירען פון זיין וויגוואַם —
אום קיין אויג דיך זאָל ניט מערקען,
און קיין אויער דיך ניט הערען,
שטילערהייד, שטעה פון דיין בעט אויף,
ווארף אַראָפּ דיין גאַנצע קליידונג,
און שפּאַציר ארום די זוימען,
פון די קוקורוזע־פעלדער,
בלויז באַדעקט מיט דיינע לאָקען,
בלויז געהילט אין נאַכט אלס מאַנטעל.

„ס'וועט דערפון דאָס פעלד געראָטען,
דיינע פוס־טריט וועלען מאַכען,
רונד ארום אַ כשוף־צירקעל;
ניט דער מעהל־טהוי, ניט אינזעקטען,

ניט די ווערעם וועלען קענען,
דורכגעהן דורך דעם כשוף־צירקעל,
ניט די שלאַנגען־פליעג, קוואַנישי,
ניט די שפין די סוביקאַשי,
ניט דער היישריק, פּאַ־פּאַק־קינע,
ניט דער שטאַרקער פליעגען־וואָרעם,
וויי־מאַק־קוועגע מיט דער בער־פעל,
קיניג פון די פליעגען־ווערעם."

נאָהנט פון פעלד אויף בוימען זיינען,
קראהען, הונגעריג געזעסען,
קאַגאַדזשי דער ראבען־קיניג,
מיט זיין שוואַרצער רויבער־באַנדע,
און געלאַכט פון הייאַוואַטהאַ'ן,
ביז די בוים־שפּיצען געוויגט זיך,
האָבען פון דעם וויסטען לאַכען
איבער הייאַוואַטהאַ'ס ווערטער:
„הערט נאַר" — האָבען זיי גע'חוזק'ט —
„הערט נאַר אונזער חכם'ס פּלענער."

ווען די שטילע נאַכט אַראָפּ איז,
שוואַרץ צושפּרייט אויף וואַלד און פעלד זיך —
און באַטריבט די וואַוואַנייסע,
אין די בוימען האָט געטרויערט,

און דער גייסט פון שלאָף ניפּאהווין,
האָט זיין וויגוואַם־טהיר פאַרשלאָסען,
דאַן איז פון געלעגער איהרען,
אויפגעשטאַנען מיננעהאַהאַ,
אויסגעטהאָן די קליידער איהרע,
און פאַרדעקט, באַשיצט מיט חשך,
איז אהן בושה און אָהן מורא,
ארום פעלד ארומגעגאַנגען,
מאַכענדיג א צויבער־צירקעל,
ארום פעלד מיט איהרע פוס־טריט.

קיינער חוץ די נאַכט געזעהן האָט
אין דער פינסטערניס איהר שענקייט,
קיינער חוץ די וואָוואָנייסע,
האָט געהערט איהר בוזעם עטהמען.
גאַשקיוואַ, דער חשך האָט זי
אין זיין הייל'גען קלייד געטוליעט,
ס'זאל קיין מענש ניט זעהן איהר שענקייט,
זיך ניט ריהמען: „כ'האָב געזעהן זי."

מאָרגען גלייך אויף טאָג, פערזאַמעלט
קאַגאַדזשי דער ראַבען־קיניג
האָט זיין שווארצע רויבער־באַנדע,
ראַבען, קראָהען אלע מינים,

קרעכצענדיג אויף נאַהנטע בוימער,
און אָהן מורא שנעל געלאָזט זיך,
אויף דאָס פעלד פון הייאַוואַטהאַ,
אויף דעם קבר פון מאַנדאַמין;
און געשריען: „פון זיין קבר,
„ווילען מיר מאַנדאַמין שלעפען,
„אויף צו להכעים אלע קרייזען,
„וואָס געמאַכט האָט מיננעהאהאַ,
„און די טריט די איינגעווייהטע,
„וואָס געשטעלט האָט לאַכיג־וואַסער.“

דאָך דער היטרער הייאַוואַטהאַ,
תמיד קלוג און אויסגערעכענט,
האָט געהערט ווי פון די בוימען,
האָבען זיי פון איהם גע׳חוזק׳ט,
„קאַ“, — געזאָגט האָט ער, — „איהר ראבען,
„קאַגאַדזשי, מיין ראבען־קעניג,
„כ׳וועל אייך אנלערנען אַ פאַס איצט,
„וואָס איהר וועט ניט גיך פארגעסען.“

אויפגעשטאַנען איז פארטאָג ער,
אנגעשטעלט אויף אלע פעלדער,
פאַסטקעס פאַר די שווארצע חברה,
דאָן געלעגען און געלויערט,

נאהנט דערביי אין סאַסנע־וועלדעל;
דאָרטען אָפּגעוואָרט דאָס קומען,
פון די קראהען און די ראבען.

מיט א קלאַפּעריי פון פליגלען,
מיט א קרעכצעריי, געקומען
זיינען זיי צו דער פערוויסטונג,
און דאָס פעלד גענומען גראָבען,
מיט די שנאָבלען און די נעגעל,
זוכענדיג מאָנדאַמינ׳ס קערפּער.
דאָך מיט זייער גאנצער קריגס־קונסט
און פארשפּיצטקייט, ניט פארשטאנען
האָבען זיי דאָס נאהנטע אונגליק,
ביז מיט נעגעל איינגעפּלאָנטערט,
אין די נעצען הייאַוואַטהאַ׳ס,
זיינען זיי געוועזן געפאנגען.

פון זיין לויער־פּלאַטץ דאן איז ער,
צווישען זיי ארויסגעטרעטען,
מיט אזא געזיכט פון צאָרען,
אז דער שטאַרקסטער האָט געציטערט.
לינקס און רעכטס צו צעהן, צו צוואנציג,
האָט ער אויסגעטייט אָהן מיטלייד,
און די העסליכע פגרים,

פאַר סטראַשידלעס אויפגעהאַנגען,
ביי די איינגעוויהטע פעלדער,
אלס אַ סמן פון זיין ראַבע,
אלס אַ וואַרנונג פאַר גנבים.

אָבער קאַגאַדזשי, דעם פיהרער,
קאַגאַדזשי, דעם ראַבען־קעניג,
האָט פאַרשוינט ער און געהאַלטען,
אלס אַ משכון פון זיין שבט;
מיט זיין שטריק פאַר קריגס־געפאַנג׳נע,
איהם ארומגעבונדען האָט ער,
איהם אוועגפיהרט צום וויגוואַם,
און מיט קאָרע־שטריק געפּענטעט,
צו די קראָקוועס פון דעם וויגוואַם.

דאַן געזאגט: „מיין ראַבען־קיניג,
„דו, דער פיהרער פון די רויבער,
„דו, דער בייזער פלאַנען־מאַכער,
„דו, די סבה פון דעם אָנפאַל —
„כ׳וועל דיך פאַר אַ משכון האַלטען,
„פאַר אַ׳ן ערבות אז דיין שבט
„זאָל זיך אויפפיהרען געהעריג.“

און געלאָזט איהם אויפ׳ן וויגוואַם

האָט ער, פינסטער און פאַרערגערט,
זיצענדיג אין מאָרגענזונליכט,
קריכצענדיג פון שטאַרקען צאָרען,
קלאַפּענדיג די שוואַרצע פליגען,
קעמפּפענדיג אומזיסט פאַר פרייהייט,
רופענדיג אומזיסט זיין שבט.

זומער איז פאַרבייגעגאַנגען,
און געאָטהעמט שאַוואָנדייסי,
דורך דאָס פעלד האָט זיינע זיפצען,
האָט געהויכט זיין גלוט פון דרום,
האָט געוויוהט מיט הייסע קוסען,
ביז דער קוקורוזע, פאַרטיג,
איז אין פולער פראַכט געשטאַנען,
אין א געל־און־גרינעם מאַנטעל,
אויסגעפוצט מיט פרענז און פעדערן,
און די גלאַנציג־פולע זאַנגען,
האָבען דורכגעפּלאַצט די שיידען.

דאַן די אַלטעטשקע נאָקאָמיס,
האָט געזאָגט צו מיניהאהא'ן:
„ס'איז די צייט ווען בלעטער פאַלען,
אויפגעקליבען איז דער רייז שוין,
פאַרטיג איז דער קוקורוזע,

לאָמיר איהם צוזאַמענקלייבען,
און זיך ראַנגלען מיט מאנדאמין;
אויסטהאָן איהם זיין פעדער־צירונג,
און זיין געל־און־גרינעם מאַנטעל.“

מיט דער אַלטעטשקער נאָקאָמיס,
פרעהליך איז ארויסגעגאנגען,
לאַכיג־וואַסער פון איהר וויגוואַם;
מיטגערופען אלע שכנות,
אלע בחורים און מיידלעך,
אום די תבואה איינצוזאַמלען,
אום די זאַנגען אָפּצושיילען.

און די קריגס־לייט און די זקנים,
זיינען ביי'ם ברעג וואלד געזעסען,
און גערויכערט אין דעם שאָטען;
שווייגענדיג זיך צוגעקוקט בלויז,
צו דער שפּיעלענדיגער ארבייט,
פון די בחורים און מיידלעך;
צוגעהערט זיך ווי זיי פּלוידערן,
ווי זיי לאַכען און זיי זינגען,
פּלוידערנדיג ווי די סאָראָקעס,
לאַכענדיג ווי פּאָפּאַגייען,
זינגענדיג ווי דער קאַנאַריק.

װען אַ מײדעל בײַ דעם שײלען,
אָפּגעגליקט האָט צו געפינען
דאָרט אַ זאַנג אַ בלוטיג־רויטע —
„נושקע“ — האָבען זיי געזאָגט דאַן.
„נושקע“ — װעסט אַ חתן קריגען,
װעסט אַ מאַן אַ שענעם קריגען.“
„יוג!“ — פון זייער סאָסנע שאָטען
האָבען צוגעבאַמט די זקנים.

װען אַ בחור צי אַ מײדעל,
האָט אַ קרומע זאַנג געפונען,
שײלענדיג אַ זאַנג געפונען
טויט פון מעהל־טהוי צי פאַרקריפּעלט,
פלעגט מען לאַכען און פלעגט זינגען,
קריכען, הינקען אויף די פעלדער,
נאָכמאַכען אין גאַנג און מיענע,
װי אַ גרייז זיך בויגט און דרייען,
און פלעגט איינציגווייז דאַן זינגען,
אָדער אין אַ כאָר צוזאַמען:
„װײגעמין דער פעלד־באַרויבער,
פיימאָסעד, דער זאַנגען־גנב.“

ביז געהילכט פון דעם געלעכטער
האָט דאָס פעלד, און קאַגאַדזשי האָט

אויפ׳ן וויגוואַם־דאַך געטרייסעלט
זיך פון צאָרען און געשריען ;
און געליאַרעמט פון די בוימען,
האָט די שוואַרצע רויבער באַנדע.
„יוג !“ — פון זייער סאָסנע־שאָטען,
צוגעברומט די זקנים האָבען.

XIV.

בילדער־שריפט.

„דאן געזאגט האט הייאוואטהא:
„אלץ פערגעהט און ווערט פארלארען;
„פון די אלטע לייט׳ם זכרון,
„מעקען זיך די גרויסע זאגען,
„אלע טהאטען פון די קריגסלייט,
„אלע גבורות פון די יעגערם,
„אלע חכמות פון די מידעס,
„אלע קונצען פון וואבינאס,
„אלע וואונדערליכע טרוימען,
„פון די דזשאסעקידס, די זעהער.

„ס׳שטארבט א העלד און ווערט פארגעסע
„און דעם חכם׳ם רייד פארלארען
„ווערען אין דעם הערער׳ם אויער,
„ניט דערגרייכענדיג די דורות
„ניט געבארען נאך, וואס ווארטען

„אין דעם סודות־פולען חשך,
„פון די צוקונפט־טעג די שטומע.

„איבער אונז'רע פאטערס' קברים,
„שטעהט קיין בילד ניט און קיין צייכען;
„מ'ווייס ניט ווער עס ליגט דאָרט, אויסער
„אז דאָס זיינען אונז'רע פאטערס.
„זייער גזע און פארוואנדשאפט,
„זייער אלטען יחוס־טאָטעם,
„בער צי ביבער, צי א'ן אדלער,
„ווייסען מיר ניט, בלויז מיר ווייסען
„אז דאָס זיינען אונז'רע פאטערס.

„מ'רעדט צונויף זיך פה אל פה נאָר,
„אָבער ניט ווען מ'איז געשיידעט;
„צו די פריינד וואָס אין מרחקים,
„קענען מיר דעם קול ניט שיקען;
„קענען קיין סעקרעט ניט שיקען,
„וואו דער שליח ווייס דעם סוד ניט;
„וויל ער, פעלשט ער און פארראטה איהם,
„וויל ער זאגט ער אוים א פרעמדען."

דאָס געזאָגט האָט הייאוואטהא,
וואנדערנדיג אין וואלד אין שטילען,

טראַכטענדיג און פּלאַנעווענדיג,
ווי זיין פאָלק צו מאַכען גליקליך.

דאַן ארויסגענומען האָט ער,
פון זיין בייטעל זיינע פּאַרבען,
פון פאַרשיעדענע קאָלירען;
אויף דעם גלאַטען בירקען־שאָלאַכטס,
האָט ער אויסגעמאלט פיגורען;
איטליכע געהאט דעם מיין האָט,
פון א וואָרט צי א געדאַנקען.

אויסגעמאָלט דעם האר פון לעבען,
גיטשי מעניטא, דעם שטאַרקען,
האָט ער אָלס א'ן איי, מיט שפּיצען
קעגען אלע הימעל־ווינדטען.
„גאָט איז אומעדום פאַראַנען" —
איז פון בילד דער מיין געוועזען.

מיטשי־מעניטא דער שטארקער,
מוראדיגער גייסט פון שלעכטעס,
ווי א שלאַנג געווען געמאָלט איז,
ווי די גרויסע שלאַנג קענאביק;
„זעהר קלוג און זעהר חיטרע,

„קריכט ארום דער גייסט פון שלעכטעס" —
איז פון בילד דער מיין געוועזן.

טויט און לעבען,ביידע האָט ער,
אויסגעמאָלט ווי רונדע רינגען,
שוואַרץ דעם טויט און ווייס דאָס לעבען.
האָט געמאָלט אויך זון און שטערען,
מענשען, חיות, שלאַנגען, פישען,
טייכען, שטראָמען, בערג און וועלדער.

ד'ערד געוועזן אַ גלייכער שטריך איז,
איבער'ן שטריך אַ בויגען — הימעל,
ווייס דעם מיטען — טאָג געמיינט האָט,
שטערענדליך אין מיטען — נאַכט־צייט,
רעכטס אַ פינטעל — זונענאויפגאַנג,
לינקס אַ פינטעל — אונטערגאַנג־צייט,
און אַ פינטעל אויבען — מיטאג,
פאַסען קרומליכע אַראָפּצו —
רעגען אָדער וואָלקען־וועטער.

טריט וואָס פיהרען צו אַ וויגוואַם,
האָבען איינלאַדונג געהייסען,
און באַטייט פון געסט דאָס קומען;
הענד צושפרייטע, בלוט־באַשמירטע,

זיינען צייכענס פון פארוויסטונג,
זיינען האס־צייכענס געוועזען.

אט דאס אלץ האט הייאוואטהא,
דעם ערשטווינטען פאלק געוויזען,
האט ערקלערט זיי די כונות,
האט געזאגט: „די קברים איי׳רע,
„האבען ניט קיין בילד און צייכען,
„געהט און פארבט אויף זיי פיגורען,
„יעדער זיין פאמיליען־צייכען,
„איטליכער זיין אבשטאם־סמן,
„אום די דורות נאך אונז זאלען
„קענען איטליכען באזונדער.“

אויסגעמאלט האט אויף די סלופעס,
פון נאך ניט פארגעס׳נע קברים,
יעדער זיין פאמיליען־סמן,
יעדער פון זיין שטאם דעם טאטעם.
דער א בער און דער א רענטהיער,
טשערעפאכעס, בושלען, ביבערס —
איטליכען קאפויר, צו ווייזען,
אז דער אייגענטהימער טויט איז,
אז דער קריגסמאן וואס געטראגען
האט דעם צייכען, ליגט אין שטויב איצט.

און די דזשאָסעקידס, די זעהער,
די וואָבינאָס, די מכשפים,
און די קרייטעכץ־לייט, די מידעס,
האָבען אויסגעמאָלט אויף קאָרע,
און אויף הירשענהויט, געשטאַלטען
פאר די צויבער־לידער זיי׳רע,
יעדען ליעד א בילד באַזונדער,
פול מיט סודות און מיט שרעקען,
און קאָלירט מיט העלע פאַרבען;
איטליכע געשטאַלט באַטייט האָט,
א געוויסעס ליעד פון כשוף.

גיטשי מעניטאָ דער שעפּפער,
ליכט פארשפרייטענדיג אין הימעל,
און די גרויסע שלאַנג קענאַביק,
מיט איהר קאָם דער בלוטיג רויטער
פויזענדיג, איהר בליק צום הימעל;
די לבנה שוואַרץ און גוסס,
און די זון וואָס הארכט אין אויר;
סאָוועס, פאַלקען, אדלערס, בושלען,
וואסער־ראבען, כשוף־פויגלען;
מענשען וואָס אָהן קעפּ שפּאַצירען
אויפ׳ן הימעל, און הרוגים
דורכגעלעכערטע פון פיילען;

מתים־הענד אין בלוט געטונקטע;
פאַהנעס איבער קברים; קריגסלייט
וועלכע ערד און הימעל חאַפּען.

אַט אזעלכע בילדער האָבען
זיי אויף קאָרע פון די בוימען,
און אויף הירשען־פעל געפּארבען;
קריגס־געזאַנגען, יאַגד־געזאַנגען,
כשוף און רפואה־ליעדער,
אלע אויסגעמאָלט אין בילדער;
יעדעס בילד געהאַט זיין מיין האָט,
איטליכעס — א ליעד באזונדער.

ניט פארגעסען דאמאָלס האָט מען,
מאָלען דאָס געזאַנג פון ליבע,
פון די היילמיטלען דעם בעסטען,
פון די כשופ'ען דעם שטארקסטען,
מעהר פון יאגד און קריג געפעהרליך,
און אזוי געוועזן פון ליבע
איז דאָס בילד און די באַדייטונג:

ערשט א שטעהענדיגער מענש איז
העל־רויט אויסגעמאָלט געוועזען;
ס'איז דער זינגער דער געליבטער,

און דער מיין איז: „מיינע פארבען,
„מאכען מיך פון אלע שטארקער.“

דאן געזעסען די פיגור איז,
און געזונגען און געקלאפּט האט
אויף א צויבער־פויק; דער מיין איז:
„הער מיין שטימע און מיין זינגען!“

דאן דערזעלבער מאן אין רויטען,
אין א וויגוואם איז געזעסען.
די כונה איז געוועזען:
„מיט די סודות פון מיין ליבע
„קום איך נעבען דיר זיך זעצען.“

דאן געשטאלטען צווייי, א מאנסביל
און א פרוי געשטאנען זיינען,
פעסט די הענד צונויפגעשלאסען,
ווי זיי וואלטען איינס געוועזען.
דאס האט פארגעשטעלט די ווערטער:
„איך קען דיין פארבארגען הערץ זעהן,
„און דיין פנים גליהט פון בושה.“

דאן געשטאנען איז א יונגפרוי,
אין דעם מיטען פון א'ן אינזעל,

דאָס האָט פאַרגעשטעלט די ווערטער:
„ווען דו זאָלסט אפילו ווייט זיין,
„ערגעץ אויף אַ ווייטען אינזעל,
„האָב איך דיך אזוי באַכשופ׳ט,
„מיט מיין פלאַם אזוי באַצויבערט,
„אַז דיך צוציהען גלייך קען איך.“

דאַן געשלומערט האָט די יונגפרוי;
ביי דער זייט איהר, דער געליבטער
האָט געשושקעט איהר אין שלומער:
„ווען דו זאָלסט אפילו ווייט זיין,
„אין דעם לאַנד פון שלאָף און שטילקייט,
„וועט דער ליבע׳ס קול דיך גרייכען.“

און דאָס לעצטע בילד געוועזען
איז אַ הערץ אַ׳ן אויסגעמאָלטעס,
מיט אַ צויבער־רינג ארום איהם.
די כונה איז געוועזען:
„נאַקעט איז דיין הערץ אַנטפּלעקט מיר,
„צו דיין נאַק׳טען הערצען רעד איך.“

אַט אזוי דעם פאָלק געלערענט,
האָט מיט חכמה, הייאַוואַטהאַ,

די געהיימניסען פון מאָלען,
און די קונסט פון בילדער־שרייבען,
אויף דער גלאַטער בוימער־קאָרע,
אויף דער ווייסער פעל פון רענטהיער,
אויף דעם דאָרף׳ס מצבה־סלופּעס.

XV.

הייאַוואַטהאַ'ס קלאָג.

דאַמאָלס האָבען אַלע רוחות,
אַלע מעניטאָס פון אונגליק,
זיך דערשראָקען פאַר די חכמה
הייאַוואַטהאַ'ס און זיין ליבע
צו דעם זינגער קיביאַבאָס —
ניט פאַרגונען זייער פריינדשאַפט,
זיי'רע עדלע רייד און טהאַטען,
און געמאַכט אַ בונד צוזאַמען,
זיי צו פלאַגען און פאַרניכטען.

הייאַוואַטהאַ האָט מיט פאָרזיכט,
אָפט געזאָגט צו קיביאַבאָס:
„ברודער מיינער, ניט פאַרלאָז מיך,
„ס'וועלען דיר די שדים בייז טהון."
קיביאַבאָס, יונג און זאָרגלאָז,
האָט געשמייכעלט און געטרייסעלט

זיינע קוילען־שווארצע לאָקען,
און געענטפערט זים און קינדעריש:
„האָב ניט מורא, ברודער מיינער,
„ס׳וועט קיין שלעכטס מיר ניט פּאַסירען.“

איין מאָל ווען דעם טייך דעם גרויסען,
מיט א דאַך פון אייז באַצויגען,
האָט דער פּיבאָען, דער ווינטער,
און קער שניי־ווינד האָט געסוויסטשעט,
דורך די טויטע דעמב־בוים־בלעטער,
מאַכענדיג פון סאָסנעס — וויגוואַמס,
הילענדיג די ערד אין שטילקייט —
דאן, אָהן מורא פאַר די שדים,
גאָר ניט אַכטענדיג די וואַרנונג
פון זיין פריינד, אליין געגאַנגען
איז אין שניי־שיך קיביאַבאָס,
מיט זיין פייל א הירש צו שיסען.

האַסטיג איבער׳ן גרויסען טייך איז
איהם א הירש פאַרבייגעשפּרונגען;
נאָכגעלאָפען מיט׳ן שניי־ווינד
אויפ׳ן דינעם אייז, איהם איז ער
מיט דעם גאַנצען ווילדען אימפּעט,
מיט דער שמחה פונ׳ם יעגער.

אבער אונטער איהם די רוחות,
האָבען שוין אויף איהם געלויערט,
האָבען ס'דינע' אייז צובראָכען,
אויפ'ן דעק אראָפּגעשלעפּט איהם,
און אין זאַמד זיין גוף באַגראָבען.
אונקטעהי, דער גאָט פון וואסער,
ער, דער גאָט פון די דעקאָטאהס,
האָט דערטרונקען איהם אין אָפּגרונד
פון דעם וואסער, גיטשי גיומי.

פון דעם ברעג האָט הייאַוואטהאַ,
אזא קלאָג ארויסגעלאָזען,
אזא יאָמער, אַז דער בופעל,
האָט זיך אפּגעשטעלט צו האָרכען;
פּריירי־וועלף געוואיעט האָבען,
און דער דונער אויפגעוואַכט האָט
און געענטפערט: „בייאָם־וואָוואָ."

שווארץ געפארבט זיין פּנים האָט ער,
מיט זיין קלייד זיין קאָפּ פארוויקעלט,
און אין וויגוואַם האָט געיאָמערט,
זיבען וואָכען אָפּגעיאָמערט,
ווידערהאָלענדיג זיין קינה:

„טויט איז ער, דער זיסער שפּילער,
„ער, דער זיסטער פון די זינגערס,
„האָט אויף אייביג אונז פאַרלאָזען,
„איז אַוועק צו וואָהנען, נעהנטער
„צו דעם האַר פון אלע שפּילערס,
„צו דעם האַר פון אלע זינגערס.“

טרויעריג געוויגט די סאָסנעס,
האָבען זיי'רע גרינע פאָכערס,
זיי'רע פורפור־רויטע שישקעס,
מיטגעזיפצט מיט איהם, געטרייסט איהם,
מישענדיג מיט זיינע קלאַגען,
ז י י ע ר קרעכץ, און ז י י ע ר קלאָגען.

פריהלינג האָט ערשיינט, דאָך ס'וועלדעל
האָט אומזיסט ערוואַרט דעם זינגער;
ס'האָט געזיפצט דאָס קליינע טייכעל,
און געזיפצט די וואַסער־שטעקלעך.

ס'בלאָע פויגעלע אָוויסע,
פון איהר בוים־שפּיץ האָט געזונגען:
„קיביאַבאָס, קיביאַבאָס,
„טויט איז ער, דער זיסער שפּיעלער.“

ס׳רויטע העלזעלע אָפּיטשי,
פון איהר וויגוואָם האָט געזונגען:
„קיביאַבאָס, קיביאַבאָס,
„טויט איז ער, דער זיסער זינגער.“

און אין נאַכט־צייט דורכ׳ן וואַלד־רוים,
האָט דאָס נאַכט־שוועלבעל געטרויערט,
האָט געקלאַגט די וואָוואָנייסע:
„טויט איז ער דער זיסער שפּילער,
„טויט איז ער דער זיסטער זינגער.“

דאַן די קרייטעכטס־לייט, די מידעס,
די וואַבינאָס, די מכשפים,
און די דזשאָסעקידס, דער זעהער,
זיינען אָנגעקומען אלע,
צו באַזוכען הייאַוואַטהאַ׳ן;
אויפגעבויט א צעלט א הייליגס,
נעבען איהם, אום איהם צו טרייסטען;
שטומערהייד א מאַרש געגאַנגען,
טראָגענדיג רפואה־בייטלען,
אָטער־ לוקס־ און ביבער־פעלען
אָנגעפילט מיט צויבער־קרייטעכטס,
און מיט שטאַרקע היילונג־מיטלען.

װען ער זײ'רע טריט געהערט האָט,
אױפגעהערט צו קלאָגען האָט ער,
ניט באװײנט מעהר קיביאַבאַס,
ניט געפרעגט מעהר, ניט געענטפערט,
אָפגעדעקט זײן טרױער־קאָפּ בלױז,
שטום און לאַנגזאַם אָפּגעװאַשען,
פון געזיכט די אבל־פאַרבען,
שטום און לאַנגזאַם נאָכגעגאַנגען,
צו דעם אײנגעװײהטען װיגװאַם.

דאָרטען האָבען זײ צו טרינקען,
איהם א כשוף־טראנק געגעבען,
פונ'ם נעהמע־װאָסק, פון מענטע,
פון װאַבינא־װאָסק דעם הײל־קרױט,
שטאַרקע װאָרצלען, הײלונג־גראָזען;
און געקלאַפּט מיט קלאַפּער־כלים,
און מיט פּױקען, און געזונגען
אײנציגװײז און אין א כאָרוס,
אָט אזעלכע צױבערליעדער:

„דאָס בין איך אלײן, קוק אָן מיך,
„ס'רעדט צו דיר דער גראָער אדלער.
„װײסע קראהען קומט און הערט מיך,
„דען מיך העלפט דער שטאַרקער דונער,

„און די אונזיכטבאַרע גייסטער;
„כ'הער די שטימען זיי'רע רופען.
„כ'הער זיי ארום גאַנצען הימעל.
„ס'קען מיין בלאָז דיך קרעפטיג מאַכען,
„און דיך היילען, הייאַוואַטהאַ."

„העי־אָ־האַ" — געבאַמט דער כאָר האָט,
„ווּעי־הע־וועי" — דער כאָר פון צויבער.

„מיינע פריינד, די שלאַנגען זיינען;
„הער, מיין אדלער־פעל ווי כ'טרייסעל,
„מאַהנג, דעם זומפּ־עוף קען איך טויטען,
„שיסען, טויטען קען איך ס'הערץ דיינס.
„ס'קען מיין בלאָז דיך קרעפטיג מאַכען
„און דיך היילען הייאַוואַטהאַ."

„העי־אָ־האַ" — געבאַמט דער כאָר האָט,
„ווּעי־הע־וועי" — דער כאָר פון צויבער.

„דאָס בין איך אליין, דער נביא,
„ווען איך רעד, דער וויגוואַם ציטערט,
„וויגט פון שרעק דאָס הייליג צעלט זיך,
„פון די גייסטער־הענד געטרייסעלט.
„ווען איך געה דאַן בייגט דער הימעל

„אונטער מיר זיך מיט געפּילדער,
„ס'קען מיין בלאָז דיך קרעפּטיג מאַכען,
„שטעל זיך, רעד, אַ, הייאַוואַטהאַ.“

„העי־אַ־האַ“ — געבאַמט דער כאָר האָט,
„וועי־הע־וועי“ — דער כאָר פון צויבער.

אויסגעשאָקעלט אויף זיין קאָפּ דאַן,
האָבען זיי די קרייטעכטס־בייטלען,
ארום איהם געטאַנצט א הייל־טאַנץ,
ביז, ווי פון א חלום, האָט ער
אויפגעחאַפּט זיך, בלאַס און מאָגער,
אויסגעהיילט פון זיין פארצווייפלונג.
ווי די וואָלקענס פונ'ם הימעל,
שנעל פארשוואונדען פון זיין מח,
איז די וויסטע מרה־שחורה;
ווי דער אייז־דעק פון די טייכען,
שנעל פארשוואונדען פון זיין הערצען,
איז זיין קומער און זיין וועהטאָג.

פון זיין וואסער־קבר האָבען
זיי גערופען קיביאַבאָס,
פונ'ם זאַמד פון גיטשי־גיומי,
הייאַוואַטהאַ'ס פריינד גערופען.

אזוי שטאַרק פון זייער אויפרוף
איז געווען דער צויבער־כח,
אַז דערהערט איהם האָט ער דאָרטען,
ליגענדיג אין וואַסער־אָפּגרונד.
שטעלענדיג אין זאַמד זיך, האָט ער
צוגעהאָרכט דאָס זינגען זייערס,
דאַן געהאָרכענדיג געקומען
איז ער ביז דער טהיר פון וויגוואַם,
דאָך אריינגעהן ניט געטאָרט האָט.

דורך א שפּעלטעל איהם געגעבען
האָבען זיי אַ קויל אַ הייסע,
דורך דער טהיר א האָלאָוועשקע,
און געמאַכט איהם פאַר דעם הערשער,
פון די גייסטער און די טויטע;
איהם געהייסען פייערס צינדען,
פאַר די יעניגע וואָס שטאַרבען,
לאַגער־פייערס, ווען זיי געהען,
נאַכט צייט, איינזאַם אויף דער רייזע,
צו דעם קיניגרייך פּאָנימעה,
צו דעם לאַנד פון „נאַכ'ן־קבר."

פון דעם דערפעל פון זיין קינדהייט,
פון דער היים פון זיין משפחה,

שטיל אוועג איז דורכ'ן וואַלד ער;
ווי אַ רויך־קרייזעל אין אויר,
איז פאַרשוואונדען קיביאַבאַס.
דאָרט וואו ער איז דורכגעגאַנגען,
האָט קיין צווייגעל ניט געריהרט זיך,
דאָרט אוואו ער האָט געטרעטען,
האָט דער גראָז זיך ניט געבויגען;
אונטער זיינע פוס־טריט האָבען,
ניט גערוישט די טויטע בלעטער.

גאנצע פיער מעת־לעת געוואַנדערט
האָט ער אויף דעם בר־מנן־וועג;
מתים־פאַזעמקעס געגעסען,
דעם באַטריבטען שטראָם אריבער,
אויף אַ קלאָץ אַ וואקעלדיגען,
און דערגרייכט דעם טייך פון זילבער;
און אַ שטיין־שיפעל געבראכט איהם
האָט, צום לאַנד פון די געבענשטע —
לאַנד פון שאָטענס און פון גייסטער.

גייסטער פיעל באַגעגענט האָט ער,
מיד און לאַנגזאַם שלעפענדיג זיך,
סאַפּענדיג פון לאַסטען שווערע,
פיילען, קריג־שטעקענס, און בויגענס,

פוטער־מאַנטלען, טעפּ און קעסלען,
שפּייז וואָס פריינד געגעבען האָבען
אויף דער איינזאַמער נסיעה.

און געזאגט זיי האָבען: „וואָס נאָך
„גיט מען אונז אזעלכע לאַסטען?
„בעסער וואָלט געווען געהן נאַקעט,
„בעסער וואָלט געווען צו פאַסטען,
„איידער אזא לאַסט צו שלעפּען
„אויף דער לאנגער מידער רייזע.“

דאן געוואַנדערט הייאַוואַטהאַ
האָט אין מזרח און אין מערב,
האָט געוויזען ווי צו נוצען,
קרייטעכטסער און געגען־גיפטען,
הייל־מיטלען פאר יעדע קראנקהייט.
אָט אזוי אנטפּלעקט פאר מענשען,
איז מידאמינ׳ס סוד געוואָרען,
איז די הייל׳גע קונסט פון היילען.

XVI.

פּאָ-פּאָק-קיווים.

איצטער הערט ווי פּאָ־פּאָק־קיווים,
ער דער שענער יענעדיזי,
ווינד־ליך פונ׳ם פאָלק גערופען,
האָט דאָס גאַנצע דאָרף צורודערט;
איצטער הערט די שמד־שטיק זיינע,
זיין געלאַף פון הייאַוואַטהאַ׳ן,
זיינע זעלטענע גלגולים,
און דעם סוף פון זיינע שטוקעס.

ביי דעם ברעג פון גיטשי־גיומי,
אויף די זאַמדען נעגא־וואָדזשאָ׳ס,
ביי דעם העלען ים, געוועזען
איז דאָס צעלט פון פּאָ־פּאָק־קיווים;
ער האָט עס צונויפגעוויכערט,
הויפענס זאַמד אויף נעגא־וואָדזשאָ,
ווען אויף הייאַוואַטהאַ׳ס האָכצייט,

אום די געסט צו אונטערהאַלטען,
ער געטאַנצט דעם בעטלער־טאַנץ האָט,
אַזוי ווילד און אַזוי לוסטיג.

זוכענדיג זיך שמד־שטיק נייע,
פון זיין וויגוואַם פאַר־פאַק־קיוויס,
איז אין דאָרף אַוועגגעלאָפען;
האָט די יונגע לייט געטראָפען,
אין דעם וויגוואַם פון איָ־אַ־גו,
האָרכענדיג די גוזמות זיינע,
די פּאַסירונגען די ווילדע.

זיי דערציילט האָט ער די מעשה,
פון אָדזשיג דעם זומער־מאַכער,
וועלכער האָט אַ לאָך אין הימעל
אויסגעהאַקט, און דורכגעקלעטערט,
און אַרויסגעלאָזט דעם זומער,
אויביג־שענעם גרינעם זומער;
ווי דער אָטער ערשט פּרובירט האָט;
ווי דער דאַקס, דער לוקס, דער ביבער
יעדער האָט געפּרופט דאָס קונסט־שטיק,
און פון באַרג־שפּיץ האָט געהאַמערט
מיט'ן פויסט אַקעגען הימעל,
מיט'ן שטערען איהם געהאַמערט,

איהם צופלאַצט דאָך ניט צובראַכען;
ווי דאָס פרעס־טהיער האָט געשטעלט זיך,
און געמאַכט צום קאַמפף הכנות,
האָט די קני אַראָפּגעבויגען
ווי אַ וועווערק׳, און די אָרעמס
ווי אַ גריל צוריקגעוואָרפען.

„איין שפּרונג בלויז געגעבען האָט ער“ —
האָט דערציילט פאַר זיי אי־אַ־גו —
„און דער הימעל איבער איהם האָט
„זיך געבויגט ווי ס׳איז אויף טייכען,
„ווען דאָס וואַסער שטייגט פון אונטען;
„פון זיין צווייטען שפּרונג דער הימעל
„האָט געפּלאַצט ווי ס׳איז אויף טייכען,
„ווען דער פלוס זיין העכסטען פּונקט גרייכט:
„פון זיין דריטען שפּרונג, דער הימעל
„האָט פאַנאַנדער זיך געבראָכען,
„און אין איהם פאַרשוואונדען איז ער,
„און אָדזשיג די וויזעל חיה,
„הינטער איהם איז נאָכגעשפּרונגען.

„הערט“ — געזאָגט האָט פּאַ־פּאָק־קיווים —
זיך באַוויזענדיג אין איינגאַנג —
„נמאס איז מיר ס׳גאַנצע ריידען,

„נמאס מיר אי־א־גו׳ס מעשות,
„און די חכמה הייאוותהא׳ס.
„כ׳האָב אַ שפּיעל, וואָס אונטערהאַלטען
„וועט איך מעהר ווי ס׳אויביג ריידען.“

פון זיין וואָלף־פעל־ביימעל האָט ער,
מיט פּאַראַד ארויסגענומען,
ס׳שפּיעל פון בעכער און פון צייכענס,
פיוגעסיינג מיט דרייצעהן שטיקלעך,
ווייס אויף איין זייט אפּגעפארבען,
העל רויט־פאַרביג אויף דער צווייטער;
צוויי קענאַביקס אָדער שלאַנגען,
צוויי איננינייוואָג, צוויי מענשלעך,
דאַן פיער קייקלעך, אַזעוואָביקס,
און דריי שעשעבוואָג, דריי ענטלעך,
פון קאָלירטע ביין זיי אלע,
אלע חוץ די אַזעוואָביקס;
זיי פון מעש געוועזען זיינען,
איין זייט בלאַנק און שוואַרץ די צווייטע.

אין אַ האָליץ־בעכער דאַן האָט ער,
גוט די צייכענס דורכגעשאָקעלט,
דאַן פאר זיך אויף דר׳ערד געשליידערט,
און ערקלערענדיג געזאָגט האָט:

„אויבען רויט איז יעדעס שטיקעל,
„איין קענאַביק שטעהן געבליבען
„אויף דער בלאַנק פּאָלירטער זייט איז
„פון א מעשעל, אַזעוואַביק;
„דרייצעהן צעהנס און אַכט באַטרעפט דאָס.“

ווידער האָט ער אַלע שטיקלעך,
גוט צושאָקעלט און צוטרייסעלט,
אויסגעשאָטען אויף דער ערד זיי,
און ערקלערענדיג געזאָגט דאַן:
„ווייס די ביידע שלאַנגען זיינען,
„ווייס די איננינייוואַג די מענשלעך,
„רויט — די איבעריגע שטיקלעך;
„פינף מאָל צעהן און אַכט באַטרעפט דאָס.“

אַט אזוי דאָס נייע שפּיעל האָט
ער געלערענט און ערקלערט זיי,
יעדע ענדערונג און צופאל,
יעדער איינציגע באַדייטונג;
ביז עס האָבען אנגעגלאצט איהם,
צוואַנציג נייגיריגע אויגען,
צוואַנציג אויגען פול מיט שפּיעל־לוסט.

און געזאגט דאַן האָט איר־אַ־גו:

„קונץ־שפּיעלען און צופאַל־שפּיעלען,
„האָב איך פיעל געזעהן ביי פעלקער,
„און געשפּיעלט אין פיעל מדינות.
„ווער ס'וויל שפּיעלען מיט אי־אַ־גו,
„מוז געניטע פינגער האָבען;
„כאָטש דו האלסט זיך פאַר א מאדים,
„דיך באַזיג איך, פּאַ־פּאָק־קיווים;
„דאַרפסט ביי מיר נאָך קומען לערנען,
„ס'שפּיעל פון בעכער און פון צייכענס."

און געזעצט זיך שפּיעלען האָבען
אַלע יונגע לייט און זקנים,
שטעלענדיג אין קאָן מלבושים,
וואָמפּאָם און מלחמה־וואַפען,
ביז אין נאַכט געשפּיעלט, ביז מאָרגען,
ביז דער לץ דער יענעדיזזי,
דער געשיקטער פּאַ־פּאָק־קיווים,
אַלץ ביי זיי האָט צוגענומען,
אלע זיי'רע בעסטע קליידער,
הירש־פעל־העמדער, פוטער־מאַנטלען,
וואָמפּאָם־גאַרטלען, פעדער־צירונג,
קריגס־כלי־זיין, ליולקעס, בייטלען;
און איהם האָבען צוואַנציג אויגען
ווילד באַקוקט ווי וועלפ'שע אויגען.

דאן געזאָגט האָט דער בעל־מזל:
„איינזאַם לעב איך אין מיין וויגוואַם;
„און די וואנדערונגען מיינע,
„נעטהיג איז פאר מיר א חבר,
„כ'גאהר פאר זיך א מישינאָוואַ,
„אַ געהילף, אַ ליולקע־טראגער.

„די געווינסען אַלע מיינע,
„אַלע קליידער דאָ ארום מיר,
„אַלע פעדערען און וואַמפּאַם,
„שטעל איך אויף איין וואַרף אין קאָן דאָ,
„קעגען יענעם בחור דאָרטען."
ס'איז געוועזען דער פלימעניק,
פון אי־אַ־גו, זעכצעהן יאהר אַלט,
מ'פלעגט איהם „נעבעל־פּנים" רופען.

גלייך ווי אונטער אַש אין ליולקע,
גליהט דאָס דונקעל־רויטע פייער,
אונטער'ן אַלטענ'ס דיקע ברעמען,
ווילד געגליהט די אויגען האָבען.
„יוג!" — געענטפערט האָט ער צאָרניג,
„יוג!" — געענטפערט האָבען אלע.

דאַן דער גרייז מיט דאַרע פינגער,

אנגעהאַפּט האָט דעם אַנאָגאָן,
דעם שלים־מזל'דיגען בעכער;
ווילד און צאָרניג איהם געטרייסעלט,
ביז געקלאַפּט די צייכענס האָבען,
ווען ער האָט זיי אויסגעשאָטען.

רויט געוועזן די שלאַנגען זיינען,
רויט די אינגיניוואָג די מענשלעך,
רויט די שעשעבוואָג די ענטלעך,
שוואַרץ די מענשלעך אַזעוואַביקס,
וויים דאָס פישעל בלויז, דער קיגא;
אלץ צוזאַמען פינף געצייהלט האָט.

מיט אַ שמייכעל, פּאָ־פּאָק־קיווים,
האָט דעם האָלצבעכער צושאָקעלט;
וואַרפענדיג אין לופט די צייכענס,
זיי ארום צושליידערט האָט ער,
בלאַנק און שוואַרץ ארויסגעפאַלען
זיינען אלע אַזעוואַביקס,
רויט און וויים די אנד'רע שטיקער;
צווישען זיי איז ש ט ע ה ע נ ד י ג, נאָר
א י י ן אינגיניוואָג געבליבען —
ווי ס'איז צווישען אלע שפּיעלער,

פאַ־פּאַק־קיווים בלויז געשטאַנען,
זאָגענדיג: „פינף צעהנס, געוואונען!“

און איהם האָבען צוואַנציג אויגען
ווילד באַקוקט ווי וואָלפען־אויגען,
ווען ער איז אַרוים פון וויגוואַם;
הינטער איהם זיין מישינאַוואַ,
דער פּלימעניק פון אי־אַ־גו,
דער געוויקסיג־שענער בחור,
האָט געטראָגען די געווינסען,
הירש־פעל־העמדער, פוטער־מאַנטלען,
וואַמפּאַם־גאַרטלען, ליולקעס, וואָפען.

„טראָג זיי“ — דאַן איהם האָט באַפוילען
פּאַ־פּאַק־קיווים, און געוויזען
מיט דעם פעדער־פאָכער זיינעם —
„דאָרט אין מזרח אין מיין וויגוואַם,
„אויפ׳ן זאַמד פון נעגאָ־וואָדזשאָ.“

רויט געוועזן פון רויך און שפּיעלען,
זיינען פּאַ־פּאַק־קיווים׳ אויגען,
ווען ער איז אַרוים אין פרישען,
אנגענעהמען זומער־מאָרגען,
העל געטרעלט די פייגלעך האָבען,
שנעל געטראָגען זיך די טייכלעך:

פול מיט פרייד, האָט, ווי די פויגלעך,
פּאַ־פּאָק־קיווים׳ הערץ געזונגען,
ווי די טייכלעך שטאָלץ געשלאָגען,
ווען געגאַנגען דורכ׳ן דערפעל
איז ער אין דעם גרויען מאָרגען,
מיט זיין אינדיק־פעדער־פאַכער,
מיט זיין שוואַנען־פעדער צירונג,
ביז ער איז צום לעצטען וויגוואַם,
הייאַוואַטהאַ׳ס צעלט, געקומען.

שטיל געווען איז עס, פארלאָזען;
קיינער האָט איהם ניט באַגעגענט,
ביי דער טהיר אום איהם צו גריסען;
פויגלעך בלויז געזונגען האָבען,
אין דער טהיר און רונד ארום זי,
און געפּיקט, געשוועבט, געשפּרונגען;
אויפ׳ן דאך־שפּיץ איז געזעסען,
קאַגאַדזשי, דער ראבען־קיניג,
צאָרניג בליקענדיג געשריען,
און געקלאַפּט די פליגלען זיינע
האָט אקעגען פּאַ־פּאָק־קיווים.

„קיינער איז ניטא אין וויגוואַם" —
זיך געזאָגט האָט פּאַ־פּאָק־קיווים

שמד־שטיק האָבענדיג אין זינען —
„ניט דער קלוגער הייאַוואַטהאַ,
„ניט די שוטה מיננעהאהאַ,
„ניט די אַלטעטשקע נאָקאָמיס ;
„אָהן אַ שומר איז דער וויגוואַם.“

האַפּענדיג דעם ראַב ביין האַלז, האָט
ער געדרייט איהם ווי אַ גראַגער,
ווי אַ קרייטעכטס־טאַש געטרייסעלט,
און דערשטיקט דעם ראַבען־קיניג,
דאַן דעם טויטען גוף געלאָזען,
אויף דעם דאַך פון וויגוואַם היינגען,
אום צו טהאָן זיין האַר אַ ביזיש,
אום צו קריינקען הייאַוואַטהאַ'ן.

דאַן מיט גנבה־טריט אין וויגוואַם
איז אריין ער, און צושליידערט
האָט ארום זיך די כלי־בית,
אין אַ מיש־מאַש אנגעוואָרפען,
טעפּ פון לעהם, און האַלצגעפּעסען,
באָברע־פעלצען, בופעל־מאַנטלען,
אָטער־ לוקס־ און הערמעלין־פעל,
צו באַליידיגען נאָקאָמיס,
און צו קריינקען מיננעהאהא'ן.

און אוועג אין וואלד דאן איז ער,
האט געזונגען און געסווישטשעט
צו די וועווערקעס וואס האבען,
פון די פוסטע צווייגען אויבען,
ניסלעך־שאלאכץ איהם געווארפען,
האט געסווישטשעט צו די פויגלעך,
וואס פון זייער בלעטער־חשך,
האבען פרייהליך אפגעטשירקעט.

דאן ארויפגעקלעטערט האט ער,
אויף א פעלז ביי׳ן גיטשי־גיומי,
אויפ׳ן שפיץ אוועקגעזעצט זיך,
ווארטענדיג מיט פרייד און רשעות,
אויף דעם אומקעהר הייאוואטהא׳ס.

אויפ׳ן רוקען אויסגעשטרעקט איז
דארט געלעגען פא־פאק־קיווים;
אונטען האט דער טייך געפליוסקעט,
חלומ׳דיג געשווענקט, געפליוסקעט;
שווינדעלדיג געשוואומען זיינען,
די פארטרוימטע הימלען אויבען;
פלאטערנדיג גערעש׳ט ארום האט
הייאוואטהא׳ס בארג־געפליגעל,

מחנות־ווייז ארומגעקרייזט איהם,
שיער באריהרט איהם מיט די פליגלען.

ליגענדיג געטויט זיי האט ער,
הרג׳ענדיג צו צעהן, צו צוואנציג,
ווארפענדיג די טויטע קערפערס,
פון דעם פעלז אראפ אין וואסער,
ביז צום סוף, קעיאשק דער ים־עוף,
פון א פעלז־שפּיץ אויסגעשריען
האט צו זיי: „ס׳איז פּא־פּאק־קיווים,
„ועלכער הונדערט־ווייז אונז הרג׳ט;
„לאזט צו וויסען אונזער ברודער,
„שיקט די נאכריכט הייאוואטהא׳ן.“

XVII.

דאָס געיעג אויף פּאַ-פּאַק-קיווים.

כעס געפילט האָט הייאַוואַטהאַ'ן,
ווען אין דאָרף געקומען איז ער,
ס'פאָלק געפונען שטאַרק צורודערט,
און פאַרנומען די תעתועים,
און די רשעות און די שמד־שטיק,
פון דעם היטרען פּאַ־פּאַק־קיווים.

שווער געדיכעט האָט זיין אטהעם;
דורך די צייהן געמורמעלט האָט ער,
ווערטער פון פאַרדרוס און צאָרען,
הייס, און זומענדיג ווי ביהנען,
„איך וועל טויטען פּאַ־פּאַק־קיווים
„דעם מחבל" — האָט געזאָגט ער —
„ברייט און ווייט ווי ס'מעג די וועלט זיין,
„האַרט און שווער ווי ס'מעג דער וועג זיין,

„וועט מיין גרימצאַרען איהם קריגען,
„וועט מיין ראַכע איהם דערגרייכען.“

האַסטיג נאָכגעיאָגט זיך האָבען
הייאַוואַטהאַ און די יעגערס,
אויף די שפור פון פאַ־פּאַק־קיוויס,
דארט וואו ער דעם וואַלד געקרייצט האָט,
צו דעם באַרג וואו ער גערוהט האָט,
דאָך זיי האָבען ניט דערוויסט איהם;
אין דעם גראָז נאָר דעם צוקוועטשטען,
אין די רויטע יאַגדע־צווייגלעך,
זיך געזעהן האָט זיין געלעגער,
וואָס זיין קערפּער איינגעדריקט האָט.

פון די ווייטע טהאָלען אונטען,
פון דער מאָסקאַדיי, דער לאָנקע,
אומגעקעהרט זיך פאַ־פּאַק־קיוויס
האָט מיט עזות'דיגע תנועות,
מיט באוועגונגען פון חוזק;
הויך צו איהם אראָפּגעשריען,
האָט פון באַרג־שפּיץ, הייאַוואַטהאַ:
„ברייט און ווייט ווי ס'מעג די וועלט זיין,
„הארט און שווער ווי ס'מעג דער וועג זיין,

„וועט מיין גרימצאָרען דיך קריגען,
„וועט מיין ראכע דיך דערגרייכען.“

איבער פעלזען, איבער טייכען,
דורך געוועלד, דורך קוסט און דאָרען,
איז געלאָפען פאַ־פאַק־קיווים,
ווי א פלינקער הירש געשפּרונגען,
ביז ער איז צום טייך געקומען,
וואָס אין מיטען וואַלד געווען איז,
צו דעם רוהיג שטילען טייכעל,
וועלכעם האָט פארפלייצט די ברעגעס,
צו א סאַזעוואָקע וואו ס׳זיינען
בוימען, ביז די קני געשטאַנען,
וואַסער ליליען אומגעשוואומען,
וואַסער־שטעקלעך זיך געשושקעט.

אויף דעם דאַמם, געמאַכט פון צווייגען
און פון בוימער־שטאַמען, דארטען
איז געשטאַנען פאַ־פאַק־קיווים ;
ס׳וואַסער האָט געשפּריצט דורך שפּעלטלעך,
ס׳טייכעל האָט געשטראָמט פון אויבען.
קומענדיג פון דעק אַ ביבער,
מיט פארוואונדערט־גרויסע אויגען,

גלייך ווי פרעגענדיג, געקוקט האָט
אויף דעם פרעמדען פאַ־פאָק־קיווים.

אויף דעם דאמם פון בוימער־צווייגען
איז געשטאַנען פאַ־פאָק־קיווים;
העל און זילבערדיג געשטראַמט האָט,
ס'וואַסער איבער זיינע קנעכלעך;
און ער האָט געזאָגט צום ביבער,
שמייכלענדיג אזוי געזאגט איהם:

„אָ, מיין פריינד, עמיק דער ביבער,
„קיהל מחיה איז דאָס וואַסער,
„לאָז מיך טונקען זיך אין וואַסער,
„זיך פאררוהען אין דיין וואָהנונג,
„לאָז מיך ווערען אויך א ביבער."

פארזיכטיג, צוריקגעהאלטען,
אָפּגעענטפערט האָט דער ביבער:
„לאמיך ערשט אן עצה האלטען,
„לאמיך ד'אנד'רע ביבערס פרעגען."
דאָן אַראָפּ אין וואַסער איז ער,
ווי אַ שטיין אראָפּגעזונקען
אויפ'ן דעק, וואו ברוין געפלאָכטען
האָבען צווייגען זיך און בלעטער.

דאָן געשטאַנען פּאַ־פּאַק־קיווים
אויפ'ן דאַמם איז, און דאָס טייכעל
האָט געשטראָמט אויף זיינע קנעכלעך,
האָט געקוואָלען דורך די שפּאַלטען,
האָט געשפּריצט זיך אויף די שטיינדלעך,
האָט זיך רוהיג העל צוגאָסען;
און דער זונענשיין און שאָטענס,
דורך די וויגענדיגע צווייגען,
איהם באַפלעקט, באַשימערט האָבען,
איהם באַדעקט מיט העלע פּלאַסטערס.

שווייגענדיג אַרויפגעקומען,
זיינען פונ'ם דעק די ביבערס,
קאָפּ נאָך קאָפּ ביז ס'גאַנצע וואַסער,
פול געוואָרען איז מיט ביבערס,
מיט געזיכטער שוואַרץ און גלאַנציג.

צו די ביבערס, פּאַ־פּאַק־קיווים,
מיט געבעט, אַזוי געזאָגט האָט:
„אנגענעהם איז אייער וואָהנונג,
„און פאַרזיכערט פון געפאַהרען,
„קענט איהר ניט מיט אייער חיטראָסט,
„אייער חכמה אייער, איינפאַל,
„מיך פאַרוואַנדלען אין אַ ביבער?“

„יאָ“, — האָט דער עמיק געענטפערט,
ער, דער קיניג פון ביבערס, —
„גליטש מיט אונז אַראָפּ זיך אונטען,
„אין דאָס שטילע וואַסער, אונטען.“

שטיל מיט זיי אַראָפּגעזונקען,
איז אין וואַסער פּאַ־פּאַק־קיווים,
שוואַרץ געוואָרען איז זיין הירש־העמד,
שוואַרץ די שיך און פוס־מלבושים,
און זיין פוקס־עק מיט קוטאַסען
זיך צושפּרייט האָט איהם פון הינטען,
ווי אַ ברייטער עק אַ שוואַרצער;
ער געוואָרען איז אַ ביבער.

דאַן געזאָגט האָט פּאַ־פּאַק־קיווים:
„מאַכט מיך גרויס און מאַכט מיך גרעסער,
„גרעסער פון די ביבערס אַלע“. —
„יאָ“ — געזאָגט דער ביבער־פירשט האָט, —
„ווען דו קומסט אין אונזער וויגוואַם,
„אונטען וועלען מיך דיך מאַכען
„צעהן מאָל גרעסער נאָך ווי אַלע.“

און אַראָפּ איז פּאַ־פּאַק־קיווים,
אין דאָס ברוינע קלאָרע וואַסער.

אויסגעשפּרייט דער דעק געוועזען,
איז מיט בוים־שטאַמען און צווייגען,
פול מיט אוצרות שפּייז אויף ווינטער,
גאַנצע הויפענס פאַר׳ן הונגער.
און אַ טהיר אַ רונד־געוועלבטע,
האָט געפיהרט אין ברייטע קאַמערן.

גרויס געמאַכט דאָרט האָבען זיי איהם,
גרעסער פון די ביבערס אלע,
צעהן מאָל גרעסער ווי די אנד׳רע,
הויפּט און קיניג פון די ביבערס.

ניט געלעבט האָט לאַנג אין גדולה
פּאָ־פּאָק־קיווים ביי די ביבערס,
דען אַ וואָרנונג־שטים געהערט זיך
האָט פון וועכטער, אויף זיין משמר
אויבען אין די וואַסער־בלומען:
„הייאַוואַטהאַ איז געקומען,
„הייאַוואַטהאַ און די יעגערס.“

דאַן דערגרייכט פון אויבען האָט זיי,
אַ געשריי, אַ רעש, אַ טראַמפּעל,
זיי דערגרייכט אַ קראַך, אַ טומעל,
און ארום און איבער זיי איז,

ס'וואַסערווירבלענדיג פאַרזונקען;
און פאַרשטאַנען האָבען זיי דאַן,
אז צובראָכען זייער דאַמם איז.

שפּרינגענדיג צום דאַך פון הייזעל,
איהם צוהאַקט די יעגערס האָבען;
דורך די שפּאַלטען ס'ליכט אריין איז,
דורך דער טהיר — ארוים די ביבערס,
זיך באַהאַלטענדיג אין טייך־שטראָם,
וואו דאָס וואַסער איז אם טיעפסטען.
דאָך דער דיקער פּאַ־פּאָק־קיווים,
ניט געקענט די טהיר האָט דורכגעהן,
פון אכילה און פון גאוה,
ווי א פּענכער אָנגעבלאָזען.

דורכ'ן דאַך האָט הייאַוואַטהאַ
דורכגעקוקט, און הויך געשריען:
„ס'איז אומזיסט דיין גאַנצע חיטראָסט,
„ס'איז אומזיסט דיין זיך־פאַרשטעלען,
„איך דערקען דיך, פּאַ־פּאָק־קיווים.״

מיט די קריג־שטעקענס דאַן האָבען
זיי דערהרג'ט פּאַ־פּאָק־קיווים,

ווי מ'צושטויסט א ווייץ — צושטויסען,
און דעם שאַרבען איהם צופּיצעלט.

זעקס געיעג־לייט הויכע שלאַנקע,
דאן אויף שטאַנגען און אויף צווייגען,
האָבען איהם אהיים געטראָגען,
טויט דעם ביבער'ס גוף געטראָגען.
דאָך דער גייסט אין איהם, דער דזשיבי,
האָט געפּיהלט ווי פּאַ־פּאָק־קיווים,
נאָך געלעבט אלס פּאַ־פּאָק־קיווים.

האָט געשוועבט געקעמפּפט, געצאַפּעלט,
היין און הער זיך אומגעוואָרפען,
ווי די פארהאנגען פון וויגוואַם,
קעמפּפען מיט די הירשפעל־רימענס,
ווען עס בלאָזט דער ווינטער־שטורעם;
ביז צוזאַמענציהענדיג זיך,
ער ארויס איז פון דעם קערפּער,
קריגענדיג געשטאַלט און אויסדרוק
פון דעם היטרען פּאַ־פּאָק־קיווים,
און אין וואַלד געוואָרען נעלם.

דאָך דער שאַרפער הייאַוואַטהאַ,
איידער נאָך ער איז פארשוואונדען,

האָט געזעהן פון פּאָ־פּאָק־קיווים
די געשטאַלט, אין בלאָען שאָטען
פון דעם סאָסנע־וואַלד זיך גנב׳ען,
צו דעם ווייסען רוים אהינצו,
דאָרט וואו ס׳עפּענט אויף דער וואַלד זיך.
ווי א ווינד געשטורעמט האָט ער,
בייגענדיג פאַר זיך די צווייגען;
ווי א רעגען נאָכגעיאָגט איהם
האָבען הייאַוואַטהאַ׳ס שפּרייזען.

אהן א׳ן אטהעם, פּאָ־פּאָק־קיווים,
האָט דערגרייכט אַ ים פול אינזלען,
וואו געשיפּט דורך וואַסער־ליליעס,
און דורך טייך־שטעקלעך זיך האָבען,
פּישניקוה די ווילדע ענטלעך,
צווישען די פאַרוואַקס׳נע אינזלען,
הויבענדיג די שוואַרצע שנאָבלעך,
דאַן זיי טונקענדיג אין וואַסער,
דאַ באַשטראַהלט פון זונען־שימער,
דאַ פאַרדונקעלט פונ׳ם שאָטען.

„פּישניקוה, אָ, ברידער מיינע“, —
זיי געזאָגט האָט פּאָ־פּאָק־קיווים, —
„מאַכט פון מיך א ווילדע ענטעל,

„מיט קאַלירטע האַלז און פעדערן,
„מאַכט מיך גרויס און מאַכט מיך גרעסער,
„צעהן מאָל גרעסער ווי די אַנד׳רע.“

תכף אין א ווילדע ענטעל,
האָבען זיי איהם אומגעביטען —
מיט צוויי גרויסע שווארצע פליגלען,
מיט אַ גלאַטען רונדען בוזעם,
מיט א שנאָבעל ווי צוויי רודערם ;
גרעסער איהם געמאַכט פון אלע
צעהן מאָל גרעסער ווי די גרעסטע —
ווען פון וואלד ביים ברעג, געהילכט האָט,
דער געשריי פון הייאַוואַטהאַ.

אויפגעהויבען זיך די ענטלעך,
האָבען פון די וואסער־ליליעס,
פון די אינזלען די פארוואק׳סנע,
שרייענדיג געקלאַפט די פליגלען,
און געזאָגט צו פאַ־פּאָק־קיווים :
„ווען דו פליהסט, ניט קוק ארונטער,
„היט זיך אָפּ, ניט קוק אַרונטער,
„ס׳זאל קיין שלעכטס דיך ניט פּאַסירען,
„ס׳זאל קיין אומגליק דיך ניט טרעפען.“

ווייט, קיין צפון, שנעל געפלויגען,
זיינען זיי דורך זונן און נעבעל,
צווישען טייך־שטעקלעך געשלאָפען,
און גענעהרט זיך פון די זומפען.

און אויף מאָרגען ווען געפלויגען
זיינען זיי, געיאָגט פון זיד־ווינד,
אויפגעהויבען פון דעם זיד־ווינד,
וואָס געוועהט האָט פריש און קרעפטיג —
האָבען זיי א קול פון מענשען,
א געשריי געהערט פון אונטען,
פון די צעלטען פון א דערפעל,
פון דעם פאלק פאר מיילען אונטען.

דען דאָס פאָלק פון דאָרף מיט וואונדער,
האָט געזעהן די מחנה ענטלעך,
און די פליגלען פאַ־פאָק־קיווים,
קלאַפענדיג אין הויכען אויר,
ברייטער ווי צוויי צעלט־גאַרדינען.

פאַ־פאָק־קיווים, אין דעם ליארעם,
הייאַווטהאַ'ס קול דערקענט האָט,
האָט דערקענט אי־אַ־גו'ס שרייען,
און פארגעסענדיג די ווארנונג,

האָט זיין האַלז צוריקגעבויגען,
און אראָפּגעקוקט אויף אונטען.
תכף האָט דער ווינד פון הינטען,
אָנגעחאַפּט זיין פעדער־פּאַכער,
און אראָפּ־צו אין אַ ווירבעל,
האָט געדרייהט זיך פּאָ־פּאָק־קיווים.

און אומזיסט, געקעמפּפט צו קריגען
ס׳גלייכגעוויכט האָט פּאָ־פּאָק־קיווים;
פּאַלענדיג און קרייזענדיג זיך,
דאָ געזעהן דאָס דערפּעל האָט ער,
דאָ די מחנה ענטלעך אויבען;
ס׳דאַרף געוואָרען איז אַלץ נעהנטער,
און די ענטלעך תמיד וייטער;
קלאָר געהערט די שטיממען האָט ער,
די געשרייען און געלעכטער;
דאַן די ענטלעך ניט געזעהן מעהר,
בלויז געזעהן די ערד פון אונטען.
טויט איז דאַן פון פוסטען הימעל,
צווישען פּאָלק אראָפּגעפאַלען,
מיט אַדומפּען קלאַפּ, די ענטעל,
איהרע פליגלען דורכגעבראָכען.

דאָך זיין זעעל, זיין גייסט, זיין שאָטען,

האָט געלעבט אַלס פּאַפּאַק־קיווים,
האָט צוריק פיגור און אויסדרוק,
פון דעם שענעם לין געקריגען,
און אוועגגעשטורעמט ווידער,
נאכגעיאגט האָט הייאוואַטהאַ
שרייענדיג : „מעג גרוים די וועלט זיין,
„ס'וועט מיין צאָרען דיך דערגרייכען,
„ס'וועט מיין ראַכע דיך דעריאָגען.“

אזוי נאָהנט געווען שוין איז ער,
אַז ער האָט די רעכטע האנד שוין,
אויסגעשטרעקט איהם אָנצוחאַפּען,
דאָך דער הינטער פּאַ־פּאַק־קיווים,
אין אַ צירקעל האָט געדרייהט זיך,
מאַכענדיג אין לופט אַ וויכער,
דרעהענדיג דעם שטויב און בלעטער,
ביז זיךווירבלענדיג, פארשוואונדען
איז ער אין אַ פּוסטען דעמב־בוים,
דאָן אַלס שלאַנג ארויסגעגנב'ט
האָט ער זיך, דורך קויט און וואָרצלען.

מעכטיג מיט זיין האנד געשלאָגען
האָט דעם דעמב־בוים, הייאוואַטהאַ,
איהם צושפּאָלטען און צושפּליטערט,
און געלאָזט אין שטיקער ליגען.

דאָך אומזיסט: דען פּאַ־פּאַק־קיווים,
ווידער אין געשטאַלט פון מענשען,
איז פאר ד׳אויגען איהם אנטלאָפען,
האָט געיאָגט אין ווינד און ווירבעל,
אויף דעם ברעג פון גיטשי־גיומי,
מעריב־צו, ביים טייך דעם גרויסען,
ביז דערגרייכט האָט ער דאס פעלז־לאנד,
די קאַלירטע זאמדשטיין־פעלזען,
וואָס אויף וואלד און וועללען בליקען.

און דער גרייז פון די געבירגע,
ער, דער גייסט פון די געבירגע —
האָט זיין פעלז־טהיר ברייט געעפענט,
ברייט זיין טיפען תהום געעפענט,
האָט פארבאָרגען פּאַ־פּאַק־קיווים,
אין די שווארצע הייהלען זיינע,
האָט איהם פריינדליך אויפגענומען,
אין זיין דונקלער זאמדשטיין־וואָהנונג.

פאר די צוגעמאַכטע טהירען,
איז געשטאַנען הייאַוואַטהאַ,
האָט געהאַקט מיט זיינע הענדשקעס,
גרויסע הייהלען אין דעם זאמד־שטיין,

האָט מיט דונער־שטים געשריען:
„עפען, איך בין הייאַוואַטהאַ!“
דאָך דער זקן פון די בערג האָט
ניט געעפענט, ניט געענטפערט,
פון די שטומע זאַמדשטיין־פעלזען,
פון די שוואַרצע שטיינער־שפּאַלטען.
הויבענדיג די הענד צום הימעל,
האָט ער צו דעם ווינד גערופען,
צו דעם בליץ דעם וואַיוואַסימאַ,
צו דעם דונער עננעמיקי.
פון די דונער־בערג די ווייטע,
זיינען זיי מיט נאַכט און חשך,
איבער'ן גרויסען טייך געקומען;
ציטערנדיג האָט פּאַ־פּאָק־קיווים,
צוגעהערט דעם דונער'ס פוס־טריט;
האָט געזעהן די רויטע אויגען
פון דעם בליץ, און זיך געטרייסעלט.

דאַן דער בליץ דער וואַיוואַסימאַ,
איינגעשלאָגען האָט די הייהל־טהיר,
זי צובראָכען מיט זיין קריג־שטאָק,
און צוקלאַפּט די זאַמד־שטיין פעלזען;
און דער דונער עננעמיקי,
האָט אין הייהל אַראָפּגעטומעלט:

„וואו געפינט זיך פּאַ־פּאָק־קיווים?“
און צושמעטערט האָט די פעלזען.
טויט געליבען אין די חורבות
איז דער היטרער פּאַ־פּאָק־קיווים,
איז דער שענער יענעדיזזי,
אין זיין מענש־געשטאַלט דערהרג׳ט.

און א סוף גענומען האָבען,
זיינע שמד־שטיק און תעתועים,
זיין פאַרשפּיצטקייט און זיין היטראָסט,
אלע בייזע שטוקעס זיינע
און זיין טאַנצען און זיין שפּיעלען,
און זיין שדכ׳ען־זיך צוי מיידלעך.

דאָן גענומען הייאַוואַטהאַ,
האָט זיין זעעל, זיין גייסט, זיין שאָטען,
און געזאָגט: „אָ, פּאַ־פּאָק־קיווים
מעהר אין מענשליכע געשטאַלט ניט,
וועסטו זוכען נייע שמד־שטיק,
מעהר ניט, לאַכענדיג, אין וויכער
מאַכען שטויב און בלעטער טאַנצען,
דאָך אין הימעל אויבען זאָלסטו,
שוועבען, שיפּען זיך אין קרייזען;
כ׳וועל פון דיר אן אדלער מאַכען

א קיניז א קריגער־אדלער,
קיניג איבער אלע עופות,
איבער הייאַוואַטהאַ׳ס היהנער.

און דער נאָמען פּאַ־פּאָק־קיווים,
לעבט נאָך צווישען פאָלק ביז עתה,
לעבט נאָך צווישען אלע זינגערס,
און דערצייהלערס פון געשיכטעס.
און אין ווינטער ווען דער שניי, זיך
ווירבעלט ווילד ארום די וויגוואמס,
ווען דער שטורעם־ווינד מיט טומעל,
פייפט און סוויסטשעט דורכ׳ן קוימען —
זינגט מען: „דאָ קומט פּאַ־פּאָק־קיווים,
„דורכ׳ן דאָרף טאַנצט ער ארום איצט,
„קומט זיין שניט ארייננצוזאמלען.“

XVIII.

קוואַסינד'ס טויט.

ווייט און ברייט ביי אלע פעלקער,
האָט געשם'ט דער נאָמען קוואַסינד'ס;
קיינער ניט געקענט האָט ראנגלען
אָדער מעסטען זיך מיט קוואסינד.
די פּאָק־וואָדזשים נאר די שלעכטע,
זיי, די קארליקעס, פארבונדען
האָבען זיך אקעגען קוואסינד.

זיי געזאָגט האָבען: „אויב קוואַסינד,
„דער פארהאסטער ריעז דער פרעכער,
„זאָל אזוי זיך ווייטער פיהרען,
„רייסען אלץ צו וואָס ער ריהרט זיך,
„ברעכען יעדע זאַך אין שטיקער,
„און די וועלט מיט וואונדער פיללען —
„וואָס וועט זיין פון די פאקוואָדזשים?
ווער וועט דארפען די פּאָק־וואָדזשים?

„ער וועט אונז ווי שוועמליך טרעטען,
„וועט פארטרייבען אונז אין וואסער,
„און מיט אונז׳רע לייבער שפייזען
„וועט די בייזע ני־בער־נאָ־בייגס,
„וועט די גייסטער פונ׳ם וואסער.“

און דאָס קליינע צאָרניג פאָלק׳על,
זיך פארשוואָרען קעגען גבר האָט,
זיך פארשוואָרען טייטען קוואסינד,
פריי־מאַכען די וועלט פון קוואסינד,
פון דעם דרייסטען, פרעכען, שטאָלצען,
שעדליכען און שלעכטען קוואסינד.

קוואסינד׳ס גאנצע וואונדער־גבורה,
אין שפיץ קאָפּ איז בלויז געלעגען,
דאָרט אויך איז ער שוואך געוועזען,
דאָרט געקענט פארוואונדעט ווערען;
אנדערסוואו האָט קיין שום וואפען,
ניט געקענט זיין קערפער שאדען.

און דער איינציגער כּלי־זיין,
וואָס געקענט איהם האָט פארוואונדען
און איהם צוהרג׳ן, געוועזען
זיינען שישקעס פון די סאָסנעס,

בלויע שישקעס פון די טעננען;
דאָס איז קוואַסינד'ס סוד געוועזען,
וואָס קיין מוטער־מענש געוואוסט האָט.
בלויז די חיטרע קליינע מענשלעך,
פלעגען וויסען דאָס געהיימניס,
וויסען ווי מע קען איהם טייטען.
און זיי האָבען אנגעקליבען,
שישקעס פון די סאָסנע־בוימען,
בלויע שישקעס פון די טעננען,
אין דעם וואלד ביי טעקוועמינאָ,
דאָן ביים טייך צונויפגעשלעפט זיי,
זיי צונויפגעשלעפט אין הויפענס,
דאָרט וואו פון די ברעגעס היינגען,
רויטע פעלזען איבער'ן וואַסער,
און געלויערט דאָרט אויף קוואסינד,
האָט דאָס קליינע בייזע פאָלק'על.

ס'איז געוועזן נאכמיטאג זומער;
העלל און היים די לופט געוועזן איז,
גלאט געפלאסען איז דאס וואסער.
דרעמלענדיג די שאטענס האָבען
ניט געריהרט זיך, און אין זונן־ליכט
האָבען פליגעלעך געשימערט,
האָבען אויפ'ן טייך געגליצט זיך,

און דעם שלעפערדיגען אויר,
אָנגעפּילט מיט קריג־רוף־זשומען.

אָנגעקומען אראָפּ טייך, איז
קוואסינד־גבור אין זיין שיפעל,
לאַנגזאם טראָגענדיג אין שטראָם זיך,
אויף דעם פוילען טאקוועמינא,
אָבגעשלאָפט פון הייסען וועטער,
און פארשלעפערט פון דער שטילקייט.

פון די גרינע צווייגען אויבען,
פון דעם בירקען־בוים'ס קוטאַסען,
שטיל, דער גייסט פון שלאָף אראָפּ איז;
מיט זיין אונזיכטבארע סוויטע,
מיט זיין לופט־ארמיי געקומען,
איז דער שלומער־גייסט, ניפּאָהווין,
און געפלאַטערט ווי די שלאַנג־פליעג,
ווי די גלאַנצ'גע דאָש־קוואָ־ני־שי,
איבער קוואסינד'ס קאָפּ דעם מידען.

דאן געהערט א מורמעל האָט ער,
ווי פון וועללען אויפ'ן ים־ברעג,
ווי פון רוישענדיגע חוואַליעס,
ווי פון ווינדען אין די סאָסנעס,

און דערשפירט האָט אויף זיין שטערען,
קלעפּ פון לופטיג־קליינע קריג־העק,
פון דעם שלומער־גייסט ניפּאָווין׳ס
דרעמעלדיגע באטאליאָנען,
ווי אויף איהם וואָלט איינער הויכען.

ביי דעם ערשטען קלאפּ געפאלען,
איז א שלעפריגקייט אויף קוואסינד,
ביי דעם צווייטען אָפּגעשטעלט זיך,
האָט זיין רודער, אָהן באוועגונג,
ביי דעם דריטען איז די לאנדשאפט,
טאנצענדיג, געוואָרען דונקעל;
פעסט געשלאָפען דאן האָט קוואסינד.

זיצענדיג, גלייך ווי א בלינדער,
אראָפּ טייך געשוואומען איז ער,
אויף דעם שטראָם פון טעקוועמינאָ,
אונטער טרייסלענדיגע בוימען,
אונטער וואלד־באדעקטע פעלזען,
אונטער דעם מלחמה־לאגער,
פון די קארליקעס, פּאָק־וואָדזשים.

דאָרט באוואפענטע געשטאנען
זיינען זיי און אָפּגעווארט איהם,

איהם געוואָרפען מיט די שישקעס,
טרעפענדיג די שטאַרקע פלייצעס,
טרעפענדיג דעם קאָפּ דעם שוואַכען.
„הרג'ט קוואסינד!“ איז דער שלאַכט־רוף,
פון די קאַרליקלעך געוועזען.

אויף אַ זייט געוויגט זיך האָט ער,
אויף אַ זייט אין טייך געפאלען,
מיט'ן קאָפּ אַראָפּגעטונקט זיך,
אין דאָס וואסער ווי אַ'ן אָטטער.
לעער, פארלאָזען, אַראָפּ־וואסער,
האָט דאס שיפעל זיך געטראָגען,
מיט'ן דעק ארויף, געשוואומען;
ניט געזעהן מעהר האָט מען קוואסינד.

דאך פון גברן דער זכרון,
לאנג נאָך איז אין פאָלק פארבליבען.
ווען די ווינטער־שטורעמס פלעגען,
דורך דעם וואַלד מיט צאָרען ברומען,
און זיך וואַרפענדיג, די צווייגען
פלעגען קרעכצען, פלעגען קנאקען,
פלעגט מען זאָגען דאן: „ס'איז קוואסינד,
„קוואָסינד וואָס אין וואַלד קלייבט שפענער.“

XIX.

די רוחות.

וויי נאָר אויף זיין רויב אין מדבר,
אויף א בופעל־אָקס א קראַנקען,
פליהט איין רויב־פויגעל ארונטער —
באַלד שוין איהם באמערקט א צווייטער,
פון זיין לויער־פלאטץ אין אויר,
און קומט תכף נאכגעפלויגען ;
נאכ'ן צווייטען קומט א דריטער,
פון דעם אונזיכטבאַרען לופט־רוים,
ערשט א פלעק נאָר, דאן א פויגעל —
ביז די לופט איז שוואַרץ מיט פליגלען.

ס'קומט דאס אומגליק אויך אליין ניט ;
גלייך ווי איטליכם אָפגעוואַרט וואָלט,
די באוועגונג פון דעם צווייטען,
ווען דאָס ערשטע קומט, באַלד קומען
אנדערע נאָך איהם אין מחנות,

אויף דעם קראנק־פארוואונדטען קרבן,
ערשט א שאטען דאן א קומער,
ביז די לופט איז שווארץ פון וועהטאג.

דורך דעם וויסטען צפון־לאנד שוין,
האט דער פיבאען, דער ווינטער,
הויכענדיג אויף אלע טייכען,
זייער פלוס אין שטיין פארוואנדעלט,
האט דעם שניי אראפגעטרייסעלט
פון די האאר, ביז ס׳לאנד געלעגען
איז איין גלאטע ווייסע שטרעקע,
ווי, זיך בויגענדיג דער בורא,
וואלט מיט זיינע הענד פארגלעט עס.

דורך דעם וואלד דעם וואיעדיגען,
אומגעטריבען זיך אויף שניי־שיך
האט דער יעגער, און אין דערפעל
האט די פרוי פאררריכט איהר ארבייט,
האט געשטויסען קוקורוזע,
האט געגארבט די הירשען־פעלכלעך;
אויפ׳ן אייז די יונגע מענער
האבען באלל געשפיעלט מיט ליארעם,
אויפ׳ן פעלד — געטאנצט אין שניי־שיך.

איין מאָל אין א דונקלען אבענד,
ווען די זונן פארגאנגען איז שוין,
אין איהר וויגוואם, לאכיג־וואסער
איז געזעסען מיט נאָקאָמיס,
ווארטענדיג אויף הייאַוואַטהאַ'ן,
וואָס פון יאגד געזאָלט האָט קומען.

ס'ליכט פון פייער, זייער פנים
האָט געפארבט מיט רויטע שטרייפען,
אין דער אלטע'ס אויג געגלימצערט,
ווי דער לבנה'ס פייכטער שיממער,
אין די אויגען לאכיג־וואסער'ס —
ווי די זונן וואָס שטראהלט אין וואסער.
הינטען אין די וויגוואם־ווינקלען,
זיך פאררוקט האָט זייער שאטען,
איבער זיי דער רויך אין קרייזען,
האָט געקלעטערט דורכ'ן קוימען.

פלוצלינג האָט פון טהיר דער פאָרהאנג,
אויפגעהויבען זיך פון דרויסען,
אויפגעפלאקערט האָט דאָס פייער,
און דער רויך־קרייז האָט צוואוויעגט זיך:
שטיל אריין צוויי פרויען זיינען,
אונגעבעטען, דורכ'ן איינגאנג.

אָהן א וואָרט פון א באגריסונג,
אָהן א סמן פון ערקענונג,
און געזעצט זיך אין א ווינקעל,
איינגעהויקערט אין די שאטענס.

לויט דעם אויסזעהן און די קליידער,
קענטיג, פרעמד אין דאָרף געוועזען.
בלאס און מאָגער, שטום און טרויריג,
טרייסלענדיג זיך, אין די שאָטענס
זיינען זיי פאררוקט געזעסען.

האָט דער ווינד אראָפגעמורמעלט,
דורכ'ן קוימען אין דעם וויגוואם? —
האָט דער נאַכט־עוף, קאָקאָ־קאָהאָ,
פון דעם וויסטען וואלד געשריען?
דורך דער שטילקייט האָט געהערט זיך:
„מתים זיינען דאָס אין קליידער,
„גייסטער וועלכע קומען שפוקען,
„פון דעם קיניגרייך פאָנימעה,
„פון דעם לאַנד פון „נאַכ'ן קבר."

פון געיעג אין וואלד, אהיים איז
דאן געקומען הייאַוואַטהאַ,
זיינע האָאר מיט שניי־באשפרינקעלט,

און אַ הירש אויף זיינע פּלייצעס.
„לאַכיג־וואסער“ צו די פיס האָט
ער זיין טויטע לאַסט געוואָרפען;
שענער אויסגעזעהן איהר האָט ער,
ווי אין חתן־צייט ווען ער האָט
צו די פיס געלעגט דעם הירש איהר,
אלס א צייכען פון זיין ביטע,
אלס אַ צוזאָג פאר דער צוקונפט.

דאַן דערזעהן האָט ער די פרעמדע
איינגעהויקערט אין די שאָטענס,
און געטראַכט: „ווער זיינען יענע?
„וועלכע געסט האָט מיננעהאהא?“
דאָך קיין וואָרט געפרעגט זי האָט ער,
גריסענדיג בלויז איינגעלאַדען,
צו זיין צעלט, זיין שפייז, און פייער.

ווען געווען איז ס'עסען פארטיג,
און דער הירש געווען צוטהיילט איז,
פון די שאָטענס צוגעשפרונגען,
זיינען ביידע געסט די בלייכע,
צוגעחאַפּט די בעסטע טהיילען,
צוגעחאַפּט דאָס ווייסע הירש־פעטס,
וואָס געלאָזט האָט הייאַוואַטהאַ.

פאר זיין ווייב, פאר לאכיג־וואַסער ;
ניט געפרעגט און ניט באדאנקט זיך,
הונגעריג פארצעהרט די שטיקער,
דאן צוריק אוועג אין שאָטען,
אין דעם ווינקעל פון דעם וויגוואַם.

ניט גערעדט האָט הייאַוואַטהאַ,
ניט באוועגט זיך האָט נאָקאָמיס,
ניט גערירט זיך מינניהאהא,
ניט געביטען די געזיכטער ;
בלויז געזאָגט האָט מינניהאהא
שטיל : „זיי זיינען אויסגעהונגערט,
„לאָז זיי טהאָן ווי עס געפעלט זיי,
„לאָז זיי עסען, די פארשמאַכטע.“

פיעל מאָל האָט געטאָגט, געטונקעלט,
פיעל מאָל שוין פון זיך די נאַכט האָט,
ס׳ליכט פון טאָג אַראָפּגעטרייסעלט,
ווי דעם שניי די סאָסנעס טרייסלען,
פון די נאַכטיג־שוואַרצע צווייגען ;
טאָג פאר טאָג די געסט אין וויגוואַם,
זיינען שטיל און שטום געזעסען ;
נאַכט־צייט, שטורעם אדער שטערען,
פלעגען זיי אין וואַלד אוועגגעהן,

ברינגען ברענהעלץ אין דעם וויגוואם,
ברינגען שישקעס אויף צו הייצען.

ווען געקומען הייאוואטהא
איז פון יאגד, צי פון א פיש־פאנג,
ווען געווען איז ס'עסען פארטיג,
און די שפייז געווען צוטהיילט שוין,
פלעגען פון די דונקלע ווינקלען,
צוקומען די בלאסע פרעמדע,
אויסחאפען די בעסטע טהיילען,
אפגעלעגט פאר מיננעהאהא'ן;
דאן אוועג צוריק אין שאטען,
אהן א פראגע, אהן א פארוואורף.

קיין מאל ניט האט הייאוואטהא,
זיי מיט ווארט צי בליק באליידיגט,
קיין מאל ניט אויף זיי נאקאמים,
האט געמאכט א בייזע מינע,
קיין מאל ניט אויף זייער חוצפה,
מיננעהאהא כעס געוויזען;
אלע האבען שטיל געליטען,
אום דאס הייליג רעכט פון פרעמדע,
און די גוטע טהאט פון געבען,

ניט פארמינדערען א בליק זאָל,
ניט א'ן איינציג וואָרט פארשווערכען.

איין מאָל נאַכט־צייט, הייאַוואַטהאַ,
תמיד וואכענדיג, דערהערט האָט
אין דעם וויגוואַם, האלב־באַלוכטען,
מיט די לעצטע האַלאַוועשקעס
פון דעם צאַנקענדיגען פייערל —
ווי א ווידערהאַלטעס זיפצען,
ווי א טרויעריגעס חליפען.

אויפגעשטאַנען, הייאַוואַטהאַ
איז פון בעט, אראָפגעוואָרפען
האָט דאָס האָריג פעל פון בופעל,
אויפגעמאַכט דעם הירשפעל־פאָרהאַנג,
און דערזעהן די בלייכע שאָטענס,
זיצענדיג אויף זיי'רע בעטען,
וויינענדיג אין שטילען נאַכט־רוים.

און געפרעגט זיי האָט ער: „פרעמדע,
„וואָס באַטריבט די הערצער איי'רע,
„אז אין מיטען נאַכט איהר חליפעט?
„האָט חלילה אייך נאַקאָמיס,
„האָט מיין ווייב, מיין מינניהאהאַ,

„אייך געקרענקט, אייך שלעכט באהאַנדעלט,
„ניט ערפילט צום גאַסט די פליכטען?“

אויפגעהערט די גייסטער האָבען,
זייער קלאָגען, זייער חליפען,
און געזאָגט מיט ווייכע שטימען:
„מתים־גייסטער זיינען מיר בלויז,
„און פון איי׳רע פריינד די זעעלען,
„מיר פון לאַנד פון קיביאַבאָם,
„זיינען אייך געקומען פרופען,
„אייך געקומען זיינען וואַרנען.

„אויף דעם אינזעל פון די ג׳בענשטע,
„אָפט אונז גרייכען וועה־געשרייען,
„קלאגען פון די לעבעדיגע,
„וועלכע פריינד געשטארב׳נע רופען,
„און באטריבען בלויז אומזיסט אונז.
„ד׳ריבער האָבען מיר פרובירט אייך;
„קיינער זעהט און קען אונז מעהר ניט,
„און מיר פאלען אייך צו לאַסט נאָר;
„צווישען לעבעדיגע מענשען,
„איז קיין פלאַטץ ניטאָ פאר מתים.

„האַלט אין זין דאָס, הייאַוואַטהאַ,

„און דערציידל דעם גאנצען שבת,
„אז פון היינטמאָל אָן מיט קלאגען,
„זאָלען זיי ניט מעהר באטריבען,
„די נשמות פון די טויטע,
„אויף דעם אינזעל פון די ג׳בענשטע.

„פילט ניט אָן מיט לאַסט די קברים
„פון די פריינד וואָס איהר בעערדיגט,
„מיט דער לאַסט פון פעלץ און וואָמפּאָם,
„מיט דער לאַסט פון טעפּ און קעסלען;
„זיי פארשלאַפּען בלויז די מתים.
„גיט זיי נאהרונג מיטצונעהמען,
„גיט זיי פייער זיי צו לייכטען.

„פ י ע ר מעת לעת דעם מת נעהמט קומען,
„אין דאָס שאָטענלאנד, פ י ע ר זיינען
„זיינע וויסטע נאַכט־סטאַציאָנען,
„פיער מאָל מוז ער פייער האָבען.
„און ווען איהר באגראָבט א טויטען —
„פיער מאָל, ווען עס קומט די נאַכט אָן,
„מאַכט אַ פייער אויף זיין קבר,
„אום ניט זיין זאָל זיין נשמה
„אָהן דעם מונט׳רען ליכט פון פייער,
„זאָל ניט אין דער פינסטער טאַפּען.

„זיי געזונד, אָ, הייאַוואַטהאַ!
„דיך געשטעלט אין א נסיון,
„דיין געדולד פּרובירט, מיר האָבען —
„מיט'ן עזות'דיגען זיין דאָ,
„מיט'ן חוצפּה'דיגען אויפפיהר,
„און דיך גרוים און גוט געפונען."

שטיל געוואָרען זיינען זיי דאַן,
און א חשכ'נים האָט פּלוצלינג
אָנגעפּילט דעם שטילען וויגוואַם,
הייאַוואַטהאַ בלויז געהערט האָט,
פאַרביי איהם ווי קליידער שאָרכען,
און דעם טהיר־פאָרהאַנג זיך עפנען,
פון א האַנד א'ן אונזיכטבאַרע;
האָט דערשפּירט די קאַלטע נאַכט־לופט,
האָט דערזעהן א ווײַלע שטערען;
דאָך ניט מעהר געזעהן די שאָטענס,
ניט געזעהן די וואנדער־גייסטער,
פון דעם קיניגרייך פּאָנימעה,
פון דעם לאַנד פון „נאָכ'ן קבר."

XX.

דער הונגער.

אָ, דער לאַנגער וויסטער ווינטער!
אָ, דער גרויזאַם קאַלטער ווינטער!
דיקער, דיקער אײַנגעפראָרען,
איז דאָס אײַז אויף אַלע טײַכען,
טיעפער, טיעפער אויף די לאַנדשאַפט,
איז דער שניי אַראָפּגעפאַלען,
דיכט געפאַלען, און געיאָגט זיך
אין די וועלדער אַרום דערפעל.

קוים האָט פון פאַרשנייטען וויגוואַם,
זיך אַ וועג געמאַכט דער יעגער;
האָט אין הענדשקעס און אין שניי־שיך,
דורכ׳ן וואַלד אומזיסט געוואַנדערט,
חיות זוכענדיג און פויגלען;
ניט אַ שפור פון הירש און קראָליק,
ניט אַ סליאַד אין שניי געפונען,
און געפאַלען אַ פאַרשלאַפטער,

אין דעם סטראַשנעם, העלען װאַלד־רוים,
שטאַרבענדיג פון קעלט און הונגער.

אָ, דער הונגער און דער פיעבער!
אָ, די אָפּצעהרונג פון הונגער!
די פאַרװיסטונג פון דעם פיעבער,
דאָס געװיין פון קליינע קינדער,
און דער שמערץ און אַנגסט פון פרויען!

ד'ערד געװען איז קראַנק, פאַרהונגערט,
הונגעריג די לופט אַרום איהר,
הונגעריג דער הימעל איבען,
און געגליהט די שטערען האָבען
הונגעריג, װי װעלפ'שע אויגען.

דאַן אין הײַאַװאַטהאַ'ס װיגװאַם,
זיינען אורחים צװיי געקומען,
שטום און פינסטער װי די גייסטער,
ניט געװאַרט ער זאָל זיי בעטען,
ניט ביים איינגאַנג אַנגעפרעגט ערשט,
אָהן אַ'ן איינלאַד־װאָרט געזעצט זיך,
ביי דעם פּלאַטץ פון מיננעהאַהאַ,
און מיט װיסטע הונגער־אויגען,
איהר אַריינגעקוקט אין פּנים.

ס'האָט געזאָגט דער ערשטער: „זעה מיך
„כ'בין דער הונגער, ביוקעדעווין."
ס'האָט געזאָגט דער צווייטער: „זעה מיך,
„כ'בין דער פיעבער עהקאָסיווין."

און די שענע מיננעהאהא,
האָט פון זייער בליק געשוידערט,
האָט פון זייר'ע רייד געשוידערט;
שטיל געלעגט זיך אויף איהר בעטעל,
שטום פארדעקט דעם פנים איהרען,
וואַרפענדיג אין היץ און קעלט זיך,
פון דעם קוק דעם וויסטען זיי'רען,
פון די מורא'דיגע ווערטער.

ווי משוגע, הייאַוואַטהאַ
איז אוועק אין פוסטען וואַלד־רוים,
אין זיין ברוסט א ווילדער טויט־שמערץ,
און זיין פנים ווי פארשטיינערט;
איינגעפּראָרען אויף זיין שטערען,
איז דער אנגסט־שווייס איהם געשטאַנען.

גוט־באַפּעלצט, מיט יאַגד־כלי־זיין,
מיט זיין שטאַרקען עשען־בויגען,
מיט זיין בייטעל פול מיט פיילען,

מיט די הענדשקעס, מינדזשיקאַהוואַן,
דאַן אַוועק אויף שניי־שיך איז ער,
אין דעם גרויסען פּוסטען וואַלד־רוים.

„גיטשי־מעניטאָ, דו שטארקער —
בליקענדיג צום הימעל האָט ער,
אויסגעשריען אין פארצווייפלונג —
„גיב די קינדער דיינע נאַהרונג,
„גיב אונז שפּייז און לאָז ניט אויסגעהן,
„גיב מיר שפּייז פאר מיננעהאהא,
„לאַכיג־וואַסער, וועלכע גוסס'ט.“

ווייט האָט אָפּגעהילכט אין וואַלד־רוים,
אין דעם פּוסטען וויסטען וואַלד־רוים,
זיין געשריי פון שמערץ און וועהטאָג;
דאָך קיין ענטפער איז געקומען,
אויסער פון זיין קול דער עכאָ,
אויסער פון דעם וואַלד דער עכאָ,
„מיננעהאהא! מיננעהאהא!“

אָט אזוי א גאנצען טאָג האָט
ער אין וויסטען וואַלד געוואַנדערט,
דאָרטען וואו דורך בוימער־שאָטענס,
אין די שענע טעג פון זומער,

פון דעם לאַנג־דערמאָהנטען זומער,
ער זיין יונגע ווייב געבראַכט האָט,
פונ׳ם לאַנד פון די דעקאָטאַהס.
פויגלען האָבען דאָן געזונגען,
טייכלעך לאַכענדיג געשימערט,
און די לופט געווען איז דופטיג,
און די שענע לאַכיג־וואַסער,
האָט געזאָגט מיט פעסטער שטימע:
„וואו דו פיהרסט מיין מאַן, דאָרט געה איך."

אין דעם וויגוואַם מיט נאָקאָמיס,
מיט די שוואַרצע געסט אַלס שומרים,
מיט דעם הונגער און דעם פיעבער,
איז געלעגען זיין געליבטע,
האָט געגוסס׳ט מיננעהאהא.

„האָרך" — געזאָגט האָט זי — „כ׳הער רוישען,
„כ׳הער אַ טומעל און אַ רוישען,
„כ׳הער דעם שטראָם פון מיננעהאהא,
„ווי ער רופט מיך פון דער ווייטען."
„ניין, קינד" — האָט געזאָגט נאָקאָמיס —
„ס׳איז דער נאַכטווינד און די סאָסנעס."
„זעה" — געזאגט האָט זי — „מיין פאַטער,
„ביי דער טהיר דאָרט שטעהט ער איינזאַם,

„און ער רופט מיך פון זיין וויגוואַם,
„אין דאָס לאַנד פון די דעקאָטאַהס.״
„ניין קינד״ — האָט געזאָגט נאָקאָמיס —
„ס׳איז דער רויך, וואָס ווינקט און וויגט זיך.״

דאַן געזאגט האָט זי: „מיך גלאצען,
„פּאַגאַק׳ס אויגען אין דער פינסטער,
„זיינע אייז־פינגער, שוין פיהל איך,
„האלטען מיינע אין דער פינסטער,
„הייאַוואַטהאַ! הייאַוואַטהאַ!״

ווייט אוועג אין וואַלד אין טיעפען,
אין די בערג אוועג פאר מיילען,
הייאַוואַטהאַ מיט פארצווייפלונג,
האָט דעם שמערץ־געשריי פארנומען,
האָט געהערט ווי פון דער פינסטער,
מיננעהאהא׳ס שטימע רופט איהם:
„הייאַוואַטהאַ! הייאַוואַטהאַ.״

דורך דעם שניי־מדבר דעם וויסטען,
אונטער שניי־באַדעקטע צווייגען,
שנעל איז ער אהיים געלאָפען,
ס׳הערץ איהם שווער, די הענד איהם ליידיג,
און געהערט נאָקאָמיס קלאָגען:

„וועהאָנאָווין! וועהאָנאָווין!
„'חאי וואָלט איך שטאָט דיך געשטאָרבען,
„'חאי וואָלט איך ווי דו איצט טויט זיין,
„וועהאָנאָווין! וועהאָנאָווין!“

שנעל אריין אין וויגוואַם איז ער,
האָט געזעהן נאָקאָמיס ד'אלטע,
לאַנגזאַם וויגען זיך און קלאגען;
טויט און קאַלט פאר איהם געלעגען,
איז די שענע מינניהאהא.
ס'הערץ זיינם שיער צופלאַצט פון וועהטאג,
אזא שמערץ־געשריי דערלאַנגט האָט,
אז דער וואַלד האָט אזש געשוידערט,
אז די שטערען אויפ'ן הימעל,
האָבען אזש פון פיין געציטערט.

שטיל און שטום געזעצט זיך האָט ער,
אויף דעם בעט פון מינניהאהא,
ביי די פיס פון לאַכיג־וואַסער,
ביי די פיס וואָס וועלען מעהר ניט,
פלינק ארויסגעהן איהם אנטקעגען,
פלינק די פיס־טריט זיינע נאָכגעהן.

אין די הענד ס'געזיכט פארגראבען,

זיבען טעג און נעכט דאָרט איז ער,
ווי אין היהנער־פּלעט געזעסען,
אָהן באוועגונג און אָהן לשון,
ניט געוואוסט ווען טאָג, ווען נאַכט איז.

דאן זי האָבען זיי באגראָבען,
איהר געמאַכט אין שניי אַ קבר,
אין דעם דונקלען וואַלד דעם טיעפען,
אונטער זיפּצענדיגע בוימלעך,
זי געקליידט אין רייכע קליידער,
און אין ווייסע פוטער־מאַנטלען;
צוגעדעקט מיט ווייסען שניי זי,
ווי מיט ווייסע פוטער־מאַנטלען —
אַט אזוי באַגראָבען האָט מען,
מיננעהאהא׳ן, לאַכיג־וואַסער.

פ י ע ר מאָל אויף איהר קבר האָט מען
ביי דער נאַכט געמאַכט אַ פייער,
דער נשמה אויף איהר רייזע,
צו דעם לאַנד פון די געבענשטע;
פון זיין טהיר האָט הייאַוואַטהאַ,
אין דעם וואַלד געזעהן דאָס פייער,
ווי ס׳באַלייכט די שווארצע בוימלעך.
שלאָפלאָז, פון געלעגער זיינעם,

פון געלעגער מינניהאהא'ס
פלעגט ער אויפשטעהן און פלעגט קוקען
פון זיין וויגוואם־טהיר, און היטען,
ס'זאָל ניט אויסגעהן דאָרט דאָס פייער,
זי ניט לאָזען אין דער פינסטער.

„געה לשלום" — האָט געזאָגט ער —
„געה לשלום, לאַכיג וואַסער!
„ס'הערץ מיינ'ס איז מיט דיר באַגראָבען,
„מיין געדאַנקען איז וואו דו ביסט,
„קום ניט מעהר צוריק זיך פּלאָגען,
„קום ניט מעהר צוריק דאָ ליידען,
„וואו דער הונגער, וואו דער פיעבער,
„נאָגט דאָס הערץ און צעהרט דעם קערפּער.
„באַלד מיין ארבייט אויך זיך ענדיגט,
„באַלד אין דיינע פוס־טריט געה איך,
„צו די אינזלען פון די ג'בענשטע,
„צו דעם קיניגרייך פּאָנימעה,
„צו דעם לאַנד פון „נאַכ'ן־קבר."

XXI.

דעם ווייסען מענשענ׳ס פום.

טרויריג, איינזאם אין זיין ביידעל,
נאהנט ביי׳ן טייך, ביי׳ן אייז־באדעקטען,
איז א׳ן אלטער מאן געזעסען.
ווייס ווי שניי זיין קאפ געוועזן איז;
דונקעל האט געצאנקט דאס פייער,
און דער גרייז זיך האט געטרייסעלט,
אין זיין ווייסען וואביוויאן,
אין זיין קאדערדיגען פעלץ־קלייד,
צוגעהערט זיך בלויז צום שטורעם,
וואס געברילט האט דורך די וועלדער,
צוגעקוקט זיך בלויז צום שניי־ווינד,
וואס געדרייהט האט און געסווישטשעט.

ס׳פייער לאנגזאם האט געגוסס׳ט,
ד׳אש האט ווייס פארדעקט די קוילען —
ווען א יונגער מאן מיט פלינקקייט,

איז אריין אין אפ׳נעם איינגאנג;
זיינע באקען רויט געוועזען,
זיינען מיט דעם בלוט פון יוגענד,
ד׳אויגען מילד ווי פריהלינג־שטערען,
און באקראנצט זיין שטערען האבען,
דופטיג־שמעקענדיגע גראזען.
פון זיין מויל א שענער שמייכעל,
האט פארשטראהלט דאס גאנצע ביידעל,
אין זיין האנד א בינטעל בליטהען,
זיס פארבשמים׳ט האט דאס ביידעל.

„זוהן מיינער" — געזאגט דער גרייז האט —
„גליקליך איז מיין אויג צו זעהן דיך,
„זעץ מיט מיר זיך אויף דער ראגזשע,
„ביי די אויסגעגליהטע קוילען,
„און פארברינג מיט מיר די נאכט דא.
„דו דערצעהל, פון ווילדע מעשׂות
„וועלכע דיר באגעגענט האבען,
„פון די לענדער די באררייזטע;
„איך דערציילהל דיר מיינע גבורות,
„מיינע פיעלע וואונדער־טהאטען."

פון זיין טאש גענומען האט ער
דאן א׳ן אלטע שלום־ליולקע,

רויטער שטיין געווען דער קאָפּ איז,
און פון וואַסער־ראָהר דער מונד־שטיק,
אנגעשטעקט ארום מיט פעדערן.
דאן געפילט די ליולקע האָט ער,
מיט די שלאַכצען פון ווערבעס,
צוגעלעגט א קויהל א הייסע,
און דערלאַנגט דעם גאַסט, דעם פרעמדען,
און אזוי גענומען ריידען:

„ווען איך אטהעם נאָר ארום מיר,
„ווען איך אטהעם אויף די לאַנדשאַפט,
„בלייבען טייכען שטעהן פארגליווערט,
„ווערט דאס וואַסער הארט פארשטיינערט."

שמייכלענדיג געזאָגט דער גאסט האָט:
„ווען איך אטהעם נאָר ארום מיר,
„ווען איך אטהעם אויף די לאַנדשאַפט,
„שפּראָצען בלומען אויף דער לאָנקע,
„זינגענדיג די טייכען פליסען."

„ווען די גראָע האָאָר איך טרייסעל —
האָט דער גרייז געזאָגט פערחמארעט —
„דעקט אין שניי זיך איין די געגענד,
„אלע בלעטער פון די צווייגען,
„פאַלען, וועלקען, שטאַרבען, וויאַנען;

„כ'גיב א הויך און זיי פארגעהען.
„פון די וואסערען און זומפען,
„חאפען אויף די ווילדע גענז זיך,
„און אין ווייטע לענדער פליהען;
„כ'רייד א וואָרט און זיי פארשווינדען.
„און א וואו מיין פוס נאָר וואנדערט,
„זיך פארבאָרגען אין די הייהלען,
„אלע וואלד־חיות די ווילדע,
„און די ערד ווערט הארט ווי שטיינער."

„מיינע לאָקען ווען איך טרייסעל, —
שמייכלענדיג געזאגט דער גאַסט האָט, —
„פאלט דער ווארעם־ליבער רעגען,
„פרייהליך הויבט איהר קאָפּ די פלאַנצונג,
„און צוריק צו טייך און זומפען,
„קעהרען אום די ווילדע גענז זיך,
„ווי א פייל די שוואלב אהיים פליהט,
„און די פויגלעך זיך צווינגען.
„און אוואו מיין פוס נאָר וואנדערט,
„וויגט די לאָנקע זיך מיט בלומען,
„פילט דער וואלד זיך מיט געזאנגען,
„ווערט דער בוים מיט בלעטער דונקעל."

רעדענדיג אוועג די נאַכט איז;

פונ'ם ווייטען לאַנד פון וואַבאַן,
פון דעם העלען זילבער־וויגוואַם,
ווי א קריגסמאַן אנגעקליידעט
און באפארבט, ארוים די זונן איז,
און געזאָגט: „קוקט אַן מיך איצטער,
„מיך, די זונן די שטאַרקע, גיזים."

דאַן דעם זקן'ס צונג פארשטומט האָט,
ווארעם איז די לופט געוואָרען,
רויט־העלזלעך און בלאָע־פויגלעך,
זים געטרעלט פון צעלט־דאַך האָבען,
ס'טייכעל האָט גענומען מורמלען,
און דער דופט פון פרישע גראָזען,
ווייך געווייהט האָט דורכ'ן וויגוואַם;
און סיגוואַן, דער יונגער אורח
קלערער האָט געזעהן אין טאָג־ליכט,
ס'אייז־געזיכט פאר זיך: געוועזען
איז דאָס, פיבאָען, דער ווינטער.

איהם געפלייצט די טהרערען האָבען,
ווי פון טייך, וואָס שמעלצט, די שטראָמלעך;
מעהר די מונט'רע זונן ארויף איז,
מעהר פארקלענערט האָט זיין גוף זיך,
ביז ער איז אין לופט פארשוואונדען,

ביז ער איז אין דר׳ערד פארגאנגען.
אויף דעם איוועך־שטיין, וואו פריהער,
זיך גערייכערט האָט דאָס פייער,
דאָרט דערזעהן דער יונגער מאַן איצט
האָט די ערשטע בלום פון פריהלינג,
האָט די צירונג פון דעם פריהלינג,
האָט די מיסקאָדיד אין בליהונג.

אָט אזוי איז, אין דעם נאָרד־לאַנד,
נאָך די ניט־געהערטע קעלטען,
נאָך דעם גרויזאַם־הארטען ווינטער,
פריהלינג מיט זיין גלאנץ געקומען,
מיט די פויגלען און די בלומען,
מיט די גראָז און מיט די בלעטער.

נאָרד־צו, זעגלענדיג אין ווינד זיך,
מחנות־ווייז, ווי גרויסע פיילען,
דורכ׳ן אויר דורכגעשאָסען,
האָבען שוואנען, מאַהנאַביזי,
ריידענדיג כמעט ווי מענשען;
ווייסע גענז, די וואַבי־וואַ־וואָ,
אין געקרימטע לאַנגע רייהען,
ווי צופלאַצטע בויגען־שטריקליך;
און באזונדער און אין פּאארלעך,

מאהנג, דער עוף מיט קלאפער־פליגלען;
און דער וואסער־עוף שושוגא,
און די וואלד־הוהן מאשקאדייסע.

ס׳בלאע פויגעלע אָווייסע
האט געפייפט אין קוסט און לאנקע,
פון די דעכער האט געזונגען,
ס׳רויטע העלזעלע אָפּיטשי,
אין דעם סאסנע־בוים געוואָרקעט
האט דאָס טייבעלע אָמימי.
און דער אבל הייאוואטהא,
שטום פון זיינע גרויסע שמערצען,
האט געהערט ווי זיי איהם רופען,
איז ארוים פון דונקלען וויגוואם,
האט געקוקט ארויף צום הימעל,
האט געקוקט אויף ערד און וואסער.

פון זיין וואנדערונג אין מזרח,
פון די וייטע מארגענלענדער,
פון דעם העלען לאנד פון וואבאן,
האט דער רייזענדער, אי־א־גו
דער באריהמער, אומגעקעהרט זיך,
פול מיט נייע ווילדע מעשות,
פול מיט פלאים פיעל און וואונדערם.

איינגעהערט פון דאָרף דאָס פאָלק האָט
די באַגעגניסען די ווילדע,
וועלכע ער האָט אָנדערציילט זיי,
און איהם לאַכענדיג געענטפערט:
„ס'איז איראַגו מיט די ביינער,
„ווער חוץ איהם אזוינס געזעהן האָט?"

ער געזעהן דארט האָט אַ וואַסער,
גרעסער ווי דער טייך דער גרויסער,
ברייטער ווי דער גיטשי־גיומי,
אבער ביטער, ניט צום טרינקען.
זיך באַקוקט די קריגסלייט האָבען,
זיך באַקוקט די פרויען האָבען,
שמייכלענדיג געזאָגט: אונמעגליך!
„קאָ", — געזאגט, — „עס איז אונמעגליך."

„אויף דעם וואַסער — האָט דערציילט ער —
„אנגעקומען אַ קאַנו איז,
„גרוים משונה, און מיט פליגלען,
„גרעסער ווי אַ וואַלד פון סאָסנעס,
„העכער ווי די העכסטע בוימען."
און די אלטע לייט און ווייבער,
האָבען ווינקענדיג געכיכעט,
„קאָ", — געזאָגט, — „מיר גלויבען עס ניט."

„פונ'ם מויל" — דערציילט זיי האָט ער —
„מיך געקומען צו באַגריסען,
איז דער בליץ דער ווייוואָסימאָ,
און דער דונער ענגעמיקי."
און די קריגסלייט און די ווייבער,
האָבען אויסגעלאַכט אי־אַ־גו'ן,
„קאָ", — געזאגט, — „וואָס פאר'ע שקרים!"

„אין קאַנו מיט גרויסע פליגלען,
„אנגעקומען" — האָט דערציילט ער —
„איז אַ פאָלק פון הונדערט קריגס־לייט.
„ווייס באַפאַרבט איז זיי דער פנים,
„און מיט האָר באַדעקט די מאָרדע."
און די קריגסלייט און די ווייבער,
האָבען קייכענדיג געחוזק'ט,
ווי פון בוימשפיצען די ראבען,
ווי די קראָהען פון די קוסטעס,
„קאָ", — געזאָגט — „וואָס פאר'ע שקרים!
„מיין ניט אז מיר גלויבען טאַקי."

ניט געלאכט האָט הייאַוואַטהאַ,
ערנסט האָט ער אפגעענטפערט,
אויף דעם שפאָט און אויף דעם חוזק:
„אמת איז וואָס ער דערציילט אייך.

„כ׳האָב עס אויך געזעהן אין חלום,
„דעם קאַנו מיט גרויסע פליגלען,
„און דאָס פאָלק פון ווייס־געזיכטער;
„האָב געזעהן דאס באָרד־באדעקטע
„פאָלק פון האָלץ־קאַנו, דאָ קומען,
„פון די ווייטע מאָרגען־לענדער,
„פון דעם העלען לאַנד פון וואָבאָן.“

„גיטשי־מעניטא, דער שטארקער,
„ער דער גרויסער גייסט, דער בורא,
„שיקט אהער זיי אין שליחות,
„שיקט צו אונז זיי מיט א בשורה.
„זיי פאראוים, אוואו זיי קומען,
„פליהט די שטעכ׳גע פליעג, די עהמאָ,
„פליהען ביהנען, האָניג־זאַמלערס,
„שפּראָצט א בלום וואָס מיר ניט קענען,
„שפּראָצט „דער פוס פון ווייסען מענשען.“

„לאָזען מיר די פרעמדע גריסען,
„זיי ווי פריינד, ווי ברידער גריסען,
„געבען זיי די האַנד פון פריינדשאַפט,
„ווען זיי קומען אונז באזוכען;
„גיטשי־מעניטא דער שטארקער,
„דאָס געזאָגט מיר האָט אין חלום.

„אויך געזעהן האָב איך אין חלום,
„אלע סודות פון דער צוקונפט,
„פון די ווייטע טעג וואָס קומען.
„האָב געזעהן ווי קעגען מעריב,
„ציהען אונבאקאנטע פעלקער,
„און דאָס לאַנד מיט מענשען שוויבעלט,
„וועלכע שאַפען, שטרעבען, קעמפפען,
„רעדען שפראכען פיעל, דאָך פיהלען
„אין דער ברוסט דעם זעלבען הערץ־קלאפּ;
„זייער האַק פארהילכט דעם וואַלד האָט,
„וואו א טהאָל געררייכערט האָבען
„זיי׳רע שטעדט, און וואו א וואַסער —
„זיך געיאָגט קאַנום פון דונער.

„מאַט און וואָלקענדיג ערשיינט האָט
„דאַן א בילד מיר, וויסטער, דונקלער,
„כ׳האָב געזעהן צושפּרייט די שבטים,
„ניט געדענקענדיג מיין ראטה מעהר,
„אפגעשוואַכט און שטרייטענדיג זיך;
„כ׳האָב געזעהן א רעשט פון אונז בלויז,
„טרויריג יאָגענדיג קיין מעריב,
„ווי א וואָלקען־שיכט אין שטורעם,
„ווי די טויטע אסיען־בלעטער.“

XXII.

הייאַוואַטהאַ'ס אפּשייד.

ביי דעם ברעג פון גיטשי־גיומי,
ביי דעם ים־וואַסער דעם העלען,
אין דעם שענעם זומער־מאָרגען,
ביי זיין וויגוואם־טהיר געשטאַנען
וואַרטענדיג איז הייאַוואַטהאַ.

פריש געווען די גאנצע לופט איז,
פרעהליך העל די ערד די גאנצע;
מעריב־צו, צום וואַלד, אין זונליכט,
פאר זיין בליק אין גאָלד'נע מחנות,
זיך געטראָגען האָבען עהמאָס,
האָבען ביהנען, האָניג־זאמלערס,
זומענדיג, באשטראהלט פון זונגלאַנץ.

אויבען האָט געבלאנקט דער הימעל,
גלאַט געלעגען איז דאָס וואַסער,

שפרינגענדיג פון דעק דער שטער־פיש,
האָט אין זונענשיין געשימערט;
און פון ברעג דער וואַלד דער גרויסער,
אפּגעשפּיגעלט האָט אין טייך זיך,
יעדער בוים־שפּיץ, אין דעם וואַסער,
האָט געהאַט זיין שטילען שאָטען.

יעדע שפּור פון שמערץ פארשוואונדען,
איז פון הייאַוואַטהאַ'ס שטערען,
גלייך ווי דער טומאַן פון וואַסער,
ווי דער נעבעל פון דער לאַנקע.
מיט א שמייכעל פון נצחון,
מיט דעם פריידען־בליק פון איינעם
וועלכער זעהט פאראוים וואָס ו ו ע ט זיין
און איז נאָך ניטאָ, געשטאַנען
און געוואַרט האָט הייאַוואַטהאַ.

צו דער זונן געהויבען האָט ער,
זיינע הענד די אויסגעשפּרייטע,
דורך די פינגער אויף זיין פּנים
איז דער זונענגלאַנץ געפאלען,
און באפלעקט זיין הוילע שולטער —
ווי ער פאלט און פלעקט דעם דעמב־בוים,
דורך די צווייג־ און בלעטער־שפּאַלטען.

אויפ'ן טייך געשוועבט, געשוואומען
עפּעס איז אין בלויען מרחק,
עפּעס, אין דעם מאָרגען־נעבעל,
האָט געהויבען זיך פון וואַסער,
באַלד געשוועבט און באַלד געשוואומען,
קומענדיג אַלץ נעהנטער, נעהנטער.

איז דאָס שינגיבים דער טויכער
אנגעקומען אויפ'ן וואַסער?
צי דער פּעליקאַן, דער שיידע,
צי דער זומפּ־עוף, דער שושוגאַ,
צי די גאַנז, די וואַבי־וואָ־וואָ
פון איהר גלאַטען האַלז און פּעדערן,
טרייסלענדיג דאָס גלאַנציג וואַסער?

ניט קיין פּעליקאַן קיין טויכער,
ניט קיין גאַנז און ניט קיין זומפּ־עוף,
אויפ'ן טייך געשוועבט, געשוואומען,
האָט אין ווייסען מאָרגען־נעבעל.
בלויז א האָליץ־קאַנו מיט רודערס,
זינקענדיג און הויבענדיג זיך,
טריפענדיג, באַגלאַנצט פון זון־ליכט,
און פון ווייטען לאַנד פון וואַבאַן,

פון די מזרח־קיניגו־ייכען,
איז אין איהם א פאָלק געקומען,
איז דער שוואַרץ־ראק אנגעקומען,
דער פּראָפּעט און תפלה־פּריסטער,
„בלייכגעזיכט“ מיט זיין חברותא.

און דער בראווער הייאַוואַטהאַ,
צו דער הויך די הענד געשטרעקט האָט,
אין דער הויך צום „ברוך־הבא“,
און געוואַרט האָט מלא־שמחה,
ביז געקראַצט דאָס רודער־שיפעל,
האָט די העלע וואַסער שטיינדלעך,
און זיך אפּגעשטעלט ביים זאַמד־ברעג —
ביז דאס „בלייכגעזיכט“ דער „שוואַרץ ראק“,
איז ארונטער אויפ׳ן זאַמד־ברעג.

און מיט פרייד האָט הייאַוואַטהאַ,
אויסגערופען און געזאָגט דאָן:
„פּרעכטיג איז די זון, אָ, פרעמדע,
„ווען איהר קומט פון וויטען זעהן אונז.
„אונזער דאָרף ערוואַרט אייך פריידליך,
„יעדענ׳ס טהיר פאַר אייך איז אָפען,
„קומט אריין אין אַלע וויגוואַמס,
„דען מיר שענקען אונזער הערץ אייך.“

„קיין מאָל ניט די ערד געבליהט האָט,
„קיין מאָל ניט די זון געלוכטען,
„אזוי שען און העל ווי איצטער,
„ווען איהר קומט פון ווייטען זעהן אונז;
„קיין מאָל נאָך איז אונזער טייך ניט,
„אזוי רוהיג שטיל געווען,
„אזוי ריין פון זאַמד און שטיינער:
„אייער שיפעל מיט זיין פאָהרען,
„אפגעראַמט האָט זאַמד און שטיינער.“

„קיין מאָל ניט האָט אונזער טאַבאַק,
„אזא זיסען טעם געהאַט נאָך,
„קיינמאָל ניט פון קוקורוז־פעלד —
„אויסגעזעהן די ברייטע בלעטער,
„אזוי ליעב ווי היינט פריהמאָרגען,
„ווען איהר קומט פון ווייטען זעהן אונז.“

שטאַמלענדיג אין שפּראַך אביסעל
האָט געזאָגט דער „שוואַרץ־ראָק“ הויפּטמאַן,
ווערטער פרעמדע, אונבעקאנטע:
„פרידען דיר, אָ, הייאַוואַטהאַ,
„פרידען דיר און אויך דיין שבט,
„פרידען פון גענאד און תפילה.“

דאן די פרעמדע, הייאַוואַטהאַ,

האָט געבראַכט צו זיך אין וויגוואַם,
זיי געזעצט אויף בופעל־פעלען,
זיי געזעצט אויף ווייסע פעלצען.
ד'אַלטעטשקע נאָקאָמים האָט זיי
שפּייז געבראַכט אין לינדען־שיסלען,
און אין בירקען־בעכערס וואַסער,
זיי געפילט די שלום־ליולקע,
און צום רייכערן אנגעצונדען.

און פון גאַנצען דאָרף די זקנים,
און די קריגסלייט פון דעם שבט,
און די דזשאַסעקידס די זעהערס,
די וואַבינאָס די מכשפים,
און די קרייטעכטס־לייט די מידעס,
אַלע זיינען זיי געקומען,
אום די פרעמדע צו באגריסען,
און געזאָגט דאַן: „גוט איז, ברידער,
וואָס איהר קומט פון וויט צו זעהן אונז“;

זיך געזעצט מיט זיי'רע ליולקעס
האָבען זיי אין קרייז, ביים איינגאַנג,
וואַרטענדיג צו זעהן די פרעמדע,
און צו הערען זייער שליחות.
ביז דאָס „בלייכגעזיכט“ דער „שוואַרץ־ראָק“,

איז ארוים און זיי באגריסט האָט,
שטאַמלענדיג אין שפּראַך אַ ביסעל,
רעדענדיג אין פרעמדע ווערטער.
„ברודער“, — האָבען זיי געזאגט איהם —
„גוט, וואָס דו פון וויים קומסט זעהן אונז.“

דאַן האָט דער פּראָפעט דער „שוואַרץ־ראַק“,
פאַר׳ן פאָלק דערציילט זיין שליחות,
די כונה פון זיין קומען.
און געזאָגט האָבען די הויפּטלייט:
„מיר געהערט דיין שליחות האָבען,
„איינגעהערט די רייד פון חכמה,
„גוט באַקלערען וועלען מיר זיי.
„גוט פאַר אונז איז, ברידער ליבע,
„וואָס איהר קומט פון וויטען זעהן אונז.“

אויפגעשטעלט זיך דאַן האָט יעדער,
און אַוועג צו זיך אין וויגוואַם,
און דערציילט פאַר ווייב און קינדער,
די געשיכטע מיט די פרעמדע
וואָס דער לעבענס־האַר געשיקט האָט,
פון דעם העלען לאַנד פון וואַבאַן.

פון דער שטילקייט און דער היץ איז,

שווער געוואָרען דער נאכמיטאג,
שלעפעריג דער וואַלד געשושקעט
האָט ארום דעם דושנעם וויגוואַם,
און פארשלאָפען האָט דאס וואסער,
אונטען ביי דעם ברעג געפּליוסקעט.
פון דעם פעלד געגרילצט אָהן אויפהער,
האָט דער היישריק, פאָ־פּאָק־קינע,
פון דער זומער־היץ פארמאטערט,
האָבען אין געשטיקטען וויגוואַם,
הייאַוואַטהאַ׳ס געסט געשלומערט.

לאַנגזאַם אויף די הייסע לאַנדשאַפט,
איז אַראָפּ דער קיהלער אבענד,
לאַנגע קרומע שטראהלען האָבען,
אויפ׳ן וואַלד געשאָסען שפּיזען,
ברענענדיג זיין שאָטען־פּאַנצער,
דרינגענדיג אין דונקלע ווינקלען,
שפּיאָנענדיג דורך אלע קוסטעס,
יעדען טהאָל און יעדען פעלז־שפּאַלט.
דאָך אין שטילען וויגוואַם האָבען
הייאַוואַטהאַ׳ס געסט געשלומערט.

אויפגעשטאַנען פון זיין פּלאַטץ איז
הייאַוואַטהאַ דאַן, און האָט זיך

אָפּגעזעגענט מיט נאָקאָמיס,
שטיל צו איהר געשושקעט האָט ער,
אום די געסט ניט אויף־צו־וועקען:

„כ'געה אוועג איצט, אָ, נאָקאָמיס,
„אויף א לאנגע ווייטע רייזע,
„צו די טהויערען פון אבענד,
„צו די געגענדען פון היים־ווינד,
„צפון־מעריב־ווינד, קיווײדין,
„דאָך די געסט וואָס איך לאָז איבער,
„לאָז איך אין דיין שמירה איבער.
„זעה זיי זאָל קיין בייז ניט טרעפען,
„זיי קיין מורא זאל ניט פלאָגען,
„קיין פאַרדאַכט און קיין סכנה —
„זיי קיין שפייז און שוץ ניט פעהלען,
„זאָל אין הייאַוואַטהאַ'ס וויגוואַם."

דאן אין דאָרף געגאנגען איז ער,
זיך געזעגענט מיט די קריגס־לייט,
זיך געזעגענט מיט די יונגע,
און מיט מילדער שפּראך געזאגט זיי:

„כ'געה אוועג איצט, ברידער מיינע,
„אויף א לאנגע ווייטע רייזע,

„פיעל לבנות און פיעל ווינטערס,
„ווערלען קומען און פארשווינדען,
„איידער איך וועל אייך צוריק זעהן.
„אָבער מיינע געסט אייך לאָז איך;
„הערט פון זיי די חכמה־ווערטער,
„הערט פון זייער מויל די וואהרהייט,
„דען דער האַר פון לעבען שיקט זיי,
„פון דעם לאַנד פון ליכט און מאָרגען."

ביי דעם שטראָם געשטאַנען איז ער,
זיי געוויגט די האַנד צום אָפּשייד,
דאַן אַראָפּגעלאָזט דאָס שיפעל,
אין דאָס ליכטיג־קלאָרע וואַסער,
און געשושקעט איהם: „צו מעריב!"
און אוועג איז שנעל דאָס שיפעל.

און אַראָפּ די אבענד־זון איז,
האָט די וואָלקענס רויט צופלאַקערט,
האָט דעםברייטען ווייטען הימעל,
ווי א פריירי אנגעצונדען.
אויפ'ן גלאַטען טייך געפאַלען
איז א לאַנגער שטעג פון שימער,
און אויף איהם האָט הייאַוואַטהאַ,
גלייך ווי מיט א שטראָם ארונטער,

מעריב־צו, אריינגעשיפט זיך
אין דעם גליהענדיגען הימעל,
אין די פורפורנע טומאַנען,
אין די דונקעלהייט פון אבענד.

און דאָס פאָלק פון ברעג געזעהן האָט,
ווי ער שווימט און זינקט און הויבט זיך,
ביז אזוי ווי אויפגעהויבען,
האָט אין ליכט־ים זיך דאָס שיפעל,
און פארזונקען אין די נעבעלס,
ווי עס זינקט די האלב־לבנה,
לאַנגזאַם, אין דער פורפור־ווייטקייט.

און זיי האָבען אויסגערופען:
„געה לשלום, הייאַוואַטהאַ,
„געהסט אויף אימער, געה לשלום!"
און דער וואַלד דער איינזאַם־שוואַרצער
האָט געזיפצט דאַן: „געה לשלום!"
און די וועללען אויפ'ן טייך־ברעג
שאַרשקענדיג די שטיינדלעך, האָבען
אויסגעחליפעט: „געה לשלום!"
און דער וואַסער־עוף שושוגא,
פון זיין זומפ־נעסט האָט געשריען:
„געה לשלום, הייאַוואַטהאַ."

אט אזוי אוועג איז דאַמאָלס,
הייאַוואַטהאַ, דער באליבטער,
אין דער שטראַהלען־פּראַכט פון אַבענד,
אין די פּורפּור־רויטע נעבלען,
צו די געגענדען פון היים־ווינד,
צפון־מעריב־ווינד, קיוויידין;
צו די אינזלען פון די ג׳בענשטע,
צו דעם קיניגרייך פּאָנימעה,
צו דעם לאַנד פון „נאכ׳ן־קבר.“